STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11253

KRONEN UND REVOLUTSYONEN

A. Tanenboym

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11253-4

9780657112530T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

— וואס טהוסט דוא קארמען? האט דער אלטער גראף געפרעגט. — דוא וועסט דאך אויסשמיערן דיינע קליידער.

— נו, וואס איז? האט קארמען געלאכט, דאן אלווארא האט מיר געבראכט דיא בלוטיגע בעווייזע פון זיין גרויסער ליעבע צו מיר; איך מוז איהם וויזען, אז איך האב פאר אזעלכע זאכען קיין מורא ניט.

דער שפאנישער גראף האט געוואלט עפּעס ענטפערן, אין דיעזע מינוט אבער איז צוגעקומען דער קאפּאטאז, דער פערוואלטער פון דער האסיענדא און האט געזאגט צום אלטען גראף:

— אלעס איז פארבערייטעט. זאל איך געבען דעם צייכען?

דער אלטער גראף האט א מאך געטאהן מיט דער האנד.

37טער קאפּיטעל.

אין פייער און פלאמען.

קוים האט דער אלטער גראף א מאך געטאהן מיט דער האנד, האט מען פון יענער זייט טייך אויסגעשאָסען און אין צעהען ערטער האבען זיך געוויעזען פייערן. אין איינינע מינוטען האט דיא גאנצע געגענד ארום געברענט און איז געווען א מעער פון פלאמען.

— דאס איז שעהן! דאס איז גרויסארטיג! האט דיא יונגע גרעפין אויסגערו־פען. — זעהט נור, הערר לאפערם, וויא אלעס ארום ברענט און פלאקערט.

אלע האבען בעטראכט דיא זעלטענע סצענע. אין ערטער, וואו דיא ערד איז געווען פייכטער און דיא גראזען זיינען נאך געווען גרין, האט דאס פייער נאך ניט געברענט. אזעלכע ערטער האבען אויסגעוויעזען, וויא אינזלען אין מעער.

פּלוצלונג האט גענעראל גאריבאלדי ארויפגעלעגט זיין האנד אויפ'ן אלטען גראף'ס ארים און האט איהם געוויעזען אויף א שווארצען פונקט צווישען דיא פלאמען.

— זעהט נור, גראף, דארט קומט אן א רייטער. איז ער ניט אין געפאהר?

— צום טייפעל! דער קערל פערדיענט, ער זאל פערברענט ווערן! האט אויס־גערופען דער גראף. דאס איז געוויס איינער פון מיינע וואקעראָ'ס, וועלכער האט זיך פערשפעטיגט. ער וויים דאך, אז היינט צינדעט מען אן דיא פּאמפּאס.

— דענאך מוז מען זעהן איהם צו רעטען, האט גאריבאלדי בעמערקט.

— סעניאר קאפּאטאז! ווער פעהלט פון אונזערע וואקעראָ'ס? האט דער גראף געפרעגט זיין פערוואלטער.

— זיי זיינען אלע דא, קיינער פעהלט ניט, האט דער קאפּאטאז געענטפערט. דענאך וועל איך געהן מיך איבערצייגען.

ער האט צוגערופען זיינע געהילפען און האט זיי געפרעגט:

— זיינען דיא פיער וואקעראָ'ס, וועלכע האבען אונטערגעצונדען דיא פּאמפּאס שון דאָ צוריק?

— אָט זיינען זיי, האט מען איהם געענטפערט.

— דאן איז יענער רייטער א פרעמדער, וועלכער איז ניט בעקאנט מיט דער

גענענד און ווייס ניט, וואס דא קומט פאָר, האט גאריבאלדי אויסגערופען. ער איז אין געפאהר! ער קען פערברענט ווערן!

— דאס איז א רייזענדער, האט דער קאפּאטאז זיך אפּגערופען, איך זעה, אז ער קומט אן ניט פון דיא פּאמפּאס, זאנדערן פון דיא וועלדער.

— גאט אים הימעל! האט אויסגערופען דיא יונגע גרעפין, דער רייזענדער איז פערלאָרען! — דאס פייער ווערט מיט יעדער מינוט גרעסער. — טהוט עפּעס, מיינע הערדען! — רעטעט זיי!

אלע האבען א קוק געטאהן אין דער זייט, וואו דיא יונגע גרעפין האט געוויעזען דארט זיינען געשטאַנען אנדערע צוויי געשטאַלטען. אלזא, צוויי אדער דרייא רייטער זיינען אנגעקומען.

— צום טייפעל! האט געברומט דער אלטער גראף, וואס איז מיט זיי היינט? פון וואנען האבען זיך היינט גענומען אזוי פיעל נאררען, וועלכע קריעכען אין פייער?

דער ערשטער רייטער איז ניט געווען אין קיין גרויסער געפאהר. ער האט געקענט זעהר לייכט ארייןשפּרינגען אין זעע (אָזיעראָ) מירים. דיא אנדערע רייזענדע אבער זיינען געווען אין דער גרעסטער געפאהר.

אין א מינוט, ווען דער ווינד האט צוטריעבען דעם רויך, האט מען געזעהן, וויא אויף א בערגעל שטעהען צווייא געשטאַלטען: איינע צו פוס און דיא אנדערע אויף א פערד. ביידע זיינען געשטאַנען אויף א בערגעל און וויא עס האט אויסגעוויעזען, האבען זיי זיך בעראטהען, וואס צו טאהן. באלד אבער האט דער שטארקער רויך זיי פער-שטעלט און מען האט זיי שוין מעהר ניט געזעהן.

— וואס טהוט מען, הערר גראף: האט גאריבאלדי אויסגערופען, איז גאר ניטא קיין מיטעל זיי צו רעטען? — איך בין א פרעמדער, איך בין ניט בעקאנט מיט דעם לעבען און דיא זיטען (מנהגים) אויף דיא פּאמפּאס. איהר וואהנט דאך שוין דא זעהר לאנג און ווייסט געוויס וואס צו טאהן אין אזא פאל.

— עס טהוט מיר לייד, אייך צו זאגען, אז איך האב מורא, אז יענע צוויי זיינען פערלארען, האט דער אלטער מאן געענטפערט. זיי זיינען אנגעקומען פונקט אין דער צייט, ווען מען האט אונטערגעצונדען דיא פּאמפּאס פון אלע זייטען.

— הערט! זיי שיעסען! האט דיא יונגע גרעפין אויסגערופען. — זיי בעטען הילף! — רעטעט זיי! האט מיטלייד מיט צוויי מענשען! — וויא לאזט מען עס מענשען פערברענט ווערן פאר אייערע אויגען?

זיא איז געווען אויסער זיך. איהרע בליקען זיינען געלאפען פון איינעם צום אנדערן צו אלע מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום איהר.

— עס איז אומזיסט, סעניאָרא! האט דער שפּאנישער גראף געזאגט. עס איז געוויס א האלבע שטונדע וועג ביז צום בערגעל, וואו דיא אונגליקליכע שטעהען. וויא קען מען צוקומען צו זיי?

דאס יונגע מעדכען איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד און צו וויינען, וויא א קליין קינד:

— האט מיטלייד, מענשען! — רעטעט זיי!

דער ווינד האט אויף א מינוט צוטריעבען דעם רויך און מען האט ווידער גע־זעהן דיא צוויי געשטאלטען אויפ'ן בערגעל. איינער פון זיי איז נאך אלץ געזעסען אויפ'ן פערד און האט געפאכט מיט א טאשענטוך. ער האט גערופען און געבעטען. דער אנדערער איז געלעגען אויף דער ערד און האט דארט עפּעס געטאהן.

— וויא עס ווייזט אויס, זיינען זיי גוט בעקאנט מיט דיא פאמפאס! האט דער קאפּאטאז אויסגערופען. — ווייסט איהר, וואס דער מאן, וואס ליעגט אויף דער ערד טהוט יעצט? — ער שניידעט אויס דיא גראָזען ארום בערגעל. ער וויל זיך מאכען פרייען פלאץ, וואו דאס פייער זאל ניט האבען וואס צו ברענען. — עס איז אבער אומזיסט! עס וועט איהם גאר ניט העלפען. זיי וועלען דערשטיקט ווערן פון רויך.

— פאר וואס אבער זיצט דער רייטער רוהיג אויפ'ן פערד? האט דער שפּאני־שער גראף געפרעגט, פאר וואס גיט דער נארר ניט זיין פערד דיא שפּאָרען און אנטלויפט? — לאז דער אנדערער פערברענט ווערן! ער אבער וואלט זיך דאך פיעלייכט געקענט רעטען.

דער קאפּאטאז האט זיך בעסער צוגעקוקט צו דיא צוויי געשטאלטען און האט אויסגערופען:

— צום טייפעל! אויפ'ן פערד זיצט א פרוי!

— א פרוי! האט אויסגערופען דיא יונגע גרעפין, וויא א פערצווייפעלטע, — א פרוי? רעטעט דיא פרוי! — איך גיב טויזענד פעזאס דעם מענשען, וועלכער וועט רעטען יענע פרוי! — צעהן טויזענד!

אלע האבען געשוויעגען. קיינער פון דיא ארבייטער, דיענער און געסט פון דער האסיענדא האט ניט געוואלט זיך ווארפען אין אזא געפאהר, אין א זיכערן טויט.

קארמען האט געוויינט, איהרע קאמערמעדכען האבען געוויינט, זאגאר אויף דיא געזיכטער פון דיא ווילדע וואקעראָ'ס האבען זיך געוויעזען טרערין.

— גיט מיר אייער קאָמפּאס, גענעראל! האט פלוצלונג אויסגערופען א פעסטע שטימע. — שנעל! גיט מיר א פערד, אבער דאס בעסטע און דאס שנעלסטע!

אלע האבען זיך אומגעקוקט, ווער עס האט עס געזאגט. גאריבאלדי האט באלד דערקענט דיא שטימע פון זיין אָפיציער, פראנסוא לאפּערם.

— וואס ווילסט דוא טאהן, פראנסוא? האט ער איהם געפרעגט. — דוא ביזט דאך ניט בעקאנט מיט דיא פאמפאס?

פראנסוא אבער האט שוין ניט געקענט הערן, וואס זיין פריינד און זיין גענעראל האט גערעדט צו איהם. ער איז שוין געווען אין פארקען, וואו דיא ארבייטער האבען נור וואס אפּגעשונדען דיא פעל פון'ם אָקס, וועלכען דער שפּאנישער גראף האט גע־טייטעט. ער האט אראפּגעריסען דיא פעל מיט שטיקער פלייש פון'ם אָקס און האט זיא געשלעפּט מיט זיך.

— א פערד! שנעל, א פערד! האט ער געשריען צו דיא ארבייטער. — נעצט איין א גראבען מאנטעל אין וואסער! — צושניידעט דיא פעל פון'ם אָקס!

צוואר האבען ניט אלע פערשטאנען, וואס ער האט געוואלט טאהן, עס איז אבער קיין צייט ניט געווען צו פרעגען.

איינינע וואַקעראָס האבען געבראכט א פערד, דיא אנדערע האבען גענאסען וואסער אויף מאנטלען; ווידער אנדערע האבען צושניטען דיא פרישע אבגעשונדענע פעל פון'ם אָקס.

— האלט צו דאס פערד ביי אלע פיער פיס! האט פראנסואַ קאָמאַנדירט.

מען האט צוגעהאלטען דאס פערד.

— הייבט איהם אויף דעם רעכטען פוס!

מען האט אויפגעהויבען דעם רעכטען פוס.

פראנסואַ האט ארומגעוויקעלט דעם רעכטען פוס פון'ם פערד מיט א גרויס שטיק פעל פון'ם פריש אפגעשונדענעם אָקס.

— ניט אהער נאסע שטריק!

מען האט איהם דערלאנגט נאסע שטריק.

ער האט ארומגעבונדען דיא נאסע פעל מיט נאסע שטריק. יעצט האבען שוין אלע פערשטאנען, וואס דער יונגער פראנצויז וויל טאהן. ער האט געוואלט רייטען צום בערגעל רעטען דיא אונגליקליכע פרוי. אום זיין פערד זאל זיך ניט פערברענען דיא פיס, האט ער איהם ארומגעוויקעלט דיא פיס מיט דער פרישער פעל פון'ם אפגעשונ־דענעם אָקס.

— בראוואָ! בראוואָ! האט אויסגערופען דער קאַפּאַטאַז, דער יונגער אפיציער האט אויסגעפונען דאס איינציגע ריכטיגע מיטעל צו רעטען דיא רייזענדע. — דאס וואלט איך ניט ערווארטעט פון א מענשען, וועלכער איז אזוי וועניג בעקאנט מיט דעם לעבען אין דיא פּאמפּאס.

— אך, ער וועט זיא רעטען! האט דיא יונגע גרעפין אויסגערופען, אך! איך האב עס פריהער געוואוסט, אז ער איז דער איינציגער וועלכער קען זיא רעטען.

זיא האט איהם געוואלט געבען דיא האנד, פראנסואַ אבער איז געוועזען צופיעל בעשעפטיגט מיט זיינע פּאָרבערייטונגען און האט ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך ארום איהם.

— דעם קאָמפּאס, גענעראל! האט ער געבעטען.

— נאָרד — נאָרד — אָסט (צפונית — צפונית — מזרחית) האט גאריבאלדי געזאגט, צוויי פונקטען קיין אָסט.

— יעצט, דאָן אלווארא, האט פראנסואַ געזאגט צום שפּאנישען גראף, יעצט וויל איך אייך בעווייזען, אז ווען מען דיענט אויף א שיף, קען מען זיך אויסלערנען איינינע ניצליכע זאכען. — הייסט, אז מען זאל דיא נאנצע צייט קלינגען מיט'ן גרויסען גלאָק פון דער האסיענדא. דאס וועט זיין פאר מיר א צייכען וואוהין צוריק צוקומען.— יעצט, אדיע, שעהנע דאמע!

ער האט זיך פערניינט פאר דער יונגער גרעפין, איז ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן פערד און האט ארויפגעווארפען איין נאסען מאנטעל אויפ'ן פערד און מיט דעם אנדערן נאסען מאנטעל האט ער זיך איינגעהילט. דאן האט ער איינגעגראבען זיינע שפּארען אין דיא זייטען פון'ם פערד און איז אריינגעשפּרונגען אין טייך איאי. אין א פּאר מינוטען ארום איז ער פערשוואונדען געווארען אין רויך און אין דיא פלאמען אויף דיא פּאָמפּאס.

— דאס הייסט מוטה! דאס הייסט טאפפערקייט! האט דיא שעהנע קארמע אויסגערופען.

— גאט און אלע הייליגע זאלען איהם העלפען! האבען אויסגערופען דיא דיענסט־מעדכען און דיא פרויען פון דיא ארבייטער, וועלכע זיינען דערביי געשטאנען.

— צו דער ארבייט! האט קאמאנדירט דער אלטער גראף. זעהט, וואו איז ערגעץ דער אנדערער רייטער! — קלינגט מיט'ן גלאק פון דער האסיענדא!

דער קאפאטאז און דיא ארבייטער און וואקערא'ס האבען זיך יעצט גענומען צו דער ארבייט. איינער האט געקלונגען מיט'ן גלאק, אנדערע האבען אנגעשעפט גרויסע עמערס מיט וואסער, זיינען אריבערגעגאנגען פון יענער זייט טייך און האבען געגאסען וואסער אויף דער ערד: זיי האבען געוואלט אפקיהלען דעם וועג פאר'ן מוטהיגען פראנסוא. — ווידער אנדערע זיינען ארויפגעקראכען אויפ'ן דאך אום צו געבען א צייכען דעם אנדערן רייטער, וויא ער זאל זיך רעטען.

גאריבאלדי איז געשטאנען אויפ'ן הויכען באלקאן טרויעריג און פערזארגט. ער איז געוועזען א מוטהיגער סאלדאט און האט זיך געקענט שטעלען געגען אדמיראל בראון געגען אזא פיינד אבער האט ער ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט גענומען זיין פעלדגלאז (ספעקטיוו) אין דיא הענד און האט געקוקט אויף דעם ארט, וואו פראנסוא איז פערשוואונדען אין פייער און פלאמען.

דיא שעהנע קארמען איז צוגעקומען צו איהר פאטער, האט ארויפגעלעגט איהר קעפעלע אויף זיין הארץ און האט געוויינט.

שווערע, לאנגע, אונרוהיגע, שרעקליכע, טרויעריגע מינוטען זיינען פערגאנגען. עס האט געדויערט נור איין פיערטעל שטונדע, נור פופצעהן מינוט, פאר איינינע אויף דער האסיענדא אבער האבען דיעזע פופצעהן מינוט זיך אויסגעוויעזען פופצעהן לאנגע און שווערע יאהרען.

פון דעם וואסער, וועלכעס דיא ארבייטער האבען געגאסען אויף דיא פאמפאס, אום אפצוקיהלען דעם וועג פארן מוטהיגען פראנסוא, איז געווארען אזא דאמפף, אז עס איז שוין גאר געוועזען אונמעגליך צו זעהן עפעס.

פלוצלונג האט מען דערהערט א דומפיגעס געשריי:

— איטאפאטריקא, א האי! — הא — א האי!

דאס איז געוועזען דער געשריי פון גאריבאלדי'ס מענשען, ווען ער האט קאמאנדירט דיא „איטאפאטריקא.“

פון'ם רויך און דאמפף האט זיך געוויעזען א דונקעלע געשטאלט רייטענדיג אויף א פערד. נעהנטער און נעהנטער איז צוגעקומען דיא געשטאלט. זיא איז געוועזען שווארץ פון רויך און רוס (סאזשא). וויא א שטורמווינד האט זיך דיא געשטאלט אריינגעווארפען אין טייך איאי, איז איהם אריבערגעשוואומען און איז צוגעקומען צו דער האסיענדא.

ערשט יעצט האט מען געזעהן, אז דיא האר פון'ם רייטער זיינען פערברענט, זיינע קליידער זיינען פערזענגט (פערסמאלעט) — צוגעפרעסט צו דער ברוסט און

איינגעהילט אין זיין מאנטעל האט ער געהאלטען אַנאנדער געשטאלט. — דער רייטער האט געקייכט. — ער איז געווען האלב דערשטיקט פון רויך און דאמפף.

קוים איז ער געקומען אויף דער אנדערער זייט פון׳ם טייך איאי, איז דאס פערד אומגעפאלען און איז קרעפירט. — עס זיינען צוגעלאפען מענשען. — צעהנער הענד האבען זיך אויסגעשטרעקט — מען האט איהם אויפגעהויבען.

דיא שעהנע קארמען, גענעראל גאריבאלדי, דער אלטער דע מאסעניאק, דער שפאנישער גראף און אנדערע זיינען צוגעלאפען צו איהם. — פראנסוא האט צונומען זיין מאנטעל — אין איהם איז געליגען א פרוי אין אהנמאכט.

קוים האט גאריבאלדי דערזעהן דיא אהנמעכטיגע פרוי, האט ער זיא ארומגעחאפט און האט זיא צוגעפרעסט צו זיין ברוסט:

— בארמהערציגער הימעל! — אניטא! — מיין ליעבע, טהייערע אניטא! האט ער אויסגערופען.

פראנסוא איז געפאלען אהנמעכטיג לעבען זיין געליעבטען פריינד און גענעראל. מען האט איהם אויפגעהויבען, מען האט איהם ארויפגעטראגען אויפ׳ן באלקאן. קארמען האט איהם געשפריצט וואסער אין געזיכט און האט איהם געגאסען קאניאק אין מויל.

גאריבאלדי האט אריינגעטראגען זיין אהנמעכטיגע פרוי אין זיין צימער און האט גערופען אייניגע פרויען פון דיא ארבייטער, זיי זאלען זיא אויסטאהן און איהר העלפען. זיא איז באלד געקומען צו זיך און דיא ערשטע ווערטער וואס זיא האט געזאגט, זיינען געווען:

— וואס מאכסט דוא, דשהעפע?

38טער קאפיטעל.

דיא דעפעשע.

ווען אלעס האט זיך אביסעל בערוהיגט, און דאס גאנצע גראז פון דיא פאמפאס האט אפגעברענט, האט מען געזעהן, וויא א מאן הויבט זיך אויף פון דעם בערגעל, אויף וועלכען אניטא מיט נאך איינעם איז פריהער געשטאנען.

דער מאן האט עפעס געטאהן נאך אויפ׳ן בערגעל, דאן האט ער אנגעהויבען צו געהן אויף דיא אפגעברענטע ערד גלייך צו דער האסיענדא.

דאס איז געווען פעלזענהערץ. מיר מוזען דערצעהלען אין קורצען, וואס עס האט פאסירט מיט איהם און אניטא, זייט זיי האבען זיך צושיידט מיט לארד סטאנפארד.

פעלזענהערץ אלס יעגער איז געווען גוט בעקאנט מיט דער געגענד. אניטא האט איהם געזאגט, אז איהר מאן געפינט זיך אין דער קאלאניע דעל קארמען און ער האט זיא געפיהרט אהין. אויפ׳ן וועג האט ער זיא אפגעהיט און איז ארומגעגאנגען ארום איהר, וויא א מוטער ארום איהר קינד.

ער האט זיא געפיהרט אויפ׳ן נאהענטסטען וועג צו דער האסיענדא דעל קארמען. אזוי וויא ער איז געגאנגען צופוס, האט דיא רייזע געדויערט זעהר לאנג. זיי זיינען געווען זעהר מיעד, ווען זיי זיינען צוגעקומען נים ווייט פון דער האסיענדא. זיי זיינען ארויפ-

געפאהרען אויפ'ן בערגעל זיך אומקוקען, אוב מען זעהט שוין דיא געביידע פון דער האסיענדא.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט א שוס און אין א מינוט האבען זיך דיא גראזען אנגעצונדען פון אלע זייטען. זיי זיינען געווען ארומגערינגעלט פון א מעער פון פייער.

דיא לעזער ווייסען שוין, וויא פראנסוא איז געקומען זיי רעטען. ווען ער איז צו־געקומען צו זיי, האט פעלזענהערץ איהם געזאגט:

— רעטעט דיא פרוי, איך וועל מיך שוין אליין רעטען.

פראנסוא האט זעהר געוואלט ארויפנעהמען ביידען אויף זיין פערד, פעלזענהערץ אבער האט אראפגעחאפט אניט'ן פון איהר פערד, האט זיא ארויפגעזעצט אויף פראנ־סוא'ס פערד און האט זיא ארומגעוויקעלט מיט זיין נאסען מאנטעל. דאן האט ער א זעץ געטאהן דאס פערד און עס איז געלאפען צוריק.

ווען פראנסוא מיט אניטא'ן זיינען אוועקגעפאהרען, האט פעלזענהערץ גענומען זיין לאנגעס יאגד מעסער און האט עס אריינגעשטאכען אניטא'ס גרויעס פערד אין הארצען. דאס פערד איז געפאלען צו דער ערד. פעלזענהערץ האט איהם אויפגעשני־טען דעם בויך, האט ארויסגענומען דאס אינוועניגסטע און האט זיך אריינגעלעגט אין פרישען קערפער פונ'ם פערד.

דאס האט איהם גערעטעט. דאס פייער האט געברענט ארום דעם פרישען קערפער פונ'ם פערד און האט איהם ניט געשאדעט. צום גליק, זיינען אויפ'ן בערגעל געווען וועניג גראזען. דאס בלוט און דיא געדערים פונ'ם פערד האבען אויך א ביסעל אפגעהאלטען דאס פייער.

ווען דיא גראזען ארום בערגעל און אויפ'ן בערגעל האבען אין גאנצען אפגעברענט, האט פעלזענהערץ אנגעהויבען ארויסצוקריעכען פונ'ם קערפער פונ'ם פערד. — וויא ער האט דאמאלס אויסגעוויעזען, זאל יעדער לעזער זיך אויסמאלען, וויא ער וויל. קוים אבער איז ער ארויסגעקראכען פונ'ם פערדס בויך און האט געזעהן, אז דאס פייער האט אויסגעברענט ארום, האט ער אנגעהויבען צו שניידען שטיקער פונ'ם פערד און זיי ארומבינדען ארום זיינע פיס.

ער האט זיך געמאכט א פאר נייע, גרויסע שיך פונ'ם פערדס פלייש. מיט אזא פאר שיך האט ער געקענט געהן איבער דיא הייסע ערד פון דיא פאמפאס.

דיא מענשען אויף דער האסיענדא האבען יעצט געזעהן מיט שטוינען, וויא א גאנץ הויכער מענש, א ריעז, געהט איבער דיא אפגעברענטע ערד.—פעלזענהערץ איז געווען א הויכער און שטארקער מאן, וויא איך האב איהם שוין בעשריעבען. יעצט אבער, ווען ער האט זיך צוגעבונדען צו דיא פיס גרויסע שטיקער פערד פלייש, האט ער אויסגעוויעזען נאך העכער. פון דער ווייטענס האט ער אויסגעוויעזען גאר שרעקליך.

ער איז געגאנגען זעהר לאנגזאם. אין אזא פאר שיך, וועלכע ער האט יעצט געטראגען, קען מען ניט געהן זעהר גיך. ענדליך איז ער צוגעקומען צו דער האסיענדא. ער האט געמוזט דורכגעהן דעם טייך אי אי. דאס האט איהם אבער זעהר וועניג

געקימערט. דער טייך אי אי איז ניט שטארק טיעף לעבען דער האסיענדא דעל קארמען.

ווען ער איז אריינגעגאנגען אין גרויסען הויף פון דער האסיענדא, איז גענעראל גאריבאלדי איהם ענטגעגען געגאנגען און האט איהם דערלאנגט דיא האנד. אניטא האט איהם שוין דערצעהלט, אז דער יעגער האט זיא געבראכט אהער.

— וואס מאכט דיא פרוי, וועלכע איך האב געבראכט? האט פעלזענהערץ געפרעגט.

ער האט ניט געקענט דעם גענעראל גאריבאלדי און האט ניט געוואוסט, אז ער רעדט מיט איהם.

— איהר מיינט געוויס אניטא, מיין פרוי? האט גאריבאלדי געפרעגט.

— איך פרעג, וואס מאכט אניטא גאריבאלדי?

— זיא פיהלט זיך גאנץ גוט, האט גאריבאלדי געענטפערט.

— וואס מאכט דער יונגער מאן, וועלכער איז אזוי פלוצלונג געקומען זיא רעטען? האט דער יעגער ווייטער געפרעגט.

— ער איז געזונד! איהם וועט גאר ניט שאדען! האט גאריבאלדי אויסגערופען, אן אפיציער פון דער „איטאפאטריקא“ האט קיין מורא ניט פאר פייער, ניט פאר וואסער.

דער אלטער גראף דע מאסעניאק איז יעצט צוגעקומען צום יעגער. ער האט איהם דערלאנגט זיין האנד און האט איהם געזאגט:

— זייט ווילקאמען ביי מיר אין הויז! איך קען אייך צוואר ניט, איך ווייס אבער, אז איהר זייט א גוטער מענש: איהר האט גערעטעט דיא פרוי פון מיין פריינד, גענע־ראל גאריבאלדי.

פעלזענהערץ איז געווען אויסגשמיערט און פערשמוצט, אז מען האט קוים גע־קענט דערקענען, אז דאס איז א מענש. דער אלטער גראף אבער איז געווען אזוי פול מיט פרייד, וואס גאריבאלדי'ס פרוי מיט איהר רעטער זיינען גליקליך גערעטעט און געפינען זיך אויף זיין פארם, אז ער האט אנגענומען דעם אויסגעשמיערטען יעגער און האט איהם צוגעפיהרט צו זיין טאכטער.

— ליעבע קארמען, אט איז דער מאן, וועלכער האט גערעטעט אניטא גארי־באלדי! האט ער איהר געזאגט.

דיא שעהנע קארמען האט דערלאנגט דעם אויסגעשמיערטען יעגער איהר שעהנע האנד.

פראנסוא לאפערם איז שוין אזוי וויט געקומען צו זיך, אז ער איז געזעסען אויף א שטוהל לעבען דער שעהנער קארמען. ער איז אויך געווען ניט גאנץ שעהן אין דיעזע מינוט. זיינע קליידער זיינען געווען האלב פערברענט; זיינע הענד און זיין געזיכט זיינען געווען שווארץ פון רויך און רוס (סאזשא), זיינע אויגען אבער האבען געלייכטעט פון פרייד, גליק און ליעבע.

יעצט זיינען אלע געזעסען און האבען גערעדט און דערצעהלט, וואס עס איז פארגעקומען און וועלכע געפאהרען יעדער איז איבערגעשטאנען. דער אלטער גראף

האט געהייסען ברענגען וויין און עסענוואַרג און האט אויפגענומען זיין נייען גאסט זעהר פריינדליך.

ווען פעלזענהערץ האט עפעס גענעסען, האט ער אנגעהויבען צו דערצעהלען, וואס מיט איהם האט פאסירט, וואו ער האט געטראפען אניטא גאריבאלדי און וויא ער האט זיא גערעטעט. גאריבאלדי האט איהם אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

אזוי וויא מען איז געזעסען און גערעדט, איז אנגעקומען דער קאפאטאז מיט נאך א רייטער. דאס איז געווען דער ערשטער רייטער, וועלכען גאריבאלדי האט בעמערקט אין דיא פאמפאס, ווען מען האט זיי אונטערגעצונדען. דיעזער רייטער אבער איז געווען גוט בעקאנט מיט דער געגענד און האט געוואוסט, וויא זיך צו רעטען. ער איז אריינגעשפרונגען אין זעע (אזיערא) מירים און איז דארט געבליעבען שטעהן אין וואסער, ביז דיא פאמפאס האבען אין גאנצען אפגעברענט.

אריבערשווימען דיא זעע מירים איז געווען אונמעגליך. זיא איז זעהר טיעף און צו ברייט, אום מען זאל זיא אזוי לייכט אריבערשווימען. — ער האט גאנץ איינפאך איבערגעווארט אין וואסער, ביז דער קאפאטאז איז צוגעקומען צו איהם מיט א שיפעל און האט איהם געבראכט אין דער האסיענדא. דאס פערד האבען זיי געמוזט לאזען אין וואסער.

קוים איז דער צווייטער רייטער אנגעקומען אין דער האסיענדא, האט ער געפרעגט:

— קען איך זעהן גענעראל גאריבאלדי?

— איך הייס גאריבאלדי! וואס דארפט איהר מיך?

— איך האב צו אייך א דעפעשע פון אייראפא, האט דער מאן געענטפערט.

— ווער האט אייך געגעבען דיעזע דעפעשע?

— דער פרעזידענט פון דער רעפובליק אורוגוואי האט מיר איבערגעגעבען דיעזע דעפעשע און האט מיר געהייסען אייך אויפזוכען. איך פאהר שוין ארום זייט צעהן טאג און בין העכסט גליקליך, וואס איך האב אייך ענדליך געפונען.

— גיט מיר דיא דעפעשע, האט גאריבאלדי געזאגט.

דער קוריער פון'ם פרעזידענט האט אויפגעעפענט זיין בריעף טאשע, האט ארויסגענומען א בריעף מיט א גרויסען בלייען זיעגעל פון'ם פראנצויזישען גענעראל קאנסול אין מאנטעווידעא און האט איהם דערלאנגט דעם גענעראל. דאן האט ער זיך געווענדעט צום אלטען גראף דע מאסעניאק און האט איהם געזאגט:

— פון אייערטוועגען האב איך אויך צוויי בריעף און איינינע צייטונגען.

גאריבאלדי האט האסטיג אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט פון איהם ארויסגענומען א פערמאכטען בריעף. ער האט אויפגעריסען דעם אנדערן בריעף און האט אין איהם געפונען א קליין ביינעלע פאפיער. אויבען זיינען געווען אויסגעמאלט צוויא שווערדען און דער קאפ פון א טויטען.

אונטער דיעזע צייכענס זיינען געשטאנען נור צוויי צייכען.

„קום! — עס איז שוין צייט! — איך און איטאליען וועלען דיך ערווארטען אין דער שטאדט מילאן.“

דזשוזעפע מאצציני.

אין דער צייט, ווען גאריבאלדי האט געלעזען זיין דעפעשע, האט דער אלטער גראף איבערגעלעזען דיא בריעף, וועלכע דער קוריער האט איהם איבערגעגעבען.

— וואס זאגט איהר דערצו, גענעראל? האט ער אויסגערופען ערשטוינט. — ווייסט איהר, וואס עס טהוט זיך יעצט אין פראנקרייך?

גענעראל גאריבאלדי האט פערצויגען דיא אקסלען. ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אין דער אלטער וועלט.

— אין פראנקרייך האט אויסגעבראכען א רעוואלוציאן, האט דער אלטער גראף דערצעהלט. — דער קעניג לואי פיליפ מיט זיין פאמיליע זיינען אנטלאפען קיין ענגלאנד. אין דייטשלאנד און איטאליען ריהרען זיך דיא פעלקער און דיא קעניגע ציטערן אויף זייערע אלטע טראָהנען. — עס העלפט ניט! — איך וועל ניט קענען איינזיצען דא! איך וועל אויך מוזען פאהרען קיין אייראפא! — איך בין דאך אן אלטער סאלדאט!

— יא, מיין פריינד, האט גאריבאלדי געזאגט ערנסט, אין אייראפא הויבט זיך אן דער טאנץ. עס הויבען זיך אן דיא גרויסע רעוואלוציאנען, דיא פעלקער פון אייראפא קענען שוין ניט דערטראגען דעם יאך פון דיא קראנען. — מיין פריינד מאצציני רופט מיך! — איך געה! איך לויף צו איהם. מארגען מוז איך פאהרען קיין מאנטעווידעאָ!

— איהר האט רעכט, גענעראל! האט אויסגערופען דער אלטער סאלדאט. — איך האף, אז מיר וועלען זיך ווידערזעהן אין פאריז אדער אין רוים.

ער האט אויפגעעפענט נאך א בריעף און האט אויסגערופען פול פרייד:

— דער פרינץ לודוויג נאפאלעאן באנאפארטע אליין שרייבט מיר! ער בעט, איך זאל קומען. — מעגליך, אז ער דארף מיין געלד. — דאס מאכט ניט אויס — איך האב ריסקירט מיט מיין לעבען פאר קייסער נאפאלעאן דעם ערשטען. — איך מעג ריסקירען מיין געלד פאר קייסער נאפאלעאן דעם דריטען!

דער אלטער גראף איז געווען אויסער זיך פאר פרייד. ער האט באלד גערופען דעם קאפאטאז און האט איהם געהייסען אנגרייטען אויף הייטע אבענד דאס בעסטע, וואס ער וועט געפינען אין זיינע קעלערס.

— היינט איז א גרויסער טאג פאר אונז! האט ער אויסגערופען פול פרייד. איך האב אזעלכע וויכטיגע נייעס, אז איך וואלט געטאנצט אין הויף פון דער האסיענדא, ווען איך זאל נור זיין אביסעל איינגער.

אין דיעזע מינוט איז צו איהם צוגעקומען זיין טאכטער, דיא שעהנע קארמען.

— וואס איז, פאטער? וואס ביסט דוא אזוי פרעהליך?

— גוטע נאכריכטען פון אייראפא, ליעבע טאכטער! האט דער אלטער מאן אויסגערופען פול פרייד. דער פרינץ לודוויג נאפאלעאן בעט, איך זאל קומען קיין פאריז. איהר וועט פאהרען מיט מיר קינדער.

מיט דעםווארט קינדער, האט ער געמיינט זיין טאכטער, איהר פערלאבטען, דעם שפאנישען גראף, דאן אלווארא דע גוזמאן, דע מאנטיחא און זיין זוהן.

גאריבאלדי איז געגאנגען צו זיין פרוי. ער האט געוואלט איהר דערצעהלען דיא נייעס, וואס ער האט ערהאלטען פון אייראפא. אין דער מיט וועג האט ער בעגעגנט זיין ליעטענאנט פראנסוא.

— נו, וואס מאכסט דוא, מיין קינד? האט ער איהם געפרעגט.

— איך האב מיך אביסעל אפגעבאדען אין פייער און פלאמען, האט פראנסוא געשפאסט, עס האט מיר גאר ניט געשאדעט. איך בין שוין וויעדער פריש און מונטער.

— מיר פאהרען קיין אייראפא, פראנסוא, האט גאריבאלדי געזאגט.

— אהיים? קיין פראנקרייך? האט פראנסוא געפרעגט.

— מיר וועלען געוויס זיין אין פראנקרייך אויך, האט גאריבאלדי געענטפערט ערנסט.

פראנסוא האט אנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד.

— קיין אייראפא! קיין אייראפא! האט ער אויסגערופען.

אלע זיינען געוועזן גליקליך אין דיעזען טאג אויף דער האסיענדא דעל קארמען.

אבענדס איז געוועזן א גרויסער באלל. דיא שעהנע קארמען האט געטאנצט דעם גאנצען אבענד מיט'ן יונגען אפיציער, פראנסוא לאפערם.

39טער קאפיטעל.

דער שווארצער דיאמאנט.

עס רוישט, עס קאכט און עס זיעדעט דאס לעבען ביים פארט פון מאנטעווידעא. הונדערטער גרויסע און קליינע שיפען שאקלען זיך אויף דיא רוהיגע וואסערן פון דער בוכטע. מענשען געהן, ליפען, קומען, זעצען זיך אין באָאט, פאהרען צו צו דיא שיפען און קומען צוריק צום דאָק. מען פיהרט קאסטענס, פּעק און בינטלעך. איינינע שיפען ווערן אנגעלאדען מיט פראָדוקטען פון אמעריקא. זיי פיהרען אוועק דיעזע פראָדוקטען קיין אייראָפא; אנדערע האבען געבראכט דיא פראָדוקטען פון אייראפא, אזיען און אפריקא און לאדען זיי אויס אין פארט פון מאנטעווידעאָ.

דיא שטאדט מאנטעווידעאָ ליעגט אין א טאהל ביים ברעג פון דער בוכטע. לעבען דער שטאדט אבער הייבט זיך אויף א הויכער בארג. דיעזער בארג הייסט מאנטעווידעאָ. — מאנטע איז א בערג אויף שפאניש. — ווידעאָ הייסט איך קען זעהן. מאנטעווידעאָ הייסט א בארג, פון וועלכען מען קען זעהן וויט אין מעער.

פון דיעזען בארג האט מען א נאמען געגעבען דיא שטאדט מאנטעווידעאָ. דיא שטאדט אליין איז ניט שעהן. דיא גאסען זיינען שמאל. דיא הייזער זיינען ניעדעריג. דיא פענסטער זיינען בעשלאגען מיט אייזערנע שטאנגען.

אין דיא גאסען זעהט מען מענשען פון אלע פעלקער און פון אלע לענדער: שווארצע און ווייסע, ברוינע און געלבע. אלע לויפען צום פארט, אלע זיינען בעשעפטיגט. וויט אין דיא פאמפאס קאכט דער קריעג און עס ווערט פערגאסען בלוט, וויא וואסער, אין מאנטעווידעאָ אבער איז אלעס פרעהליך און לעבעדיג.

עס איז א שעהנער מארגען. אויפ'ן דאק שטעהן גאריבאלדי, אניטא, פראנסוא

לאפערם, גאריבאלדי׳ס אנדערע אפיציערן, סאקקי, מארקעטי און דער גאנצער איטאל־יענישער לעגיאן.

גאריבאלדי איז שוין זייט איינינע טעג אין מאנטעווידעא. ער איז געקומען צום פרעזידענט פון דער רעפובליק אורוגוואי און האט איהם איבערגעגעבען דאס קאמאנדא איבער זיין ארמעע. ער מוז יעצט פאהרען קיין אייראפא. זיין אייגענעס פאטערלאנד, זיין געליעבטעס איטאליען, רופט איהם צו זיך.

גענעראל ריבערא, דער דאמאליגער פרעזידענט פון אורוגוואי, האט געדאנקט דעם גענעראל גאריבאלדי פאר אלעס, וואס ער האט געטאהן פאר דער רעפובליק.

גאריבאלדי איז יעצט א פרייער מענש און מאכט פארבערייטונגען אויף דער רייזע. ווייט אין פארט שטעהט דער גרויסער פראנצויזישער דאמפפער „אנדראמעד.“ אויף דיעזען דאמפפער וועט גאריבאלדי מיט זיינע אפיציערן פאהרען קיין איטאליען. זיינע איטאליענישע סאלדאטען וועלען ארויספאהרען שפעטער מיט אנאנדערן דאמפפער.

דער אלטער גראף דע מאסעניאק, זיין טאכטער דיא שעהנע קארמען, איהר פערלאבטער, דער שפאנישער גראף און דעם אלטען מאסעניאק׳ס זוהן זיינען געקומען צו פאהרען קיין מאנטעווידעא אבשיעד צו נעהמען פון׳ם העלד פון צוויי וועלטען. דער אלטער האט אזוי ליעב בעקומען גאריבאלדי, אז ער וואלט געווים מיט איהם געפאהרען קיין אייראפא, ווען זיינע אומשטענדען וואלטען עס ערלויבט.

לעבען גאריבאלדיס אפיציערען זעהען מיר נאך א בעקאנטען, דעם יעגער פעל־זענהערץ. ער וויל מעהר ניט בלייבען אין אמעריקא און האט זיך ענטשלאסען צו פאהרען מיט גענעראל גאריבאלדי. ער בעטראכט אניטא אלס זיין קינד, וויל ער האט זיא גערעטעט פון דיא אינדיאנער. ער האט אבער בעזאנדערס ליעב בעקומען דעם מוטהי־גען פראנסוא.

אלע שטעהן יעצט אויפ׳ן דאק און זעהן, וויא מען פאקט איין זייערע זאכען אויף א באאט. דער פארט אין מאנטעווידעא איז ניט טיעף. גרויסע שיפען קענען ניט צוקומען צום פארט. זיי מוזען בלייבען שטעהן פון דער ווייטען. פאסאזשירען און זאכען ווערען צוגעפיהרט אויף קליינע באאטע.

דער אלטער גראף דע מאסעניאק האט גענומען גאריבאלדי אונטער דער האנד און האט איהם אוועקגעפיהרט אן א זייט, וואו עס זיינען געגאנגען וועניגער מענשען. ווען זיי זיינען געווען אליין, האט דער אלטער מאן ארויסגענומען א גרויסען און שווערן קאנווערט און האט איהם דערלאנגט דעם גענעראל גאריבאלדי.

— גענעראל, האט ער איהם געזאגט, אין דיעזען קאנווערט געפינט זיך אן אנ־ווייזונג אויף א מיליאן פראנקס. דיעזע אנווייזונג וועט איהר איבערגעבען דעם פרינץ לודוויג נאפאלעאן. דער אלטער קייזער, נאפאלעאן דער ערשטער, האט עס פערדיענט ביי מיר, איך זאל יעצט אונטערשטיצען זיין נעפע (פלעמיאניק).

איהר וועט ווייטער געפינען אין דיעזען קאנווערט אן אויסצוג פון׳ם טעסטאמענט פון מיין שוויעגער פאטער, א רעכנונג, וויא פיעל דיא קיה, אקסען און פערד, וועלכע ער האט געשענקט מיין רעטער, דעם פריישישען באראן, האט איינגעטראגען אין אנווייזונגען אויף ראטהשילד אויף מעהר אלס אנדערהאלבען מילליאן פראנק.

ווען איהר וועט קומען קיין אייראפּא, זאלט איהר שיקען א זיכערן מענשען קיין בערלין. ער זאל זיך נאכפרעגען נאך דער פאמיליע פאן רעעבעל און זאל איבערגעבען דאס געלד, וועמען עס געהערט.

איך ווייס, אז דאס וועט אייך קאסטען פיעל מיה, איך האב אבער קיין אנדערן בעסערן מענשען, וועמען איך זאל קענען פערטרויען אזא פערמעגען.

— זייט רוהיג, גראף, האט גאריבאלדי געענטפערט, קוים וועל איך קומען קיין אייראפּא, וועל איך אלעס בעזארגען. איך האב נאך אן אויפטראג אין בערלין. איך דארף דארט אויפזוכען דעם געלערנטען אלעקסאנדער פאן הומבאלדט און דארף איהם איבערגעבען א זאך, וועלכע איז פיעלייכט מעהר ווערטה פון אייערע מיליאנען.

— וואס פאר א זאך קען דאס זיין, וואס איז מעהר ווערטה פון צווייא מיט א האלבען מיליאן פראנק? האט דער אלטער מאן געפרעגט.

— א בוך, וועלכעס דעם געלערנטער באנפלאן האט אנגעשריעבען איבער דיא גראזען און בלומען פון זיד אמעריקא.

דער אלטער סאלדאט האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי א בוך, א שרייבעכץ פון א געלערנטען, זאל מעהר ווערטה זיין אלס צווייא מיט א האלבען מיליאן פראנק.

— איך דאנק אייך, גענעראל! האט ער געזאגט. ווען א בוך איז ביי אייך אזוי טהייער אז איהר ווילט עס אפּגעבען אין זיכערע הענד, וועט איהר מיינע מיליאנען געוויס אפּגעבען אין ריכטיגע הענד.

— איהר דארפט מיר ניט דאנקען, גראף, איהר האט פאר מיר אזוי פיעל גע־טאהן, אז איך וועל מיך קיין מאל ניט קענען אויסצאהלען. איך וועל קיין מאל ניט פערגעסען, אז אין אייער האסיענדא האב איך צוריק געפונען מיין ליעבע פרוי.

דער אלטער גראף האט איהם אנגענומען ביי דער האנד.

— וואו איהר וועט זיין און וואס מיט אייך וועט פּאסירען, פערגעסט ניט, אז גראף דע מאסעניאק איז אייער בעסטער פריינד. — גאט זאל זיין מיט אייך און זאל אייך העלפען און שיצען אין אלע אייערע וועגען!

ביידע מענער האבען זיך געדריקט דיא הענד אזוי ווארם און אזוי פריינדליך, וויא לייבליכע ברידער.

אין אנאנדער ארט איז געשטאנען דיא שעהנע קארמען און האט עפּעס גערעדט מיט פראנסוא לאפערם. זיי וואלטען גערעדט לענגער און וואלטען זיך געוויס געדריקט דיא הענד ווארעמער, ווען דער שפּאנישער גראף וואלט ניט געוועזן צוקומען און זאגען:

— העררר אפיציער, מיר ווייזט אויס, אז דער גענעראל רופט אייך.

אין דיעזער מינוט האט מען געהערט א שוס. דאס האט דער דאמפּפער גע־געבען א צייכען, אז אלע פּאסאזשירען זאלען זיך ארייננזעצען אין דיא באאטע. דאס שיף וועט באלד אוועקגעהן.

א מאטראז פון'ם באאט איז ארויסגעקומען און האט געזאגט:

— שנעל, מיינע העררען! אריין אין באאט! אונזער שיפסקאפּיטאן איז זעהר שטרענג.

אניטא איז געשטאנען אויפ'ן דאק און האט געוויינט שטילערהייט. גאריבאלדי איז צוגעקומען צו איהר, האט זיא אנגענומען ביי דער האנד און האט געזאגט:

— איך פיעל דיין שמערץ, ליעבע אניטא. עס טהוט דיר לייד אוועקצופאהרען פון א לאנד, וואו דוא ביסט געבארען געווארען און וואו דוא האסט פערבראכט דיינע גליקליכע יוגענד, יאהרען. איך פיהל דעם שמערץ מיט דיר, מיין ליעבע, טהייערע פרוי.

— ניין, דזשוזעפע! האט אניטא אויסגערופען, עס הארט מיך ניט, וואס איך פאהר אוועק פון מאנטעווידעא. — מיך הארט — מיין קינד! — וויא קען איך אוועקפאהרען און איבערלאזען מיין קינד דא?

— אך! האט געזיפצט גאריבאלדי, ווער וויים, אויב עס לעבט נאך? — מיר קומט פאר, אז עס לעבט שוין ניט. — דוא ווייסט דאך, אניטא, אז מיר האבען געשיקט יעגער און אינדיאנער עס צו זוכען. דוא ווייסט דאך, ליעבע אניטא, אז איך האב צוגעזאגט צו שענקען טויזענד פעזאס דעם מענשען, וועלכער וועט מיר ברענגע מיין קינד. — וואס קען איך מעהר טאהן? — דוא זעהסט דאך, אז אנדערע היילינגע פפליכטען רופען מיך אהין — וויט, וויט פון דאנען.

ער האט זיא בערוהיגט, וויא וויט ער האט געקענט, דאן האט ער זיך געווענדעט צו אלע אנוועזענדע און האט זיי געזאגט:

— לעבט וואהל, מיין גוטע און ליעבע פריינד! לעבט גליקליך אין א פרייער און גליקליכער אמעריקא.

ער האט גענומען זיין פרוי אונטערן ארים און האט זיא ארויפגעפיהרט אויפ'ן בריקעל פונ'ם באאט.

אויפ'ן דאק זיינען געשטאנען פיעל מענשען. עס איז געוועזען אונמעגליך צו זעהן, וואס עס טהוט זיך ווייטער אויפ'ן דאך. ווען אניטא האט געוואלט אריינשטעלען דעם פוס אין באאט, איז פלוצלונג געווארען א געדרענגניס און א געשריי אויפ'ן דאק.

— וואס איז דארט? האט אניטא אויסגערופען. — לאז מיך זעהן. — פיערלייבט קומט ער?

א גרויסער, שטארקער נעגער איז געזעסען רייטענדיג אויף א פערד. ער איז געלאפען וויא א פייל פון בויגען און האט צוטריעבען אלעמען פון זיין וועג. — אניטא האט איהם באלד דערקענט.

— לא־מוערטא! מיין גוטער, געטרייער לא־מוערטא! האט זיא אויסגערופען און איז איהם ענטגעגען געלאפען.

לא־מוערטא איז צוגעלאפען צום דאק. זיין פערד איז געפאלען און האט קרעפירט. ער אליין איז געוועזען צושלאגען, צוריסען און צובלוטיגט פון דער שנעלער רייזע. דיא צווייגען פון דיא ביימער האבען עס איהם צושלאגען אויף זיין שנעלער רייזע. ווען ער איז צוגעקומען צים דאק, האט ער קוים קוים געקענט רעדען א ווארט

גענעראל גאריבאלדי האט ארויפגעלעגט זיין האנד דעם נעגער אויף דיא פלייצעס און האט איהם געזאגט;

— רעד, פריינד! — זאג — דערצעהל! — וואו איז אונזער קינד? — זעהסט דוא דען ניט, אז דיא ארימע מוטער פערגעהט פאר שמערץ?

דער נעגער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע.

— אניעללא האט מיר געהייסען, איך זאל איהר ברענגען איהר קינד אדער דאס הערץ פון דעם פעררעטהער און רויבער, וועלכער האט עס ביי איהר אוועקגערויבט. — לא־מוערטא האט אזוי געטאהן. — דאס קליינע פויגעלע איז אוועקגעפלויגען ווייט, ווייט, הויך, דארט אויבען צום בלויען הימעל.

ער האט צונומען זיין מאנטעל. אין איהם זיינען געלעגען צוויי פעקלעך. אין איין פעקעל זיינען געלעגען עטליכע ווייסע ביינדעלעך. אין דעם אנדערן פעקעל איז געלעגען דאס הערץ פון א מענשען מיט אלע אדערן ארום.

— דאס איז דאס הערץ פון'ם פעררעטהער און רויבער, האט לא־מוערטא געזאגט. — לא־מוערטא האלט ווארט.

אניטא איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו וויינען. — אויף דיא געזיכטער פון אלע אנוועזענדע האבען זיך געוויזען טרערין.

— וואס איז געשעהן, אונגליקליכער? האט גאריבאלדי געפרעגט דעם נעגער. רעד! — דערצעהל!

דער אלטער נעגער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— איך קען עס ניט זאגען! — לא־מוערטא דארף ניט דערצעהלען, וואס עס איז געשעהן. — דאס קליינע פויגעלע איז טויט — דער פעררעטהער מאנועלא איז אויך טויט. — מעהר קען לא־מוערטא ניט זאגען.

ער האט עפעס ארויסגענומען פון זיין בוזים און האט עס דערלאנגט דער וויינענדיגער אניטא.

— קינד, אניעללא! נעהם דאס אלס ציכען. — עס קומט פון'ם קליינעם פויגעלע — טראג עס אויף דיין ברוסט, אניעללא!

צווישען זיינע פינגער האט געפונקעלט און געברענט דער שווארצער דיאמאנט. אניטא האט א ציטער געטאהן, ווען זיא האט דערזעהען דאס דונקעל רויטע פייער, וועלכעס האט געברענט אין שווארצען דיאמאנט. זיא האט ניט געוואלט איהם אננעהמען.

דער נעגער אבער האט געבעטען:

— נעהם איהם, אניעללא! היט איהם אפ אלס צייכען פון'ם קליינעם פויגעלע.

ער האט אריינגעלעגט דעם שווארצען דיאמאנט אין איהרע הענד און האט זיא צוגעמאכט. אניטאס האנד האט זיך צוזויפגעצויגען און פערמאכט. — זיא האט ניט געוואוסט, וואס דאס בעדייטעט. זיא האט אבער זעהר גוט געקענט איהר טרייען, אלטען נעגער. זיא האט פערשטאנען, אז דיעזער דיאמאנט געהערט זיך עפעס אן מיט איהר קינד.

אין דער צייט, ווען אלע זיינען געשטאנען ארום אניטא און לא—מוערטא און האבען בעטראכט דיא טרויעריגע סצענע, וואס איז פארגעקומען צווישען ביידען, איז דיא שעהנע קארמען צוגעגאנגען צו פראנסוא לאפערם און האט איהם געפרעגט:

— וועט מיין יונגער העלד פערגעסען זיינע אמעריקאנישע פריינדין, ווען ער וועט זיין ווייט, ווייט פון דאנען? — וועט פראנסוא לא פערם פערגעסען קארמען דע מאסענ־יאק, ווען ער וועט זיך שלאגען אין איטאליען אדער אין פראנקרייך?

— סעניארא, איך בין געוועזן א קינד, ווען איך בין געקומען אין אייער האסיענדא. איך בין אוועק געגאנגען פון איהר אלס מאן, וועלכער האט נור איין ציעל אין זיין לעבען. דער שטערן קארמען וועט איהם לייכטען, וואוהין ער וועט געהן און וואו ער וועט זיך געפינען. — קארמען וועט זיין דאס ליעבסטע און טהייערסטעווארט מיין גאנצעס לעבען לאנג.

— דער שטערן קארמען וועט לייכטען העללער, ווען מיר וועלען זיך ווידערזעהן, האט דיא יונגע גרעפין געענטפערט. — ווייסט איהר, פראנסוא, אז איך בין אייך נאך עפעס שולדיג?

פראנסוא האט זיא אנגעקוקט ערשטוינט.

— איהר האט גערעטעט גאריבאלדיס פרוי פון פייער, האט דיא שעהנע קאר־מען געזאגט. איך האב צוגעזאגט צעהן טויזענד פעזאס דעם מענשען, וועלכער וועט רעטען יענע פרוי. איהר האט זיא גערעטעט, אייך קומט דער פרייז.

— איך דארף קיין געלד, סעניארא! האט אויסגערופען פראנסוא שטאלץ.

— ווער זאגט עס, אז איך וויל אייך געבען געלד?

זיא האט אראפגענומען איהר האנדשוה פון איהר שעהנער האנד און האט געזאגט.

— דיא האנד האט מיין פאטער פערשפראכען יענעם — דער האנד־שוה קומט, דעם מוטהיגען קאוואליער. — אדיע! מיר וועלען זיך נאך ווידערזעהן אין פראנקרייך!

איידער פראנסוא האט זיך אומגעקוקט, איז זיא פערשוואונדען, ביי איהם אי דער האנד איז געבליעבען א ווייכער, פיינער, דופטענדער האנדשוה.

דארט האט א פרוי געהאלטען אין דער האנד דעם שווארצען דיאמאנט — דא האט א מאן געהאלטען אין דער האנד דעם האנדשוה פון א שעהנער פרוי. — ביידע זיינען געוועזן צייכענס, אנדענקען. — איינער פון שמערץ און ליידען אין דער פערגאנגענהייט, דער אנדערער פון גליק און ליעבע אין דער צוקונפט.

פלוצלונג האט מען געהערט צוויא שיסע. דער דאמפפער „אנדראמעד“ האט געגעבען דעם צווייטען צייכען, אז אלע זאלען זיך צונויפקומען. ער פאהרט אוועק. אויף דיא זעגעל בוימער האט מען ארויפגעצויגען דיא פלאגען.

א מאטראז איז ארויפגעקומען און האט געזאגט אין דער הויף:

— שנעל, מיינע הערדען! אריין אין באאט! אדער איך לאז אייך דא איבער און פאהר אוועק אהן אייך.

גענעראל גאריבאלדי האט אויפגעהויבען זיין פרוי פון דער ערד און האט זיא אריינגעטראגען אין באאט. פעלזענהערץ האט זיא ביי איהם צוגענומען.

— זייט געזונד אלע מיינע ליעבע און טרייע! האט גאריבאלדי אויסגערופען און האט געמאכט מיט דער האנד.

פראנסוא, סאקקי, מארקעטי און לאַמוערטא זיינען נאכגעשפרונגען נאך איהם אין באאט.

דיא סאלדאטען, וועלכע גענעראל גאריבאלדי האט קאמאנדירט, זיינען געשטאַנען אויפ'ן דאק. דער פרעזידענט פון אורוגוויא האט געוואלט ווייזען, אז ער שעצט און עהרט גאריבאלדי און האט געשיקט א גאנצען רעגימענט סאלדאטען, זיי זאלען איהם ווינשען גליק ביים אוועקפאהרען.

טויזענדער דאמען און העררן פון מאנטעווידעא האבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן דאק אום צו ווינשען גאריבאלדי גליק אויף דער רייזע.

קוים איז דאס באאט געווען אפגעשטויסען פון'ם דאק, האבען צעהנער טויזענד גארגלען אויסגערופען!

— עס לעבע גאריבאלדי! עס לעבע דיא פרייהייט!

דיא סאלדאטען האבען אנגעבויגען זייער פלאג פארן גענעראל גאריבאלדי.

גענעראל גאריבאלדי איז ארויפגעקראכען אויף א הויך ארט אין באאט, האט אראפגענומען זיין הוט און האט אויסגערופען:

— לעבט וואהל, ברידער און פריינד! עס לעבע דיא פרייהייט! עס לעבע דיא גלייכהייט!

דאס באאט האט געמוזט פאהרען לאנגזאם. ער האט געמוזט זיך דרעהען און קרימען צווישען דיא הונדערטער שיפען און שיפלעך, וועלכע האבען פערפלייצט דעם פאָרט.

ווען עס איז צוגעקומען צו א בריקעל, וועלכעס איז געלעגען פון איין שיף אויף דער אנדערער, האט אניטא אויפגעהויבען דיא אויגען און האט א ציטער געטאהן.

— דארט! — דארט! אט איז ער!

פעלזענהערץ האט א קוק געטאהן אויף דעם אָרט, וואוהין אניטא האט געוויזען, און האט דערזעהן, וויא אויפ'ן בריקעל שטעהט גאנץ רוהיג און רויכט א ציגאר לארד סטאנפארד, דער מענשען יעגער.

דאס איז געווען דיא לעצטע בלוטיגע ערינערונג אן דאס מיט בלוט בעגאָסענע אמעריקא.

40טער קאפיטעל.

דאן קארלאס.

מיר זיינען אין שפאניען, אין דער שעהנער פראווינץ ביסקאיא. מיר געפינען זיך אין דיא בערג, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאמען סיעררא דע אראלאר. עס איז איינע פון דיא שעהנסטע און ווילדעסטע געגענדען אין שפאניען.

וויא ווייט דאס אויג גרייכט, זעהט עס הויכע בערג און צווישען זיי לויפען טיעפע טאהלען. דיא בערג זיינען מייסטענס נאַקעט. מען זעהט אויף זיי קיין בוים און קיין גראָז, דערפאר אבער הערט מען אין זיי דאס קלאפען פון האמערס און דאס קלינגען פון קייטען. דאס ארבייטען דיא איינוואינער פון יענער געגענד. זיי גראבען אויס פון דיעזע בערג אייזען, בליי און קוועקזילבער.

דיא טיעפע טאהלען זיינען בעדעקט מיט פעלדער און מיט וועלדער, מיט וויינגערטנער און מיט דערפער. אין ערטער זעהט מען הויכע מויערן און שטארקע טהורעמס. דארט האבען אמאל געוואינט דיא בעריהמטע שפאנישע אריסטאקראטען: פירסטען, גראפען, און באראנען. דיעזע שלעסער, דיעזע פאלאצען און דיעזע הויכע טהורעמס געפינען זיך געוועהנליך אין דער מיט פון'ם בערג. פון דיעזע מויערן פלעגט אמאל דער שפאנישער אריסטאקראט אראפקוקען אויף זיינע בויערן, וועלכע פלעגען ארבייטען אויף איהם אין דיא בערג, אין דיא פעלדער, אין דיא וועלדער און אין דיא וויינגערטנער.

א שעהנעס פאלק בעוואינט יענע געגענד. דיא מענער זיינען שטארק, קרעפטיג, געשיקט, פלייסיג און ארבייטזאם. דיא פרויען זיינען הויך און שעהן. דאס פאלק לעבט רוהיג און פריעדליך אין זיינע טאהלען און וויל ניט וויסען, וואס עס טהוט זיך אין דער וויטער וועלט. זיי זיינען גליקליך אין זייערע בערג און זיינען צופריעדען מיט זייער ניט גאנץ רייכען, אבער שעהנעם לאנד.

עס איז דער 23טע מערץ 1837.

וויא דיא לעזער זעהן, מוז איך מיך אומקעהרן מיט עטליכע יאהר צוריק. איך מוז איינפיהרען אין מיין ערצעהלונג נייע פערזאנען, וועלכע האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דיא רעוואלוציאנען פון יענער צייט. מיינע לעזער וועלען מיר געוויס ענטשולדיגען, וואס איך קעהר מיך אום מיט עטליכע יאהר צוריק. איך שרייב קיין געוועהנליכען ראָמאן — איך שרייב דיא וועלט געשיכטע.

עס איז דער 23טע מערץ 1837. דיא שעהנע, שטילע און רוהיגע געגענד אזקאָאיטיא שטעלט היינט פאר א זאָנדערבארעס בילד. איבער דעם גרויסען שעהנעם טאהל זיינען צוואורפען געצעלטען. פאר דיא געצעלטען שטעהן הויפענס מיט ביקסען, אנגעשפארט איינער אן דעם אנדערן. אין ערטער ברענען פייערן. אויף וועלכע עס קאכען זיך גרויסע קעסלען מיט פלייש. ארום דיא קעסלען שטעהן סאלדאטען.

וואס איז דאס? — וויא קומען אהער דיא סאלדאטען? דיא געצעלטען? דיא קאנאנען אויף דיא בערג? — עס איז דער קריעג! —· דער בלוטיגער, שרעקליכער קריעג! — ווער פיהרט קריעג? וואס איז דיא אורזאכע פון דיעזען קריעג? — זיינען דייטשען, פראנצויזען אדער ענגלענדער אנגעפאלען אויף שפאניען און ווילען עס צר נעהמען? — ניין! דא שלאגען זיך שפאניער געגען שפאניער. — דאס איז א בירגער קריעג! — דאס איז א קריעג, וואו א פאטער שלאגט זיך געגען א זוהן, א ברודער געגען א ברודער, א פריינד געגען א פריינד!

וואס איז דיא אורזאכע פון דיעזען בלוטיגען קריעג?

אין 1833 איז געשטארבען דער שפאנישער קעניג, פערדינאנד דער זיעבעטער. ער האט געהאט נור איין טאכטער, איזאבעללא. נאך דיא שפאנישע געזעצע טאר א פרוי ניט הערשען אין שפאניען. קעניג פערדינאנד דער זיעבעטער האט פאר זיין טויט צונויפגערופען אלע גרויסע לייט פון שפאניען און האט געמאכט א נייעס געזעץ, אז נאך זיין טויט זאל זיין קעניגין אין שפאניען זיין איינציגע טאכטער — איזאבעללא. אזוי וויא זיא איז דאמאלס אלט געוועזן נור זיעבען יאהר, האט ער ארויסגעגע-

בען א בעפעהל, אז ביז זיא וועט ווערן פאליעהריג — ביז זיא וועט אלט ווערן פופצעהן יאהר — זאל רעגיערן זיין פרוי, דיא קעניגין מאריא קריסטינא.

קוים איז קעניג פערדינאנד געשטארבען און דיא קעניגין מאריא קריסינא האט אנגעהויבען צו רעגיערן דאס לאנד אין נאמען פון איהר טאכטער, דיא קעניגין איזא־בעללא, האט זיך אויפגעהויבען קעניג פערדינאנד'ס אינגערער ברודער, דאן קארלאס און האט ערקלערט, אז ער איז קעניג פון שפאניען.

אזוי וויא דיא שפאנישע געזעצע זאגען, אז קיין פרוי טאר אין שפאניען ניט רעגיערען; קעניג פערדינאנד האט קיין זוהן ניט איבערגעלאזען — אלזא, געהערט דיא שפאנישע קרוין דעם קעניגס אינגערן ברודער, דאן קארלאס.

גאנץ שפאניען האט זיך צוטהיילט אויף צוויי פארטייען. איין פארטיי האט גע־האלטען פאר דאן קארלאס און האט איהם ערקלערט אלס קעניג. דיעזע פארטיי האט געהייסען: דיא קארליסטען. דיא אנדערע פארטיי האט געזאגט, אז איין מאל האט קעניג פערדינאנד איבערגעמאכט דאס געזעץ און האט ערקלערט, אז זיין טאכטער, איזאבעללא, זאל זיין קעניגין, איז עס פערפאלען. איזאבעללא מוז זיין קעניגין און אזוי וויא זיא איז נאך א קינד, מוז דערוויל הערשען אין שפאניען איהר מוטער, דיא קעניגין מאריא קריסטינא. דיעזע פארטיי האט זיך גערופען דיא קריסטינאס, ווייל זיי האבען פערטהיידיגט דיא קעניגין מוטער מאריא קריסטינא.

עס האט זיך אנגעהויבען א לאנגער, טרויעריגער און בלוטיגער קריעג צווישען דעם אנקעל דאן קארלאס און זיין ניכטע (פלעמיאניצא) איזאבעללא.

ענגלאנד און פראנקרייך האבען געהאלטען פאר דער קעניגין איזאבעלא. איטאליען אבער, בעזאנדערס דער פאפסט האט געהאלטען פאר דאן קארלאס, ווייל דאן קארלאס איז געוועזן א פרומער און האט צוגעזאגט, אז קוים ווערט ער קעניג פון שפאניען, וועט ער ווידער איינפיהרען דיא אינקוויזיציאן און וועט צוריקרופען דיא יעזואיטען.

דעם 14טען, 15טען און 16טען מערץ 1837 זיינען פארגעקומען בלוטיגע שלכטען לעבען דעם שטעדטעל דוראנגא. דער ענגלישער גענעראל עוואנס און דער שפאנישער גענעראל ד'עספארטערא זיינען אנגעפאלען אויף דיא קארליסטען פון דריי זייטען און וואלטען געוויס געוועזן פערניכטעט דיא גאנצע ארמעע פון'ם שוואכען און פרומען דאן קארלאס. צום אונגליק פאר שפאניען, האט דאן קארלאס געהאט א זוהן, דאן סעבאס־טיאן, א יונגער מאן פון דריי און צוואנציג יאהר.

דאן סעבאסטיאן איז געוועזן א העלד, א געבארענער גענעראל. ווען דאן סעבאס־טיאן וואלט געהאט א געלעגענהייט און וואלט ניט געשטארבען אזוי יונג, וואלט ער געווארען א נאפאלעאן, אן אלעקסאנדער דער מאקעדאניער (אלכסנדר מוקדון).

דיא ענגלישע און שפאנישע ארמעען זיינען גראדע אנגעפאלען אויף דער זייט, וואו ער האט קאמאנדירט. ער האט זיי צוריקגעשלאגען און האט גענומען פיעלע גע־פאנגענע. איין ענגלישער באטאליאן נאכ'ן אנדערן האט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם שטאלצען דאן סעבאסטיאן.

ענגלאנד האט געדונגענע סאלדאטען און אין דער ארמעע פון'ם גענעראל עוואנס האבען זיך געפונען פיעלע שפאניער, פארטוגיזען און פראנצויזען.

דאָן קאַרלאָס איז געווען זעהר שטאָלץ מיט דעם זיעג פון זיין זוהן. ער האט געהאט פיעלע קריעגסגעפאַנגענע און האט ניט געהאט מיט וואס זיי אויסצוהאלטען. ער האט ניט געהאט קיין געלד זיי עסען צו געבען. זיין גענעראל קאַברערא האט איהם געגעבען דעם שרעקליכען ראטה, ער זאל הייסען דערשיעסען אלע זיינע קריעגסגעפאַנגענע, וועט ער פון זיי מיט אמאל לויז ווערן. אזוי וויא דאס איז אבער געגען דיא פעלקער־רעכטע. עס איז איין מאל דא אַ געזעץ, אז אַ קריעגסגעפאַנגענעם טאר מען ניט טייטען, האט דאן קארלאס אדער וויא ער פלעגט זיך אליין רופען קעניג קארל דער פינפטער, ארויסגעגעבען דעם בעריהמטען „דעקרעט פון דוראַנגאַ."

דער „דעקרעט פון דוראַנגאַ" לויטעט, אז יעדען קריעגס־געפאַנגענעם, וועלכער טראגט אַ מונדיר פון אַ פרעמדען לאנד, מעג מען דערשיעסען. — דיעזער דעקרעט איז גרויזאם, אונמענשליך און געגען אלע פעלקער־רעכטע. ווער פרעגט אבער וועגען געזעץ און מענשליכקייט, ווען ער קעמפפט פאר אַ קרוין? — אין זיין לאגער איז דאָן קארלאס געווען קעניג און האט געטאהן, וואס ער האט געוואלט. ער האט ניט בע־רעכענט, דער פרומער דאָן קארלאס, אז דורך דעם „דעקרעט פון דוראַנגאַ" קען ער פערליערן דיא קרוין, פאר וועלכע ער האט געקעמפפט. — גאנץ אייראָפּא איז געווארן אויפגעריהרט, ווען מען איז געוואהר געווארען פון'ם בלוטיגען „דעקרעט פון דוראַנגאַ," זאגאר דער פאפסט איז געווען אונצופריעדען פון דיעזען דעקרעט און האט געשיקט זיין מיניסטער, ער זאל הייסען דאָן קארלאס צוריקרופען דיעזען דעקרעט. עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. דאָן קארלאס האט שוין געהייסען דערשיעסען עטליכע הונדערט קריעגס־געפאַנגענע.

עס איז דער 23טער מערץ 1837. דער טאג איז שעהן. דאס וועטער איז ווארים. דיא זון לייכטעט אין אַ קלארען, בלויען הימעל. אין גרויסען טאהל ניט וייט פון'ם שטעדטעל אזקאָאיטיא האט דיא ארמעע פון דאָן קארלאס אויפגעשלאגען איהר לאגער. אין שטעדטעל אזקאָאיטיא קווארטירט דער יונגער העלד, דאָן סעבאַסטיאַן. אין שטעד־טעל דוראַנגאַ, איניגע מייל וייט פון אזקאָאיטיא געפינט זיך דיא הויפט קווארטיר פון דאָן קארלאס.

פון שטאדט אזקאָאיטיא זיינען אנגעקומען דריי רייטער. אלע דריי זיינען אָפי־ציערן און אויף דיא מעשינגע קנעפּ פון זייערע מונדירען זיינען אויסגעשלאגען דריי ליליען (אזעלכע בלומען) דאס איז אַ צייכען, אז זיי זיינען אָפיציערן פון'ם קעניג דאָן קארלאס און דעננאך רעדען זיי ניט שפּאניש זאנדערן פראנצויזיש.

דער איינגערער פון דיעזע דריי אָפיציערן איז אַ הויבער, שעהנער יונגער מאַן פון אַ יאהר צוויי־דריי און צוואנציג. ער האט לאנגע בלאנדע האר און שעהנע בלויע אויגען. אויפ'ן ערשטען בליק קען מען דערקענען, אז ער איז קיין שפּאניער. זיין רעדען, זיין בע־נעהמען, זיינע מאניערן, זיין שטאלצעס זיצען אויפ'ן פערד און אלע זיינע בעוועגונגען צייגען, אז ער איז אַן עכטער אריסטאָקראט.

ער איז אויך אַן אריסטאָקראט, אַ געבארענער פירסט," אבער אַ פּאָלנישער פירסט. ער הייסט פירסט פעליקס ליכנאָווסקי. דיא שפּאניער רופען איהם דאָן פעליסיא.

דער צווייטער איז אַן עלטערער מאַן פון אַ יאהר עטליכע און דרייסיג. ער האט

שווארצע האר, גרויע אויגען און א גרויסע קרומע נאז. ווען ער זאל ניט זיין א גראף און זאל ניט הייסען מאָרטארא, א נאמען פון פיעלע אידישע פאמיעליען, וואלט מען געקענט מיינען, אז ער איז א איד. מען וויים אבער, אז זיינע היילינקייט, דער פאפסט אליין, האט איהם געשענקט דעם טיטול גראף און אז ער פיהרט שטענדיג א קאָררעס־פאנדענץ מיט'ן פאפסט אליין. דאס איז דער בעסטער בעוויז, אז ער איז ניט קיין איד.

דער דריטער איז א יונגער מאן פון א יאהר זיעבעןָאכט און צוואנציג. פון'ם ערשטען בליק קען מען דערקענען, אז ער איז א פראנצויז. ער רעדט אהן אן אויפהער, לאכט און שפאסט. דאס איז דער באראן דע קאווענואק. ער שטאמט פון אן אלטע פראנצויזישע אריסטאָקראטישע פאמיליע, וועלכע האט שטענדיג געהאלטען פעסט צו דער אלטער פראנצויזישער קעניגליכער פאמיליע — דיא בורבאנען.

דיא דרייא אָפיציערן רייטען לאנגזאם און רעדען איבער דער שלאכט פון דיא לעצטע טעג. פלוצלונג האט זיך דער פאָלנישער פירסט געווענדעט צום גראף.

— אייער נאמען, ליעבער גראף, איז שטארק פערברייטעט אין איטאליען. איך וויים, אז פיעלע איינפאכע בירגער אין איטאליען הייסען מאָרטארא. — ווען איך בין געוועןאין פלאָרענץ, האב איך איינקאסירט אנווייזונגען ביי א אידישען באנקיר מיט'ן נאמען סאמועל מאָרטארא.

דער איטאליענישער גראף איז געווארען רויט, וויא פייער. דער פראנצויז האט אנגעריהרט דעם יונגען פאליאק מיט זיין שווערט. ער האט געוואלט איהם געבען צו פערשטעהן, אז ער זאל אויפהערן צו רעדען אזעלכע זאכען. — דער יונגער פאליאק אבער האט ניט פערשטאנען דעם ווינק, אדער האט איהם ניט געוואלט פערשטעהן און האט ווייטער געזאגט:

— וויא קומט צו א אידישען באנקיער דער פאמיליען נאמען פון א שטאלצען גראף?

— עס איז גאר קיין וואונדער, האט ענדליך דער גראף געענטפערט. דיא פער־דאמטע אידען נעהמען צו ביי אונז אלעס: אונזערע שלעסער, אונזערע פאלאצען, אונזער געלד און זאגאר אונזערע נעמען. אין גאנץ איטאליען אבער געפינט זיך נור איין אריס־טאָקראטישע פאמיליע מיט'ן נאמען מאָרטארא.

דער פראנצויזישער באראן האט א זעץ געטאהן דעם פאליאק מיט'ן פוס, ער זאל מעהר דערפון ניט רעדען. דער פאלנישער פירסט אבער האט איהם דאך ניט פערשטאנען און האט ווייטער געזאגט:

— וואונדערבאר! — איך וויים אליין ניט, פאר וואס דיעזע פאמיליע אינטע־רעסירט מיך אזוי. ווען איך בין געוועזן אין פלארענץ, פלעג איך קומען זעהר אפט צום באנקיר מאָרטארא. מיר זיינען געווארען אזוי גוט בעקאנט, אז ער האט מיך איינגע־לאדען אויף א האכצייט ביי זיינעם א ברודערס א זוהן. איך האב אנגענומען דיא איינלאדונג, ווייל איך האב קיין מאל ניט געזעהן קיין אידישע חתונה. — איך מוז אייך זאגען, אז איך האב געהאט פיעל פערגניגען. איך האב גערעדט א לאנגע צייט מיט'ן ברייטינאם. דיא גאנצע פאמיליע, דיא יונגע, וויא דיא אלטע, זיינען אלע עהנליך איינער צום אנדערן.

ווען איך האב צום ערשטען מאל דערזעהן אייך, מיין ליעבער גראף, האט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז איהר זייט מיר בעקאַנט, אז איך האב אייך ערגעץ געזעהן —

דער פראנצויז האט איהם געגעבען אזא שטארקען זעץ מיט'ן פוס, אז דער יונגער פאליאק האט ענדליך פערשטאנען, אז ער דארף מעהר ניט רעדען דערפון. אויף גראף מאַרטאַרא'ס געזיכט האט זיך געוויעזען א פינסטערער וואלקען.

— מיינט איהר מיך צו בעליידיגען, פירסט? האט ער געפרעגט און זיינע ליפּען האבען געציטערט.

— וואס רעדט איהר, גראף? — וואס פאלט אייך איין, אז איך וויל אייך בעליידיגען? — פאר וואס זאל איך אייך בעליידיגען? —

— איך וויים, אז אין דער הויפּט קווארטיר פון זיין קעניגליכער מאיעסטעט, דאן קארלאָס, איז אלעמען בעקאַנט, אז דיא גראפען מאַרטאַרא שטאמען אפּ פון א אידישע פאמיליע. זיי האבען זיך שוין לאנג אפּגעזאגט פון זייער פאלשען גלויבען און זיינע היילינקייט, דער פּאפּסט, האט זיי געפונען פאר ווירדיג צו געבען זיי דעם טיטול גראף. עס איז וואהר, אז איינגע פון דיעזער פאמיליע האלטען זיך נאך פעסט אן זייער אלטען, פערדאמטען גלויבען, אבער....

דער פראנצויז האט געפונען פאר נעטהיג זיך אריינצומישען און פערגלעטען דיעזעס אונאנגענעהמע געשפּרעך.

— צו וואס זאגט איהר עס, ליעבער גראף? האט ער אויסגערופען, אונזער יונגער פריינד, דער פירסט פעליסיאָ, וויס פון גארנישט. — אויסער דעם האבען זיך דיא צייטען זעהר געענדערט. היינט שעהמט מען זיך שוין זעהר וועניג, ווען מען האט אידישע פערוואנדטע. ראטהשילד איז היינט דער ערשטער באַראָן פון דער גאנצער וועלט. איך אליין וואלט מיך גאר ניט געשעהמט, ווען איך זאל האבען א רייכען אברהם אדער א רייכען שמואל פאר א גראספאטער. — נאטירליך, ווען ער זאל מיר איבערלאזען זיין פערמעגען און ער אליין זאל פערזאמעלט ווערן צו זיינע עלטערן אין גן עדן.

דער יונגער פירסט האט ענדליך פערשטאנען, אז ער האט געמאכט א פעהלער און האט געזוכט איהם צו פערגלעטען. — אך! ווען ער וואלט געוואוסט, וויא טהייער ער וועט אמאל בעצאהלען פאר דיעזען פעהלער, וואלט ער זיך בעסער געווען אפּגעבי־סען דיא צונג, איידער ער האט אנגעהויבען דיעזעס געשפּרעך. ער איז אבער געווען יונג, לייכטזיניג און האט נאך ניט געוואוסט, וויא געפעהרליך עס איז צו בעליידיגען א יעזואיט.

— דער באַראָן דע קאוועניאַק האט רעכט! האט ער אויסגערופען. איך האב ווירקליך ניט געוואוסט, אז דיא שטאלצע גראפען מארטארא האבען אידישע פער־וואנדטע. — דאס איז קיין שאנדע און איך האף, אז מיר וועלען בלייבען גוטע פריינד, וויא פריהער. — ניט וואהר, הערר גראף?

דער גראף האט זיך פערנייגט און האט גאר ניט געענטפערט. — דער יונגער פירסט האט געוואלט געבען זיין פערד דיא שפּאָרען און פאהרען אביסעל שנעלער.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט פויקען און פייפען. אלע דרייא האבען זיך אומגעקוקט.

— וויא עס ווייזט אויס, ווילען דיא פרומע יעזואיטען אונז בעגעגענען מיט געזאנג און שפיעל! האט דער יונגער פירסט אויסגערופען. — זעהט נור! אט זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דיא טויערן פון שטעדטעל מיט זייערע הייליגע פאהנען און מיט פויקען און טראמפעטען. — קומט, מיינע העררן! לאמיר זעהן, וואס דיא פרומע מענער ווילען דארט טאהן!

דער פראנצויזישער באראן האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף דיא ציגעל פון'ם פירסט פערד.

— לאמיר בעסער אפווארטען, האט ער געבעטען. דיא פראצעסיאן, וועלכע איהר זעהט דארט, קען ביי אונז אוועקרויבען דעם אפעטיט אויף א גאנצע וואך.

— וואס איז עס דען פאר א פראצעסיאן? האט דער יונגער פירסט געפרעגט.

— דאס פיהרט מען דיא קריעגס געפאנגענע, האט דער גראף געענטפערט רוהיג.

— וואוהין פיהרט מען זיי?

— צו יענעם בערגעל.

— צו וואס פיהרט מען זיי?

— מען זאל זיי שיעסען, האט דער איטאליענישער גראף געענטפערט גלייכגילטיג.

— וואס רעדט איהר, ליעבער גראף? האט דער יונגער פירסט געפרעגט. וויא אזוי קען מען שיעסען קריעגסגעפאנגענע?

— דער דעקרעט פון דוראנגא זאגט, מען זאל דערשיעסען יעדען סאלדאט, וועלכער טראגט דעם מונדיר פון א פרעמד לאנד און מען נעהמט איהם געפאנגען. ביי דער שלאכט פון אריאמענדא האבען מיר געפאנגען גענומען פיער הונדערט פרעמדע סאלדאטען. דרייא הונדערט האט מען שוין דערשאסען. יעצט פיהרט מען דיא לעצטע הונדערט, אום מען זאל זיי דערשיעסען דארט אויפ'ן בערגעל.

דער יונגער פירסט איז אויפגעשפרונגען פון זיין זאטעל.

— דאס איז אבער אונמענשליך! דאס איז שרעקליך! האט ער אויסגערופען.

— דאס קען זיין, האט דער איטאליענישער גראף געענטפערט רוהיג, עס האבען זיך געפונען פיעלע אפיציערן, וועלכע זיינען געוועזען געגען דעם דעקרעט פון דוראנגא. אונזער פריינד, דער באראן דע קאוועניאק, האט פראטעסטירט געגען איהם, אבער זיינע מאיעסטעט, דער קעניג דאן קארלאס, מוז א מאל געבען אזא בלוטיגע לעקציאן דיא וואגאבונדען פון פרעמדע לענדער, וועלכע קומען קיין שפאניען אום צו קעמפפען געגען דעם רעכטמעסיגען קעניג. — וואס ווילט איהר, ליעבער פירסט? זאלען מיר נאך געבען עסען און טרינקען דיעזע וואגאבונדען? — לאזען זיי געהן אין דיא העללע!

— טהוט מיר א געפעליגקייט, ליעבע פריינד! האט דער פאלנישער פירסט

געבעטען, לאמיר צופאהרען צו דיא געפאנגענע. איך בין אין שפאניען און מוז מיך געוועהנען צו אלע שרעקליכע סצענען.

דער פראנצויזישער באראן האט צוואר ניט געוואלט פאהרען זעהן דיעזע מענשען מערדעריי, דער פירסט אבער האט אזוי לאנג געבעטען, אז ער האט געמוזט נאכגעבען. אלע דרייא האבען אויסגעדרעהט זייערע פערד און זיינען געפאהרען צום ארט, וואו מען האט געפיהרט דיא געפאנגענע.

א באטאליאן אינפאנטעריע און אן עסקאדראן רייטער האבען ארומגערינגעלט עטליכע און זעכציג געפאנגענע. פאר דיא געפאנגענע און הינטער דיא גפאנגענע זיינען געגאנגען גייסטליכע, יעזואיטען, אין זייערע לאנגע, שווארצע מאנטלען און האבען געזונגען דיא געבעטע, וואס מען זאגט פאר א טויטען. יעדער יעזואיט האט געהאלטען א קרייץ אין דער רעכטער האנד און א געבעט בוך אין דער לינקער האנד און האט געבעטען צום בארמהערציגען גאט, ער זאל אויפנעהמען דיא זעעלען פון דיא געפאנגענע.

דיא געפאנגענע זיינען געגאנגען לאנגזאם און רוהיג. זיי האבען געוואוסט, אז דאס איז זייער לעצטער גאנג, אז מען וועט זיי באלד דערשיעסען, וויא דיא ווילדע טהיערע. זיי האבען אבער געוואוסט, אז קיינער קען זיי שוין יעצט ניט העלפען. — זיי זיינען געגאנגען האלב נאקעט. ווען מען האט זיי געפאנגען גענומען, האט מען באלד פון זיי אראפגעריסען זייערע קליידער. ערשטענס, האבען דיא סאלדאטען פון דאן קארלאס ארמעע געדארפט האבען דיעזע קליידער; צווייטענס, צווישען דיא קריעגסגעפאנגענע האבען זיך געפונען פיעלע עכטע שפאניער, וועלכע האבען נאר געדיענט אין דער ארמעע פון דער קעניגין מאריא קריסטינא. דיעזע שפאניער האט מען נאר ניט געטארט שיעסען: אין דעקרעט פון דוראנגא איז געשטאנען אויסדריקליך, אז נור דיעזע געפאנגענע זאל מען דערשיעסען, וועלכע וועלען טראגען דעם מונדיר פון א פרעמדעס פאלק.

ווען מען האט אראפגעריסען פון זיי זייערע קליידער, האט מען זיי שוין געמעגט שיעסען. מען האט זיי בעטראכט אלס פרעמדע סאלדאטען. פון פראטעסטירען, בעטען, רעדען, ערקלערן און פארדערן האט קיין רעדע ניט געקענט זיין. דער ווילדער קאברערא, דער אבער־קאמאנדירענדע פון דאן קארלאס ארמעע, פלעגט אונטערשרייבען א בעפעהל, אין וועלכען עס פלעגט שטעהן קורץ און שארף: „היינט זאל מען דערשיעסען הונדערט געפאנגענע!“ — מען האט זיך ניט געוואלט געבען דיא מיה צו בעשרייבען דיא נעמען פון דיא געפאנגענע, פיהרען א ליסטע, ווער זיי זיינען, וויא זיי הייסען און ווען מען האט זיי דערשאסען

מען פלעגט זיי פיהרען, וויא דיא שעפסען צו דער שלאכט־באנק. דיא באנדע, וועלכע מען האט יעצט געפיהרט, איז געגאנגען אין גאנצען נאקעט, וויא דיא מוטער האט זיי געהאט. ווען מען האט זיי אבער געדארפט דורכפיהרען דורכ׳ן שטעדטעל אזקאאיטיא, האבען דיא פארשטעהער פון׳ם שטעדטעל געפונען, אז עס איז א שאנדע צו פיהרען נאקעטע מענשען איבער דיא גאסען; דיא דאמען קענען זיך נאך פערשעה־

מען און זיי האבען געשענקט הונדערט פעזאָס, פאר וועלכע מען האט געקויפט הויזען פאר דיא אונגליקליכע*).

ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון טויער פון זייערע געפענגניס, האבען זיי שוין געטראגען הויזען, דער גאנצער קערפער אבער איז געבליעבען נאקעט.

פאראויס פאר דיא סאלדאטען פון קאָנוואי איז געריטען אן אָפיציער מיט'ן בלויזען שווערד אין דער האנד. לעבען איהם איז געריטען א מאן איינגעהילט אין א שווארצען מאנטעל, דעם הוט אראפּגעדריקט טיעף איבער דיא אויגען.

צווישען דיא פעראורטהיילטע זיינען געוועזען פיעלע ווילדע געזיכטער. עס האבען זיך געפונען צווישען זיי מערדער און רויבער פון דער גאנצער וועלט. עס האבען זיך אבער אויך געפונען צווישען זיי עדעלע און נאבעלע געזיכטער, וועלכע מען האט באלד געקענט דערקענען. בעזאנדערס אויסגעצייכענט האט זיך א יונגער מאן מיט א ברוינעם, אבער שעהנעם און עדלען געזיכט.

זיין מינע, זיין גאנג, זיין בענעהמען, זיינע אויגען — אלעס אין איהם האט גע-ווייזען, אז ער שטאמט אפּ פון א גרויסער פאמיליע. און ער האט ווירקליך אפּגעשטאמט פון'ם לעצטען אראבישען קעניג פון גראנאדא באָאבדיל דעם ערשטען.

אין שפאניען געפינען זיך נאך ביז אויף היינטיגען טאג פאמיליען, וועלכע שטאל-ציערען דערמיט, וואס זיי שטאמען פון דיא אראבישע, ריכטיגער געזאגט, מאָהרישע קעניגע. ער איז געוועזען אן אָפיציער אין דער ארמעע פון דער קעניגין מאריא קריסטיאנא. איהם האט מען גאר ניט געטארט טייטען. מען האט אבער פון איהם אראפּגעריסען זיינע אָפיציערס קליידער און מען האט איהם יעצט געפיהרט גלייך מיט אלעמען.

לעבען איהם איז געגאנגען א יעזואיט מיט א שווארצען קרייץ אין דער האנד און האט מיט איהם גערעדט.

— דער גרויסער גאט, דער בארמהערציגער גאט זאל זיך דערבארמען אויף דיר אין דיא לעצטע שטונדע פון דיין לעבען! האט געזאגט דער יעזואיט און האט פערגלאצט מיט דיא אויגען צום הימעל. גאט איז גרויס, גאט איז בארמהערציג, גאט איז גערעכט! דיין פאטער האט 'ארויסגעטריעבען מיין פאטער פון זיינע גיטער. — זעה! יעצט איז מיין פאטער גרויס. ער איז דיא רעכטע האנד פון אונזער גרויסען הערשער, דעם קעניג דאָן קארלאס. — איך בין געווארען א טרייער דיענער פון גאט און זיין הייליגע קירכע. יענע, וועלכע האט געוואלט מיך פערפיהרען, געפינט זיך יעצט ביי א הייליגען, וועלכער וועט איהר ווייזען דעם וועג צו גאט.

דער געפאנגענער האט א ציטער געטאהן און האט זיך אומגעקעהרט צום יע-זואיט.

*) איך בעשרייב דא אַ סצענע טריי און וואהר, וויא זיא האט פּאַסירט. איך האב ניט צוגעלעגט ניט איין וואָרט. אלעס איז היסטאָריש וואַהר. עס ציטערט דיא פעדער אין מיין האנד, ווען איך שרייב עס. איך קען אבער ניט העלפען. איך שרייב קיין ראָמאן. איך שרייב אַ סצענע פון דער וועלטגעשיכטע. דיא דריי אָפיציערן: פירסט פעליקס ליכנאָווסקי, דער געטויפטער איד, גראף דע מארטארא און דער פראנצויזישער באראן דע קאָוועניאַק, זיינען קיינע אויסגעטראכטע פּערזאָנען, מיר וועלען זיי נאך בעגעגענען און איך וועל נאך פיעלעס ערקלערן איבער זיי.

א. טאַנענבוים.

— דיענאָ! האט ער אויסגערופען, דיענאָ! מיר האבען זיך געשפיעלט צוזאמען, ווען מיר זיינען געווען קינדער. מיר האבען פערבראכט אונזערע קינדער-יאהרען צוזאמען. איך בעשווער דיך ביי דיעזע הייליגע ערֿאינערונגען! — זאג מיר, וואו איז מיין שוועסטער? — וואס איז פון איהר געווארען?

— אוועק פון מיר, סאטאן! האט אויסגערופען דער פרומער יעזואיט. דיא פרוי, וועלכע דוא רופסט שוועסטער, איז אמאל געווען טהייער פאר מיר. יעצט אבער בעט איך נור צו גאט. אויך דוא דארפסט בעטען צו גאט, ווייל דיין לעצטע שטונדע איז גאנץ נאהענט.

— ליגנער! האט אויסגערופען דער געפאנגענער. דוא וועסט מיך ניט אפנארען, וויא דיין פאטער נארט אפ דאן קארלאָס. — איך קען אייך! איך בין יעצט א קריסט, וויא דוא, איך קען אבער ניט פערגעסען מיין גראס, העלדענמוטהיגעס פאלק, דיא מאהרען, וועלכע האבען ליעב געהאט אלע פעלקער און האבען ניט פערגאָסען אזוי פיעל אונשולדיגעס בלוט, וויא איהר פרומע קריסטען.

— פאר וואס האסט דוא מיטגעהאלפען, אז מען זאל פערטרייבען דיא הייליגע דיענער פון גאט, דיא פרומע יעזואיטען, פון'ם הייליגען שפאניען?

— דיענאָ! האט דער עניקעל פון דיא מאהרענקעניגע אויסגערופען. — דיענאָ! געדענקסט דוא ניט, אז דוא אליין פלעגסט זאגען, אז דיא יעזואיטען זיינען דיא ערגסטע און געפעהרליכסטע מענשען אויף דער וועלט? — דאמאלס, ווען דוא האסט געליעבט מיין שוועסטער, קסימענע, און דוא ביסט געווען א מענש, וויא אלע מענשען, פלעגסט דוא פערדאמען דיא פאלשע יעזואיטען. וואס איז געווארען פון דיר, דיענאָ? וויא קען זיך א מענש אזוי פערענדערן?

דער יעזואיט האט אויף איהם געווארפען א גיפטיגע בליק.

— דערמאָן מיך ניט אן יענער צייט! האט ער אויסגערופען. — דערמאָן מיך ניט אן יענער שלאנג, וועלכע האט געוואלט מיך פערפיהרען! גאט האט מיר געעפענט דיא אויגען, ער האט מיך גערופען צו זיך און האט מיך אויסגעלעזט פון מיינע זינד.

— ענטפער מיר ליעבער אויף מיין פראגע? האט דער עניקעל פון קעניג באָאבדיל געבעטען. זאג מיר בעסער, וואס איז געווארען פון מיין שוועסטער, קסימענע?

— גאט זאל דערלייבען איהר הערץ!....

— שווייג! פאלשער מענש! האט אויסגערופען פול צארן דער יונגער אפיציער.

דער יעזואיט האט געמאכט א קרייץ איבער איהם און האט געזאגט:

— גאט האט געהייסען, אז מיר זאלען בענטשען דיא מענשען, וועלכע שילטען אונז! — וויא לאנג האסט דוא ניט ערהאלטען קיין נאכריכט פון דיין שוועסטער?

— זייט א יאהר, דיענאָ! — מארטער מיך ניט, דיענאָ!

— רוף מיך ניט, דיענאָ! איך הייס שוין ניט, דיענא! האט דער גייסטליכער אויסגערופען. איך הייס יעצט אנטאָניאָ. — דאָן מאנועל קאָרפאס האט פערשפראכען, אז דוא וועסט זיא זעהן, איידער דוא וועסט שטארבען.

דער אפיציער האט א ציטער געטאהן.

— אלזא, איז זיא דא ערגעץ ניט ווייט? האט ער אויסגערופען. אלזא, געפינט זיא זיך ביי דיין פאטער,ביים דיעזען טייפעל אין מענשענגעשטאלט?

דער יעזואיט האט פערגלאצט דיא אויגען צום הימעל און האט געזאגט:

— איך האב ניט קיין פאטער! מיין פאטער איז אין הימעל. גאט איז מיין פאטער. דאָן מאַנועל קאָרפּאַס, איז דער מענש, וועלכער האט מיך געבראכט אויף דער וועלט. דיין שוועסטער איז ביי איהם. ער וועט זיא פיהרען אין גאטס וועגען. ער וועט זיא רעטען פון דער פערדארבענער וועלט און וועט זיך זארגען פאר איהר זעלע.

ער האט אויפגעמישט זיין געבעט בוך און האט אנגעהויבען צו מורמלען דאס געבעט פאר א טויטען.

דער יונגער אפיציער האט איהם נאך עפּעס געפרעגט, נאך עפּעס געבעטען; דער יעזואיט אבער איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין געבעט בוך, אז ער האט גאר ניט געהערט, וואס מען רעדט צו איהם.

לאנגזאם איז געגאנגען דער טרויעריגער צוג, ביז ער איז אנגעקומען אויפ'ן בערגעל, וואו מען האט זיי געדארפט שיעסען.

אין דער מיט בערגעל איז געשטאנען אן אלטעס הויז, וועלכעס איז געשטאנען אין א גרויסען הויף. דאס הויז האט געהאט דריי שטאָק. דיא פענסטער פון דעם אונטערשטען שטאָק זיינען געווען בעשלאגען מיט אייזערנע גראטעס.

ניט ווייט פון'ם אלטען שלאס, אדער הויז, איז געווען א פרייער פלאץ. אין איין עק פון דיעזען פלאץ איז געשטאנען א שטיינערנער קרייץ, וואהרשיינליך אן אנדענקען אן א בלוטיגע געשיכטע, וועלכע האט פאסירט אין דיעזען טאהל. אין דעם אנדערן עק פון'ם פלאץ איז געווען אויסגעגראבען א לאנגע, ברייטע און טיעפע גרוב פאר דיא אונגליקליכע קריעגסגעפאנגענע, וועלכע מען האט געפיהרט דערשיעסען.

ארום טרויער־צוג האבען זיך פערזאמעלט פיעלע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אנגעקומען פון שטעדטעל אזקאַאיטיא און פון דיא דערפער ארום. יעדער האט געוואלט זעהן דיעזעס שרעקליכע טרויער שפיעל.

— זעהט איהר? איך האב קיין טעות ניט געהאט, האט געזאגט גראף דע מאַרטאַרא. — זעהט איהר דען מאן אין שווארצען מאנטעל, וועלכער רייטעט לעבען קאפּיטאַן?

— ווער איז ער דען? האט דער פירסט געפרעגט."

דער גראף האט ניט געענטפערט. דער פראנצויזישער באראן האט זיך אנגע־בויגען צו איהם און האט איהם געזאגט שטילערהייט:

— דאס איז דער בייזער גייסט פון שפאניען. ער איז פול אומעדום און מען קען איהם אין ערגעץ ניט געפינען. — ער איז דיא רעכטע האנד פון דאָן קארלאָס, אבער אויך זיין בייזער גייסט. — ווען ער איז געקומען אהער זעהן, וויא מען וועט דערשיעסען דיא אונגליקליכע, מוז דא עפּעס זיין. — אומזיסט איז ער געוויס ניט געקומען.

— ווער איז ער אבער? וויא הייסט ער? האט דער יונגער פירסט געפרעגט.

— איך זעה, אז איהר ווייסט נאך גאר ניט, וואס עס טהוט זיך אין „אונזער הויף."

ער האט אויסגעצויגען דאס ווארט „הויף“. עס האט אין איהם געקלונגען א ביטערער שפאט.

— איך וויים נאך אלץ ניט, פון וועמען איהר רעדט, האט דער יונגער פירסט געזאגט ערנסט.

— דיעזער מאן הייסט, סעניאר מאנועלא דע קארפאס.

— סעניאר מאנועלא דע קארפאס איז אמאל געוועזן קאנסול אין איטאליען, שפעטער איז ער געווארען גענעראל קאנסול פון קעניג פערדינאנד דעם זיעבענטען אין האמבורג. אין דיעזער האנדעלס שטאדט האט ער בעגאנגען א גרויסען בעטרוג. ער האט אויסגענארט ביי עטליכע קויפלייטע גרויסע סומען געלד. ער האט געזאגט, אז ער לייהט דאס געלד פארן שפאנישען קעניג.

ווען מען איז געוואהר געווארען פון דיעזען שווינדעל און מען האט איהם געוואלט ארעסטירען, איז ער אנטלאפען קיין זיד אמעריקא. ווען קעניג פערדינאנד דער זיעבענטער איז געשטארבען און עס האט זיך אנגעהויבען דער קריעג צווישען דיא קארליסטען און קריסטינא'ס, איז ער געקומען קיין שפאניען און איז געווארען דיא רעכטע האנד פון דאן קארלאס.

דאן קארלאס וואלט איהם פיעלייכט ערקלערט עפענטליך אלס זיין ערשטער מיניסטער, עס געפינען זיך נאך אבער לעבען איהם עהרליכע מענשען, וועלכע וועלען אנטלויפען פון דאן קארלאס, ווען דע קארפאס זאל ווערן מיניסטער. — אבער זעהט עס הויבט זיך אן!

מען האט אויסגעשטעלט דיא קריעגס-געפאנגענע אין א האלבען קרייז און דער אפיציער, וועלכער האט געהאט דעם בעפעהל זיי צו שיעסען, האט פארגעלעזען דעם בעפעהל פון גענעראל קאברערא, אז אלע פרעמדע, וועלכע מען האט געפאנגען גענומען מיט וואפען אין דער האנד, זאל מען דערשיעסען אהן יעדען פראצעס.

קוים האט ער געענדיגט לעזען דעם דעקרעט פון דוראנגא, איז דער יונגער אפיציער, דער עניקעל פון דיא אלטע שפאנישע קעניגע, ארויסגעטרעטען פון דער רייהע און האט געזאגט אין דער הויך:

— איך פראטעסטיר געגען דיעזען בעפעהל! ניט וויל איך האב מורא צו שטארבען מיט דיעזע בראווע מענער, זאנדערן וויל איך בין קיין פרעמדער. איך בין אן אפיציער אין דער ארמעע פון דער שפאנישען קעניגין.

— מיר וויסען פון קיין שפאנישע קעניגין, האט געענטפערט גראב דער אפיציער. מיר האבען אין שפאניען א קעניג. ער הייסט דאן קארלאס דער פינפטער. איך האט מען געפאנגען צוזאמען מיט דיעזע פרעמדע, מיט דיעזע פערדאמטע ענגלענדער, וועלכע גלויבען ניט אין היילינגען פאטער, דעם פאפסט, און איהר מוזט שטארבען מיט זיי צוזאמען.

— מיך האט געשיקט גענעראל דיעספארטערא צום ענגלישען גענעראל עוואנס, האט דער יונגער אפיציער געענטפערט. איך וויים, אז איהר וועט מיך ניט הערן. איך וויים, אז איהר וועט מיך דערשיעסען. איך וויל נור פראטעסטירען אום צו ווייזען, אז זאנאר נאכ'ן דעקרעט פון דוראנגא, האט איהר קיין רעכט מיך צו טויטען. — איך

רער אבער ניט פון מיר. איך פראטעסטיר געגען דעם טויט פון דיעזען יונגען מאן, וועלכער שטעהט לעבען מיר. ער איז גאר קיין סאלדאט. ער איז געווען בײַ גענעראל עוואנס וועגען א פריוואט זאך. איהר האט איהם ניט געפאנגען מיט די וואפען אין דער האנד!

דער קאפיטאן איז געבליעבען שטעהן, וויא צומישט. דיעזער פראטעסט איז געווען אזוי וויכטיג, אז ער האט ווירקליך ניט געוואוסט וואס צו טאהן.

דאן מאנועל דע קארפאס האט זיך אנגעבויגען צום אפיציער און האט איהם געזאגט:

— איך קען דעם יונגען מאן. ער הייסט גראף דע גוזמאן דע מאנטיחא. ער איז א פערדעטהער און א טויגעניכטס. מען מוז איהם דערשיעסען.

דער אפיציער האט באלד געגעבען א בעפעהל צו זיינעסאלדאטען:

— צוטהיילט די געפאנגענע אין קליינע פארטייען! — טרעט צו נעהענטער מאכט בערייט אייערע ביקסען!

דיא צערעמאניע פון'ם שיעסען איז געווען א גאנץ קורצע. מען האט גענומען פיער געפאנגענע און מען האט זיי אניעדערגעשטעלט צווישען דעם שטיינערנעם קרייץ און דער טיעפער גרוב. א יעזואיט איז צוגעגאנגען צו זיי און האט זיי דערלאנגט דעם קרייץ צום קושען. ווער עס האט געוואלט, דער האט געקושט דעם קרייץ. מייסטענס פלעגען זיי אוועקטרייבען פון זיך דעם יעזואיט מיט זיין קרייץ.

— קאפיטאן האזע! — אהער! — נעהענטער! האט דער אפיציער קא־מאנדירט.

צוועלף סאלדאטען מיט געלאדענע ביקסען האבען זיך אויסגעשטעלט געגען דיא פיער געפאנגענע.

דיא יעזואיטען האבען אנגעהויבען צו זאגען זייערע געבעט אין דערהויך.

— הייליגע מוטער גאטעס, ערבארם זיך איבער דיא זעעלען פון דיעזע זינדיגע מענשען....

— פייער! האט קאמאנדירט דער אפיציער.

צוועלף ביקסען האבען אויסגעשאסען. דיא פיער געפאנגענע זיינען אומגעפאלען. איינער האט זיך אבער באלד אויפגעהויבען און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— ערבארמען! האט מיטלייד!

דיא קוגעלן האבען איהם געטראפען אין דיא הענד און אין דיא פלייצעס.

— פייער נאך א מאל! האט קאמאנדירט דער אפיציער.

מען האט אויסגעשאסען נאך א מאל. דאס מאל האט מען איהם געטראפען אין קאפ. ער איז געפאלען, האט זיך געווארפען אייניגע סעקונדען און איז געבליעבען ליעגען טויט.

— לאמיר אוועקפאהרען פון דאנען! האט דער יונגער פירסט געבעטען. איך קען עס ניט זעהן! איך האב געמיינט, אז אין שפאניען וועל איך שוין קענען זעהן אלערליי שרעקענס סצענען. איך קען אבער ניט!

— עס איז יעצט אונמעגליך אוועקצוגעהן פון דאנען, האט דער פראנצויזישער

באראן געענטפערט. איהר קענט ניט דיא שפאניער. זיי וועלען אייך פערווארפען מיט שטיינער, ווען איהר וועט זיי ווייזען, אז איהר קענט ניט זעהן דיעזע סצענע. אויסער דעם מוז איך וויסען, וואס טהוט דא סעניאר דע קארפאס.

דער יונגער פירסט האט זיך געמוזט אוועקקעהרען פון דער שרעקליכער סצענע. ער האט עס ניט געקענט זעהן.

קוים זיינען דיא פיער געפאנגענע געפאלען, האט מען זיי באלד אריינגעווארפען אין גרוב. זיי האבען זיך נאך געווארפען, זיי האבען זיך נאך געצאפעלט. מען האט דארויף ניט געקוקט. מען האט זיי אריינגעווארפען אין גרוב און מען האט ארויסגערופען אנדערע פיער געפאנגענע.

אזוי וויא עס זיינען געוועזען פיער און זעכציג געפאנגענע און מען האט דערשאסע נור צו פיער אויף איין מאל, האט מען געמוזט שיעסען זעכצעהן מאל. דער גאנצער פלאץ, צווישען שטיינערנע קרייץ און דער גרוב איז געווארען רויט פון בלוט. דיא סאלדאטען זיינען מיעד געווארען שיעסענדיג. דאס פאלק האט שוין מעהר ניט געקענט זעהן דיעזע בלוטיגע סצענען און האט אנגעהויבען צו ווערן אונרוהיג. עס זיינען אבער נאך געבליעבען צוועלף געפאנגענע.

פלוצלונג האט מען דערהערט א שרעקליכען, אונמענשליכען, פערצווייפעלטען געשריי:

— אכמעט! — מיין ברודער! — גרויסער גאט! זיי ווילען איהם דערשיעסען! הילפע! — רעטעט! מיין ברודער!

דאס האט געשריען א יונגעס מעדכען פון'ם דריטען שטאק פון'ם אלטען הויז. זיא האט אויפגעריסען דאס פענסטער און האט געוואלט אראפשפרינגען צווישען דער מענגע. — הינטער איהר איז געשטאנען א מאן אין א שווארצען מאנטעל און האט זיא צוריקגעהאלטען.

— זעהט איהר, פירסט, האט דער פראנצויזישער באראן געזאגט צו זיין פריינד, זעהט איהר? דערצו איז אהער געקומען סעניאר דע קארפאס. איך האב געוואוסט, אז ער איז געקומען אהער ניט אומזיסט.

ווען דער יונגער אפיציער, דער עניקעל פון דיא אלטע שפאנישע קעניגע, האט דערהערט דאס געשריי פון'ם מעדכען, האט ער זיך אויסגעריעסע פון דיא הענד פון דיא סאלדאטען, וועלכע האבען נור וואס איהם אנגעהויבען צו פיהרען צום שלאכט־פלאץ, איז צוגעלאפען גענען דעם פענסטער, וואו דאס מעדכען האט זיך געראנגעלט מיט'ן מאן און האט אויסגערופען מיט א פעסטער שטימע:

— קסימענע! מיין טהייערע, ליעבע שוועסטער קסימענע! — פערדאמט זאל זיין דער מערדער פון אונזער פאטער. ער וויל יעצט מיך אויך ערמארדען!

— דע קארפאס, האט דער פראנצויזישער באראן געזאגט צום פאלנישען פירסט. דאס איז דע קארפאס, וועלכער ראנגעלט זיך מיט'ן מעדכען.

דער יונגער אפיציער איז געשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער און האט געריעסען דיא שטריק, מיט וועלכע זיינע הענד זיינען געוועזען געבונדען אויפ'ן ריקען.

דאס יונגע מעדכען האט זיך אויסגעריסען פון דיא הענד פון'ם אלטען מאן, איז

אריבערגעשפרונגען איבערן פענסטער. אלע האבען געזעהן, וויא איהרע קליידער פלאַטערן אין דער לופט.

— אך! זיא וועט צושמעטערט ווערן! האבען אויסגערופען הונדערטער שטימען.

זיא איז אבער ניט צושמעטערט געווארען. וויא א קאץ, האט זיא געקלעטערט פון איין פענסטער צום אנדערן, ביז זיא איז אראפגעשפרונגען אויף דער ערד. זיא איז אומגעפאלען, האט זיך אבער באלד אויפגעהויבען און איז צוגעלאפען צו איהר ברודער. שנעל וויא דער בליץ, האט זיא ארויסגעחאפט א מעסער פון איהר בוזים און האט אנגעהויבען צו צושניידען דיא שטריק, מיט וועלכע איהר ברודערס הענד זיינען געווען געבונדען.

דיא סאלדאטען, דיא אָפיציערען און דיא מענגע זיינען געווען אזוי איבערראשט פון דיעזער אונגעוועהנליכער סצענע, אז אלע האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן.

דאס מעדכען האט באלד איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע איהר ברודער איז געווען געבונדען און האט איהם ארומגענומען ליידענשאפטליך. זיא האט איהם געקושט, האט געוויינט און האט געשריען:

— רעטעט איהם! לאזט איהם ניט טייטען!

ערשט יעצט האט מען געקענט זעהן, אז דאס מעדכען איז א בילד שעהן. דאס איז ווירקליך געווען איינע פון יענע שעהנהייטען, וועלכע מען טרעפט נור צווישען דיא פרויען פון אָריענט, צווישען אידען, אראבער און מאהרען.

אלע אויגען זיינען געווען, וויא צוגעשמידעט צו דער שעהנער געשטאלט פון ים יונגען מעדכען. דער פּאָלנישער פירסט איז געווען אויסער זיך. אזא שעהנהייט האט ער נאך אין זיין לעבען ניט געזעהן. נאך אנאנדערער האט ניט געקענט אפרייסען זיינע אויגען פון'ם שעהנעם מעדכען. דאס איז געווען דער יונגער יעזואיט, וועלכער האט דעם גאנצען וועג גערעדט מיט'ן מעדכענס ברודער. ער האט געהאלטען אין דער האנד זיין געבעט־בוך און האט געמורמעלט געבעטע, זיינע אויגען אבער האבען געברענט, וויא דיא אויגען פון א הונגעריגען וואלף און האבען געקוקט אויף דאס מעדכען: ער האט זיא איינגעשלונגען מיט דיא אויגען.

דער עלטערער מאן אין פענסטער, וועלכער האט זיך געריסען מיט'ן מעדכען און האט זיא ניט געוואלט לאזען ארויסשפרינגען, איז יעצט געקומען צו זיך און האט אויסגערופען:

— לאזט זיא ניט אנטלויפען! זיא איז א געפאנגענע! — סאלדאטען, טהוט אייער פפליכט! — קאפּיטאן דאָן ראמאָן! הייסט שיעסען דיא לעצטע קריעגס געפאנגענע! — איך הייס עס אים נאמען פון אונזער געליעבטען קעניג דאן קארלאס דעם פינפטען!

דער קאפּיטאן האט זיך געווענדעט צו זיינע סאלדאטען און האט קאמאנדירט:

— נעהמט צו דיא פרוי! בינדעט דעם געפאנגענעם דיא הענד אויפ'ן רוקען און פיהרט איהם אוועק אויפ'ן פּלאַץ.

עטליכע קרעפטיגע סאלדאטען האבען ארומגערינגעלט דעם ברודער און דיא

שוועסטער און האבען געוואלט זיי צו שיידען. דאס איז אבער געוועזן קיין לייכטע ארבייט. דאס מעדכען האט ארומגענומען איהר ברודער, וויא מיט אייזערנע צוואנגען און האט איהם ניט אפגעלאזען.

— זייט א מאן! האט דער קאפיטאן געזאגט צום געפאנגענעם. ווען איהר זייט א סאלדאט, דארפט איהר ניט מורא האבען פארן טויט.

— הערר קאפיטאן! האט אויסגערופען דער געפאנגענער, הייסט אייערע סאלדאטען אפטרעטען א מינוט. איך וויל מיט אייך רעדען א פאר ווערטער.

דער קאפיטאן האט געהייסען זיינע סאלדאטען אפטרעטען אויף א מינוט. דער פאלנישער פירסט, דער איטאליענישער גראף און דער פראנצויזישער באראן האבען זיך אין דיעזע צייט דורכגעדרענגט דורך דער מענגע און זיינען צוגעקומען צום געפאנגענעם און זיין שוועסטער. דער יונגער פירסט האט זיך ענטשלאסען צו העלפען דאס מעדכען און זיא צו פערטהיידיגען.

— קאפיטאן! האט דער געפאנגענער געזאגט אין דער הויך, — קאפיטאן, גיט מיר אייער עהרענווארט אלס אפיציער, אז איהר וועט בעשיצען דיעזעס מעדכען, מיין שוועסטער, און וועט זיא צושיקען אונטער א זיכערן קאנוואי ביז צו דער ארמעע פון דער קעניגין מאריא קריסטינא, און איך וועל מיך לאזען דערשיעסען שטיל און רוהיג, וויא מען האט דערשאסען מיינע קאמעראדען. — ווייסט אלע, וועלכע זיינען היער פערזאמעלט, אז א שורקע, א פערברעכער, א טויגעניכטס האלט געפאנגען דיעזעס אונשולדיגעס מעדכען געגען יעדעס רעכט און געגען יעדעס געזעץ.

דער קאפיטאן האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל דא טאהן. ער האט מיטלייד געהאט מיט דעם אונגליקליכעם מעדכען. ער האט אבער מורא געהאט פאר דאן קארפאס. אזוי וויא ער האט אזוי געטראכט, האט זיך געלאזט הערן א געשריי:

— טויטעט איהם! טויטעט זיא! זיי גלויבען ניט אין גאט, זיי גלויבען ניט אין זיינע הייליגע!

דאס האט געשריען דער יונגער יעזואיט. ער האט אויפגעהויבען אין דער הויך דעם שווארצען קרייץ און האט זיך געווענדעט צו דער מענגע:

— האט איהר, שפאניער, שוין פערגעסען דיא לעהרן פון אונזער הייליגער אינקוויזיציאן? געדענקט איהר ניט, וואס דער הייליגער טארקוועמאדא האט אונז געלערנט: דער קערפער מעג שטארבען, ווען דער גייסט, דיא זעעלע וועט לעבען? — טויטעט דיא אונגלויביגע!

— טויטעט דיא אונגלויביגע! האט געשריען דיא ווילדע מענגע.

אונטערדעסען איז דער מאן, וועלכער האט זיך געראנגעלט מיט'ן מעדכען ביים פענסטער, אראפגעגאנגען פון'ם דריטען עטאזש און איז צוגעגאנגען צום געפאנגענעם מיט זיין שוועסטער. יעצט האבען איהם אלע דערקענט. דאס איז געוועזן דאן קארפאס.

— שעהמט אייך, קאפיטאן! האט ער געזאגט גראב, — שעהמט אייך! אזוי פאלגט איהר אויס דיא בעפעהלע פון אייער קעניג? — אייך האט מען געהייסען דערשיעסען דיא קריעגסגעפאנגענע. איהר מוזט עס טאהן!

דער יונגער פירסט האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען. ער האט זיך געווענדעט צו גראף דע מאַרטאַראַ און האט איהם געזאגט:

— גראף! איהר זייט דער עלטערער פון אונזביידען; איהר זייט גוט בעקאַנט מיט'ן קעניג דאן קארלאס. איהר מוזט זיך ארייננמישען און מאכען אן ענדע צו דיעזער שרעקליכער, אונמענשליכער סצענע. עס איז שוין געפלאסען גענוג בלוט! לאז שוין זיין אן ענדע! לאזען דיא איבריגע בלייבען לעבען! טרעט ארויס, הערר גראף! — נעהמט זיך אן פאר זיי!

דער יעזואיט האט פערצויגען מיט דיא אקסלען.

— איך בין אבערסט (פאלקאוניק) פון גענעראל שטאב, האט ער געזאגט גלייכגילטיג, איך קען מיך אין אזעלכע זאכען ניט מישען.

— טייטעט! טייטעט! האט געשריען דער יעזואיט. לאז זיא שטארבען מיט איהם!

דער קאפיטאן איז ענדליך בייז געווארען און האט אויסגערופען:

— איך מוז טאהן, וויא מען האט מיר געהייסען! קום אהער, קאָרפּאָראַל! שטעל אוים דיינע סאלדאטען און היים זיי שיעסען. ווען איהר וועט טרעפען דיא סעניארא, איז אויך פערפאלען. איך בין ניט שולדיג. איך מוז אויספיהרען דעם בעפעהל פון'ם קעניג.

דער קאָרפּאָראַל האט געהייסען זיינע סאלדאטען פערטיג מאכען זייערע ביקסען צום שיעסען. דער יונגער געפאנגענער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און האט אויסגערופען פול פערצווייפלונג:

— קריסטען! מענשען! געפינט זיך צווישען אייך ניט איינער, וועלכער זאל האבען מיטלייד מיט אן אונגליקליכעם מעדכען? וויל קיינער פון אייך זיך ניט ערבארמען איבער דיעזעם מעדכען, וועלכע מען פערפאלגט אזוי אונשולדיג, אזוי אונגערעכט?

דער יונגער פירסט האט זיך דורכגעשלאגען דורך דיא סאלדאטען און איז צוגעקומען צום געפאנגענעם.

— אייך קען איך ניט רעטען, האט ער געזאגט צו איהם, איך גיב אייך אבער מיין עהרנווארט אלס אפיציער, אז איך וועל בעשיצען און פערטהיידיגען אייער שוועסטער! איך וועל זיא בעגלייטען און וועל זיא פיהרען, וואוהין זיא אליין וועט מיר הייסען!

דער געפאנגענער האט בעטראכט איינינע אויגענבליקע דעם יונגען פירסט. ער האט איהם דורכגעשטאכען מיט זיינע בליקען. ער האט געוואלט אויספארשען, אויב ער מיינט עס ערנסט און אויב ער קען זיך אויף איהם פערלאזען. — ווען ער האט געפונען, אז דער פירסט מיינט עס ערנסט, האט ער פראבירט אפצורייסען פון זיך דיא הענד פון זיין שוועסטער. עס איז געווען דייטליך, אז ער וויל זיא איבערגעבען דעם פירסט.

— איך פערטרויע אייך דאס לעבען און דיא עהרע פון מיין שוועסטער! האט

ער דערביי אויסגערופען. איהר ווייזט אויס צו זיין אן עהרמאן און וועט זיא פערטהיידיגען און בעשיצען געגען דיא מערדער פון אונזער פאמיליע.

— ער איז אויך אן אונגלויבינגער! האט אויסגערופען דער יונגער יעזואיט. — טייטעט זיי אלע! — טייטעט אלע דרייא מיט א מאל! זיי גלויבען ניט אין דער הייליגער יונגפרוי מאריא!

אין דיעזע מינוט איז דאן קארפאס צוגעקומען צום יונגען פירסט און האט איהם געזאגט ביין:

— מיין העררן! וואס פאר א רעכט האט איהר זיך אריינצומישען אין א זאך, וואס געהט אייך ניט אן? — ווער זייט איהר עס, מיין העררן?

— איהר זעהט דאך, מיין העררן, אז איך בין אן אפיציער אין דער ארמעע פון זיינע מאיעסטעט דעם קעניג! האט דער יונגער פירסט אויסגערופען שטאלץ. — ווען איהר ווילט וויסען, ווער איך בין, מעגט איהר פרעגען ביי'ם אבערסט, גראף דע מארטארא. ווען דאס איז אייך ניט גענוג, קען איך אייך זאגען אז איך בין א דייטשער פירסט; ווען דאס איז אייך נאך ניט גענוג, קען איך אייך זאגען, אז זיינע אפאסטאלישע מאיעסטעט *) דער קייזער פון עסטערררייך, האט מיך געשיקט אין לאגער פון'ם קעניג דאן קארלאס. — איך זאג אייך דאהער, אז דיעזע דאמע וועל איך בעשיצען. — איך זאג אייך ווייטער, אז איהר האט קיין רעכט צו שיעסען דיעזען יונגען מאן. דער דעקרעט פון דוראנגא זאגט אויסדריקליך, אז מען זאל דערשיעסען נור דיא קריעגסגעפאנגענע, וועלכע מען וועט געפאנגען נעהמען אין מונדירען פון א פרעמדעם לאנד. דיעזער מאן אבער איז געוועזן אן אפיציער אין דער ארמעע פון דער קעניגין מאריא קריסטינא. איך וועל עס שרייבען מיין קייזער.

דאס פאלנישע בלוט האט זיך צוהיצט אין איהם. ער האט ארויסגעחאפט זיין שווערד פון דער שייד און האט זיך געשטעלט פאר דעם מעדכען, וויא א וואך. זיינע באקען זיינען געווארען רויט, וויא פייער, זיינע אויגען האבען געפונקעלט און זיינע ליפען האבען געציטערט פאר צארן און אויפרעגונג.

דער פראנצויזישער באראן, וועלכען דיעזע שרעקליכע סצענע האט שוין לאנג אויפגערעגט, האט יעצט בעקומען מוטה און איז אויך צוגעגאנגען צו זיין קאמעראד, דעם פירסט ליכנאווסקי.

דאס יונגע מעדכען האט אויפגעהויבען דיא אויגען אויף איהרע בעשיצער און האט אויסגערופען:

— אך, רעטעט איהם! רעטעט מיין ברודער אכמעט! ער איז דער לעצטער פון דער קעניגליכער פאמיליע באבדיל! — רעטעט איהם און איך וועל אייך ליעבען מיין לעבען לאנג! — ווען אכמעט וועט שטארבען, וועל איך אויך שטארבען!

— רעטעט איהם, פירסט! האט דער פראנצויזישער באראן געזאגט שטילער-

---

*) דער עסטרייכישער קייזער איז דער איינציגער, וועלכער האט דעם טיטול פון „זיינער אפאסטאלישער מאיעסטעט“, דאס הייסט, ער איז דער קייזער פון אלע קאטהאליקען פון דער גאנצער וועלט. ער איז דער קייזער איבער דעם פאפסט.

הייט צום פירסט. לאמיר ווייזען דיעזע יעזואיטען, אז מיר האבען אין זיך נאך א פונק פון מענשליכקייט! לאמיר זיי געבען א לעקציאן, דיעזע שורקען!

— איך וויל איהם רעטען מיט מיין לעבען, האט דער פירסט געענטפערט, וואס קען איך אבער טאהן? איהר האט דאך געהערט, אז איך האב שוין אויסגערעכענט אלע מיינע טיטולען. זיי שרעקען זיך אבער ניט איבער, דיא שורקען! — דער איטא־ליענער וואלט געקענט עפעס טאהן, ער איז אבער אליין א יעזואיט.

— איך האב געפונען א מיטעל איהם צו רעטען.

— זאגט עס מיר שנעל! האט דער פירסט געבעטען.

— זעהט איהר דארט א קייט געצויגען פארן אריינגאנג פון'ם אלטען הויז?

— איך זעה אן אלטע פערראסטעטע קייט. — נו, וואס איז דען?

— דאס איז א בעוויז אז דער שפאנישער קעניג האט דארט אמאל גענעכטיגט. אין שפאניען איז דא א געזעץ, אז דאס הויז, וואו דער קעניג האט געשלאפען א נאכט, דיענט אלס אזיל (מקום מקלט) פאר פערברעכער. ווען א פערברעכער לויפט אריין אין אזא הויז, טאר מען איהם ניט אנריהרען. ווען איהר ווילט געבען א לעקציאן דיעזע שורקען, שלעפט אריין דיא געפאנגענע אין הויז איבער דער קייט, דאן זיינען זיי אויף א געוויסע צייט גערעטעט.

דער יונגער פירסט האט ניט לאנג געווארט און האט געזאגט צום געפאנגענעם אויף פראנצויזיש:

— לויפט אריבער איבער יענע קייט. מען וועט אייך שוין בעשיצען!

ער אליין האט אויפגעהויבען דעם שווערד אין דער הויך און האט אנגעהויבען צו צוטרייבען דיא סאלדאטען און דאס פאלק.

— אים נאמען פון'ם קעניג! מאכט פלאץ! האט ער געשריען און האט געהייסען אלעמען זיך צוגעהן.

דער פראנצויזישער באראן האט איהם נאכגעטאהן. דאס פאלק האט דערזעהן, אז צוויא אפיציערן טרייבען איהם און עס האט אפגעטרעטען.

דער געפאנגענער האט בענוצט דיעזע געלעגענהייט און שנעל, וויא א קאץ, איז ער געשפרונגען דורך דיא סאלדאטען און איז אריבערגעשפרונגען דיא קייט.

אזוי וויא דיא געפאנגענע זיינען געווען געבונדען צו פיער צוזאמען און דיא דריי אונגליקס קאמעראדען פון דעם געפאנגענעם זיינען געשטאנען ניט ווייט פון איהם אין דער גאנצער צייט, זיינען זיי איהם נאכגעלאפען. דער עניקעל פון דיא אראבישע קעניגע איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט אריבערגעטרעטען דיא שוועל פון'ם הייליגען הויז, א פראנצויז איז איהם נאכגעלאפען. דער יונגער מאן, פאר וועלכען דער געפאנגענער האט געבעטען, אז מען זאל איהם ניט טויטען, ווייל ער איז גאר קיין סאלדאט ניט געווען, איז געפאלען אויפ'ן שוועל פון'ם הויז, דער פיערטער אבער איז אומגעפאלען פאר דער קייט און איז זיא ניט אריבערגעשפרונגען.

איינינע סעקונדען זיינען דיא סאלדאטען געשטאנען צומישט און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן. דער יונגער יעזואיט אבער האט אנגעהויבען צו שרייען:

— זיי אנטלויפען! יאגט זיי נאך! שיעסט זיי!

דיא סאלדאטען האבען זיך נאכגעיאגט נאך זיי און האבען שוין געחאפט דעם געפאנגענעם, וועלכער איז געפאלען איבער דער קייט. פון אויבען אבער האט זיך געעפענט א פענסטעריל, און אלטער מאן האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— אזיל! אזיל!

דאס פאלק האט זיך אין א מינוט אין גאנצען אומגעענדערט און האט אויך אנגעהויבען צו שרייען:

— אזיל! אזיל! ריהרט זיי ניט אן! זיי זיינען אין אזיל! *)

דאָן קאָרפּאַס איז געוואָרען רויט, וויא פייער, פאר צארן און פערדרוס. ער איז צוגעקומען צום קאפּיטאַן, וועלכער האט קאָמאנדירט דיא סאָלדאטען, און האט איהם געזאגט שטרענג:

טהוט אייער פּפליכט, דאָן ראמאָן! — לויפט זיי נאך! חאפּט זיי! — שיעסט זיי, וויא דער קעניג האט געהייסען!

דער יונגער יעזואיט, דער זוהן פון דאָן קאָרפּאַס האט אונטערשטיצט זיין פאטער.

— טייטעט דיא זינדיגע! האט ער געשריען, — טייטעט דיא אונגלויביגע! איהר הערט דאך, אז זיין שוועסטער רופט איהם ניט מיט א הייליגען נאמען! זיא רופט איהם אכמעט, א נאמען פון מאָהאַמעדאַנער!

---

*) מייבע לעזער וועט דיעזע סצענע אויסקומען עטוואָס זאָנדערבאַר. מען מוז קענען דיא געשיכטע פון שפּאַניען און פון פראַנקרייך אום זיא צו פערשטעהן. אין שפּאַניען איז דיא פערזאָן פון'ם קעניג געוועזן אזוי הייליג, אז דאס הויז, וואו ער האט נור איין מאָל גענעכטיגט, האָט שוין געהייסען דער קעניגליכער פּאַלאַץ. קוים איז דער קעניג אַוועקגעפאהרען, האט דיא שטאָדט פערוואַלטונג געצויגען אן אייזערנע קייט פאַר דער טהיר, פון וועלכער דער קעניג איז אריינגעגאַנגען און ארויסגעגאַנגען. דיא שטאָדט פלעגט זיין זעהר שטאָלץ מיט אַזאַ הויז און פלעגט עס רופען Asyl אָדער Asylum, צופלוכטס אָרט, מקום מקלט. דער גרעסטער פערברעכער, וועלכער פלעגט אריינלויפען אין אזאַ הויז, איז געוועזן געשיצט און גערעטעט, ביז מען האָט געבראַכט אַ בעפעהל פון'ס קעניג אליין, אז פאַר דיעזען פערברעכער איז דער אַזיל ניט הייליג.

דער אייגענטהימער פון אַזאַ הויז איז געווים געוועזן שטאָלץ מיט אַזאַ קייט. ווען ער האָט בעגאַנגען עפּעס אַ פערברעכען, האָט מען ביי איהם צוגענומען דיא קייט. דאָס איז געוועזן פאַר איהם דיא גרעסטע שאַנדע.

אין פראַנקרייך פלעגען זיך געפינען אייניגע קירכען, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט פון אן אַזיל. דיא בעריהמטע קירכע אין פּאַריז נאָטרדאַם דע פּאַריז האט געהאַט דיעזעס אַזיל רעכט ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. פון דער קירכע אָבער האָט קיינער קיין רעכט ניט געהאַט ארויסצונעהמען אַ פערברעכער.

עס זיינען פאָרגעקומען פעלע, ווען אַ גרויסער פערברעכער איז אנטלאָפען אין אַ קירכע און מען האָט איהם דאך געוואָלט בעקומען, דאן האָט מען געמוזט פערמויערן דיא קירכע אויף עטליכע טעג, ביז דער פערברעכער איז דאָרט געשטאָרבען פון הונגער.

ווען מיר לעזען יעצט דיא געשיכטע פון יענע פעלקער און פון יענע צייטען, קומען אונז פאָר פיעלע זאַכען פרעמד, זאָנדערבאַר און אונפערשטענדליך. מיר זיינען ניט געוואוינט צו זיי. זיי זיינען אָבער דאך וואַהר.

א. טאַנענבוים.

ער האט אנגעחאפּט א פּאר סאלדאטען בײ דיא הענד און האט זײ געשלעפּט צו דער טהיר, וואו דיא געפאנגענע האבען זיך גערעטעט. דאס מאל אבער האט דער פּאטער, וויא דער זוהן, א טעות געהאט. דער קאפּיטאן, וואס האט קאמאנדירט דיא סאלדאטען, האט ארויסגעכאפּט זײן שווערד פון דער שייד און האט זיך אניעדערגעשטעלט פאר דער קײט.

— קײנער זאל ניט וואגען צוצוטרעטען אהער! האט ער געשריען. ווער עס וועט זיך אונטערשטעלען צוצוקומען צו דיעזעס הויז, דעם וועל איך שפּאלטען דעם קאפּ מיט מײן שווערד. — דיעזעס הויז געהערט צו מײן פאטער. ער איז שטאלץ דערמיט, וואס דיעזע קײט הענגט פאר זײן הויז. דיא קײט איז פערראסטעט, זיא הענגט שוין דא זעהר לאנג. דאס איז א בעווייז, אז זיא איז הייליג און אז קײנער פון אונזער פאמיליע האט קײן פערברעכען ניט בעגאנגען.

— דער קעניג האט אייך געגעבען א בעפעהל, איהר זאלט דערשיעסען דיא קריעגסגעפאנגענע, האט דאן קארפּאס געזאגט שטרענג, איהר מוזט אויספאלגען דעם בעפעהל פון'ם קעניג.

דער קאפּיטאן איז רויט געווארען, וויא פײער.

— איהר זאגט עס, דאן קארפּאס? איהר פאדערט עס פון מיר, אז איך זאל טרעטען מיט דיא פיס דאס אזיל רעכט פון מײן פאטערס הויז? — איהר אלײן האט דאך געהייסען, אז מען זאל דערשיעסען דיא געפאנגענע דא אויף דיעזען פּלאץ. גאט און דיא הייליגע מוטער זײנען מײנע צײגען, אז איך האב עס ניט געוואלט. איך האב געוואלט פערשוינען מײן פאטערס הויז. איהר אבער האט פערלאנגט און געפאדערט, אז מען זאל דערשיעסען דיא געפאנגענע נור דא.

יעצט קומט איהר און פאדערט, אז איך זאל שענדען דאס אזיל רעכט פון דיעזעס הויז, מיט וועלכען מײן פאמיליע איז אזוי שטאלץ? — ווייסט איהר, פון ווען אן מיר האבען דיעזעס רעכט? — פון אונזער גרויסען קעניג פיליפּ דעם צווייטען! *) ער האט אונז געוויעזען דיא גרויסע עהרע צו נעכטיגען אין אונזער הויז. עס זײנען פערגאנגען קנאפּע דרײא הונדערט יאהר זײט מיר האבען דיעזעס הייליגע רעכט. איך וועל פערטהיידיגען דיעזעס רעכט מיט מײן לעבען!

— איבערלעגט אייך, דאן ראמאן! האט דאן קארפּאס געדראהט. — בעדענקט, וואס איהר טהוט! דער קעניג וועט זײן זעהר בײז, ווען ער וועט דערפון געוואהר ווערן.

— אין נאמען פון בארעמהערציגען גאט! טײטעט דיא אונגלויביגע! האט געשריען דער יעזואיט.

— און ווען עס זאל זיך געפינען אין דיעזעס הויז דער מערדער פון מײן פאטער, וואלט איך איהם דאך ניט ארויסגעגעבען! האט דער קאפּיטאן געזאגט פעסט ענט-

*) פיליפּ דער צווייטער האט רעגיערט אין שפּאניען פון 1555 ביז 1598. ער איז בעקאנט אין דער וועלט געשיכטע אלס טיראן און דער גרעסטער פרײנד פון דיא יעזואיטען.

שלאסען. -- דאס הויז איז הייליג, קיינער טאר ניט אנריהרען יענע מענשען, ביז עס וועט אנקומען א בעפעהל פון'ם קעניג אליין.

— הייליג איז נור דיא קירכע! האט געשריען דער יעזואיט — ווער עס גלייבט ניט אין גאט, דעם מעג מען טייטען, וואו מען טרעפט איהם! טייטעט דיא אונגלויביגע!

דיא געשרייען פון'ם יונגען יעזואיט און זיין גאנצע אויפפיהרונג איז געוועזן אזוי זאנדערבאר, אז אן אלטער יעזואיט, דער עלטסטער פון אלע, וואס זיינען געקומען מיט דיא געפאנגענע, איז צוגעקומען צו איהם און האט איהם געזאגט:

— בערוהיגע דיך, ברודער אנטאניא! איך האב מורא, אז דוא פארדערסט דעם טויט פון יענע מענשען ניט אויס פרומקייט, זאנדערן אויס אנדערע, וועלטליכע אינטערעסען. דאס איז ניט גוט!

דער יונגער יעזואיט האט אנגעבויגען דעם קאפ פארן אלטען מאן, האט זיך געשלאגען אין הארצען און האט געזאגט אויף לאטיין:

— איך האב געזינדיגט! איך בין שולדיג!

— איך זעה מיט טרויער, אז דוא ביסט נאך ניט גאנץ פריי פון דיא ליידענשאפטען פון דיעזער וועלט, האט דער אלטער געזאגט. ווער עס טרעט אריין אין הייליגען ארדען פון יעזוס, דער מוז פערגעסען אלעס אין דער וועלט. ער מוז האבען פאר זיך נור איין צוועק — אונזער הייליגען ארדען. — געה באלד צוריק אין מאנאסטיר און זאג דעם סופעריאר, ער זאל דיר איינשפארען אין קארצער אויף דרייא טעג. דארט זאלסט דוא פאסטען און בעטען גאט ער זאל דיר פערגעבען דיינע זינד.

דיא דיסציפלין ביי דיא יעזואיטען איז זעהר שטרענג. וואס דער עלטערער זאגט, מוז מען באלד אויספאלגען. — דער יעזואיט האט געזוכט מיט דיא אויגען זיין פאטער, דאן מאנועל דע קארפאס. ער האט געהאפט, אז זיין פאטער וועט זיך שטעלען פאר איהם. דע קארפאס אבער איז געוועזן זעהר בעשעפטיגט מיט'ן קאפיטאן און האט ניט געזעהן, וואס עס טהוט זיך הינטער זיינע פלייצעס.

דער יונגער יעזואיט האט פערביסען דיא ליפען פאר שמערץ, האט צונויפגעלעגט זיין געבעט בוך, האט אראפגערוקט זיין שווארצעס היטעל איבער דיא אויגען און איז שטילער הייט אוועקגעגאנגען פון דעם טרויעריגען ארט.

דאן קארפאס האט נאך אלץ אויפגעפאדערט דעם קאפיטאן, ער זאל ארויספיהרען דיא געפאנגענע מיט געוואלד. דער קאפיטאן איז געווארען אזוי אויפגערעגט, אז ער האט ארויסגעכאפט זיינע פיסטאלעטען און האט אויסגערופען:

— איך וועל דערשיעסען יעדען, ווער עס וועט וואגען צו צוקומען צו דיעזען הויז.

דיא סאלדאטען און דאס פאלק האבען אפגעטרעטען.

— ער האט רעכט! האט דאס פאלק געשריען. — דער קאפיטאן דאן ראמאן האט רעכט!

דאן קארפאס האט איינגעזעהן, אז ער וועט דא גאר ניט מאכען און ער האט געוואלט אביסעל פערגלעטען דעם גראבען פעהלער, וואס ער האט בעגאנגען דערמיט,

גענאנגען צו דער טהיר פון'ם הויז, וואו דיא קייט איז געווען געצויגען. דער פראנצויזי־שער באראן איז זיי נאכגעגאנגען.

קוים זיינען זיי אריינגעגאנגען אין הויז, האבען זיי דערהערט שיעסען. דאס האט מען דערשאסען דיא לעצטע געפאנגענע. אכמעט, דער ענייקעל פון קעניג באאבדיל און זיין שוועסטער האבען א ציטער געטאהן, ווען זיי האבען געהערט דיעזע שיעסע. זיי האבען געוואוסט, אז דיעזע קוגעלן זיינען געווען בעשטימט פאר איהם מיט זיינע קאמעראדען.

ברודער און שוועסטער האבען זיך ארומגענומען און האבען געוויינט. ווען זיי האבען זיך עטוואס בערוהיגט, האט דער פירסט ערקלערט דעם יונגען מאן, אז ער מיט זיין שוועסטער וועלען באלד פאהרען צום קראנפרינץ, אדער אינפאנט, דאן סעבאסטיאן און וועלען איהם בעטען, ער זאל שענקען דאס לעבען פון דיא דריי, וועלכע האבען זיך גערעטעט אויף אזא אונגעוועהנליכער ארט.

— איך קען דעם אינפאנטען דאן סעבאסטיאן זעהר גוט, האט דער פירסט געזאגט, ער איז א גוטער גענעראל און אן עכטער עדעלמאן. ער וועט אייך געוויס בעגנאדיגען. ער וועט ניט קענען זעהן דיא טרערין פון אייער שוועסטער.

— מיר האבען ניט פיעל צייט, האט דער באראן דע קאוועניאק געזאגט. דאן קארפאס וועט ניט שווייגען. מיר מוזען זעהן צו פערהאפען, צו קומען פריהער פון איהם.

אלע דריי האבען געמוזט ארויסגעהן פון הויז. ווען זיי זיינען ארויסגעקומען, האבען זיי געפונען, אז דאן קארפאס זיצט שוין אויף זיין פערד און רעדט עפעס מיט'ן גראף דע מארטארא.

— סעניאר קאפיטאן! האט דאן קארפאס געזאגט צום קאפיטאן דאן ראמאן, איך זאג אייך נאך א מאל, אז איהר זייט פעראנטווארטליך פאר דיעזע דריי געפאנגע־נע מיט אייער קאפ. איך וועל נאך היינט פאר נאכט זיין צוריק און וועל ברענגען א בעפעהל פון'ם קעניג, אז מען זאל זיי שיעסען.

אין דיעזע מינוט האט ער דערזעהן דעם פירסט מיט דעם יונגען מעדכען.

— פרעהט אייך נאך ניט! האט ער זיי געזאגט. איהר זייט נאך אין שפאניען.

דער פראנצויזישער באראן האט איהם געענטפערט מיט א געלעכטער:

— גליקליכע רייזע, סעניאר דאן קארפאס! האט ער אויסגערופען, איך האף, אז איידער איהר וועט קומען צום קעניג דאן קארלאס, וועלען מיר שוין זיין צוריק פון'ם קראנפרינץ דאן סעבאסטיאן. קיין דוראנגא איז צעהן מייל, קיין אזקאאיטיא איז א האלבע מייל.

דער שפאניער האט געקריצט מיט דיא צעהנער, האט געווארפען אויף זיי א שטרענגען פינסטערן בליק און איז פערשוואונדען געווארען אויפ'ן וועג קיין דוראנגא.

41טער קאפיטעל.

ליעבע און גליק.

איינינע טעג זיינען פערגאנגען, זייט עס האבען פאסירט דיא סצענען, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין פאריגען קאפיטעל.

עס איז א שעהנער, שטילער, ווארעמער אבענד. דיא בלומען שמעקען און דיא פויגעל זינגען אין דיא וועלדער און דיא וויינגעדטנער ארום שטעדטעל אזקאַאיטיא. אלע פענסטער זיינען אפען און דיא איינוואהנער זיצען אין דרויסען און געניעסען דיא שטילע, פרישע נאכט לופט. אויף א באלקאָן אין איינעם פון דיא אלטע שלעסער פון שטעדטעל זיצען צוויי געשטאלטען, א מאן און א פרוי. זיי האלטען זיך ביי דיא הענד און דיא פרוי האט ארויפגעלעגט איהר שעהנעס קעפעלע דעם מאן אויף דער פלייצע.

דיא צווייא געשטאלטען זיינען אונזערע אלטע בעקאנטע: דער יונגער פירסט. פעליקס ליבנאווסקי און דאָניא קסימענע, דאס יונגע מעדכען, וועלכע ער האט מיט אייניגע טעג צוריק גערעטעט פון איהר געפאנגענשאפט ביי דאן קארפאס. — זיי ריידען שטילערהייט, פערטרויליך, וויא צוויי ליעבענדע. אין דיא ווארעמע געגענדען וואקסט אלעס זעהר שנעל און עס ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל. אויך דיא ליעבע ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל און בליהט אויף גיך אין יענע גליקליכע, ווארעמע לענדער.

ביידע זיצען נאהענט איינער לעבען אנדערן און קוקען אויפ'ן שעהנעם, קלאָרען, בלויען הימעל, וואו עס פונקלען מיליאנען שטערן.

פלוצלונג איז א שטערן אויפ'ן הימעל דורכגעלאפ'ען, האט אויסגעשאסען, וויא א פייל, און איז פערשוואונדען געווארען. — וואס איז דאס? — פרעגט דאס פאלק. פון וואנען איז געקומען דיעזער שטערן? וואוהין איז ער פערשוואונדען געווארען? — דאס פאלק ערקלערט זיך עס אויף זיין ארט. אין דיא קאלטע געגענדען, וואו דיא נאַטור איז וויסט און טרויעריג, זאגען דיא מענשען, אז דיעזע שטערן, וועלכע לויפען דורך דעם הימעל און ווערען אזוי גיך פערלאשען, זיינען דיא זעעלען פון אונגליקליכע מענשען, וועלכע האבען געשיינט אויף א מינוט אויף דער וועלט און זיינען באלד פערשוואונדען געווארען.

אין דיא גליקליכע, ווארעמע לענדער, וואו אלעס לעבט, אלעס וואקסט און אלעס בליהט, זאגט דאס פאלק, אז דיעזע שטערן, וועלכע לויפען דורך אזוי שנעל אויפ'ן הימעל, זיינען דיא גריסע פון פריינדע און גוטע בעקאנטע, וועלכע געפינען זיך וויט פון אונז.

דאָניא קסימענע איז געוועזן דיא ערשטע, וועלכע האט דערזעהן, וויא דער שטערן איז דורכגעלאפען אויפ'ן הימעל.

— זעה, פעליסיאָ! האט זיא געזאגט שטילערהייט. — זעה דארט דעם שטערן! מיין ברודער אכמעט שיקט אונז א גרוס! — ער דענקט פון אונז. — דארט, וואו דער שטערן איז פערשוואונדען געווארען, געפינט זיך מיין ברודער — מיין ליעבער, טהייערער ברודער! דער איינציגער מענש, וועלכען איך ליעב אויסער דיר, מיין גוטער פעליסיאָ! — אך! איך ליעב דיך, פעליסיאָ! — וואס האב איך אויף דיעזער וועלט, אויסער דיר? — וואס קען מיר זיין ליעב און טהייער, אויסער דיר, מיין געליעבטער פעליסיאָ!

ער האט זיך צוגעבויגען צו איהר, האט ארומגענומען איהר שעהנעם קאפ, האט איהם צוגעדריקט צו זיך און האט איהר א קוש געטאהן אויפ'ן שטערן.

— ליעבע, זיסע קסימענע! האט ער אויסגערופען, וועסט דוא מיך שטענדיג אזוי ליעבען, וויא יעצט?

— זעה דיעזע שעהנע שטערן דארט אויבען! האט דאס יונגע מעדכען אויסגערופען, — בעטראכט דעם קלארען בלויען הימעל! דארט, וואו איך בין געבארען געווארען, ברענט דיא זון איבער דיא פאלמען און מירטהען! דארט איז ווארמער, וויא ביי אייך אין דיא קאלטע געגענדען. — אויך אונזער בלוט איז הייסער, אונזערע געפיהלע ברענען, אונזער ליעבע פלאקערט נור איין מאל אויף אין אונזער לעבען און ווערט פערלאשען מיט אונזער לעבען. — ניין זאגאר דער טויט קען ניט פערניכטען אונזער ליעבע. זיא איז אייביג, וויא יענע שטערן דארט אויבען, וויא יענער בלויער הימעל איבער אונז. — דוא קענסט נאך ניט דיא ליעבע פון אונזערע פרויען, פעליסיא!

— אבער דיין ברודער? ווערט ער ניט זיין בייז אויף דיר דערפאר, וואס דוא ליעבסט מיך?

— מיין ברודער? — ארכמעט? ער איז דער עניקעל פון דיא האסענען, דיעזע בעריהמטע פאמיליע פון דיא אלטע קעניגע, וועלכע האבען אמאל געהערשט אין שפאניען. ער איז גרויס און עדעל. ער וויים, אז וועמען קסימענע ליעבט, דער איז ווערטה, אז מען זאל איהם ליעבען! — ער קען מיך זעהר גוט. מיין ליעבער ברודער! — ער וויים, אז דוא ביסט ווערטה, אז מען זאל דיך ליעבען, אז מען מעג האבען צוטרויען צו דיר.

— געדענקסט דוא יענעם שרעקליכען טאג, ווען דוא האסט מיך געלאזען דא אליין און דוא ביסט געפאהרען מיט'ן פראנצויז צום פרינץ דאן סעבאסטיאן? — איך בין געבליעבען איינע אליין. לאנגע, שווערע, טרויעריגע, שרעקליכע שטונדען זיינען פערגאנגען. יעדע מינוט איז געוועזן ביי מיר א וואך, יעדע שטונדע איז געוועזן ביי מיר א יאהר. איך בין געזעסען ביים פענסטער און האב אויף דיר ארויסגעקוקט מיט טויזענד אויגען. מיין הערץ האט געקלאפט, וויא מיט האמערס. איך האב געציטערט, איך האב געפלאטערט, איך האב געהאפט, איך האב מיך געשראקען — און דענאך האב איך דיר פערטרויט! דענאך האב איך געגלויבט אין דיר! — איך האב דיך דאן געזעהן צום ערשטען מאל אין מיין לעבען און איך האב דיך ליעב בעקומען, — עס זיינען פערגאנגען שטונדען און איך האב ניט געוואוסט וואס צו טראכטען און וואס צו טאהן. דיא זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז געווארען נאכט. — דוא ביסט נאך אלץ ניט געקומען. — איך האב דיר דאך געגלויבט. — עס איז געווארען שפעט. — איך בין נאך אלץ געזעסען ביים פענסטער און האב געווארט און האב געהאפט.

פלוצלונג האב איך דערהערט דעם געלאפ פון א פערד. — איך בין אויפגעשפרונגען. איך בין ארויסגעלאפען. — דוא ביסט עס געוועזן!

— ער איז גערעטעט! ער איז פריי! האסט דוא אויסגערופען.

איך בין דיר ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז. —

— יא, מיין ליעבע קסימענע! איך געדענק עס זעהר גוט! — וואס האב איך געקענט טאהן? — איך האב מיך געמוזט איילען. — ווייסט דוא דען, וואס עס איז געשעהן?

— דוא האסט עס מיר נאך ניט דערצעהלט. פעליסיא, האט קסימענע געענטפערט.

— דאן סעבאסטיאן האט מיך אויפגענומען זעהר פריינדלייך, האט מיך אויסגעהערט אויפמערקזאם און האט מיר באלד געגעבען א בעפעהל, אז דיין ברודער מיט דיא אנדערע דרייא געפאנגענע זיינען פריי. ער האט מיר אבער דערביי געראטהען, איך זאל מיטנעהמען מיט מיר צוואנציג רייטער, וועלכע זאלען צופיהרען דיא געפאנגענע צום לאגער פון דיא קריסטינאָס און זאלען פארדערן, אז פאר דיעזע דריי געפאנגענע זאל מען ארויסגעבען דריי פון אונזערע געפאנגענע.

איך האב געמוזט לויפען זעהר שנעל צו יענעם הויז, וואו דיין ברודער האט זיך געפונען, און האב איבערגעגעבען דעם קאפיטאן דעם בעפעהל פון דאן סעבאסטיאן. — קוים האבען זיך דיא בעפרייטע אויפגעזעצט אויף זייערע פערד, איז אנגעלאפען דאן קארפאס מיט א בעפעהל פון קעניג דאן קארלאָס, אז דיעזעס הויז האט מעהר ניט דאס רעכט פון אן אזיל.

ווען דאָן קאָרפאס זאל געווען זיין קלוג און זאל געווען ברענגען א בעפעהל, אז מען זאל דערשיעסען דיא געפאנגענע, וואלט מיין מיה געווען אומזיסט. דאן קארפאס אבער איז געווען צופריעדען דערמיט, וואס דער קעניג האט אראפגענומען דאס אזיל־רעכט פון יענעם הויז. דיין ברודער און זיינע קאמעראדען זיינען געווען גערעטעט. דענ־נאך האב איך געמוזט מיך אייניגען אוועקשיקען דיין ברודער מיט'ן קאָנוואָי, וועלכען דער פרינץ דאן סעבאסטיאן האט מיר געגעבען. — דוא קענסט דאך געוויס דעם שלעכטען דאן קאָרפאס.

— אה, איך קען איהם! פלוך איבער איהם! דאס איז א טיגער אין מענשען געשטאלט! פלוך איבער דיעזען דאן קארלאס, וועלכער הייסט קאלטבלוטיג דערשיעסען דיא עדעלסטע קינדער פון שפאניען! פערדאמט זאלען זיי זיין פון הימעל און ערד! — אך, פעליסיאָ! וויא קומט עס, וואס דוא קעמפפסט פאר אזעלכע מענשען, וועלכע ווילען צוריק איינפיהרען דיא אינקוויזיציאן? — וויא קומט עס, וואס אזא גוטער און עדלער מענש, וויא דוא ביסט, זאל העלפען איינפיהרען אין שפאניען דיא יעזואיטען מיט זייער בלוטיגעס געריכט, וועלכע זיי רופען אינקוויזיציאָן?

— לאמיר ניט רעדען איבער פאליטיק! האט דער יונגער פירסט געבעטען. דיא שפאנישע פרויען דענקען צו פיעל איבער פאליטיק. — דענק אבער ניט, מיין ליעבע קסימענע, אז איך קעמפף פאר דיא יעזואיטען. — איך קעמפף פארן קעניג דאן קארלאס, ווייל איך ווייס, אז ער איז דער רעכטמעסיגער קעניג פון שפאניען. איהם געהערט דיא שפאנישע קרוין. דער קעניג איז הייליג. ער איז דער געזאלבטער פון גאט! — אן אונגערעכטעס געזעץ וויל אוועקרויבען פון איהם דיא קרוין, וועלכע גאט אליין האט איהם געגעבען. קיינער טאר ניט אנריהרען דיא קרוין פון א קעניג.

— מיין ברודער אבמעט און איך שטאמען אויך אפ פון קעניגע. מען האט ביי זיי אויך צוגענומען דיא קרוין. — מיר אבער דענקען אנדערש. מיר דענקען, אז אלע מענשען זיינען גלייך. גאט קימערט זיך זעהר וועניג, אויב דאן קארלאס טראגט אויפ'ן קאפ דאס שטיקעל גאלדענע בלעך, וועלכעס דיא מענשען רופען דיא קרוין אדער דיא קעניגין איזאבעללא טראגט דיעזעס שטיקעל בלעך, —

זיא האט איהם צוגעצויגען צו זיך און האט איהם א קוש געטאהן אין מויל.

— וואס געהט עס אבער מיך אן? האט זיא אויסגערופען, איך זעה דאך, אז דער גאט, וועלכען דיא יעזואיטען און דיא פון איהם געזאַלבטע קעניגע בעשמוצען מיט בלוט פון טויזענדער מענשען, דערזעלבער גאט האט דיך געשיקט אום צו רעטען מיין ברודער. — וואס געהט עס מיך אן, וואס דיא גייסטליכע, דיין פריעסטער און דיא קעניגע קריעגען זיך? — קסימענע ליעבט דיך! קסימענע לעבט נור פאר דיך. — זייט דוא האסט מיר געבראכט דעם גרוס פון מיין געדעטעטען ברודער אכמעט, בין איך דיינע — דיינע אויף אייביג! — ליעב מיך, פעליסיא! לאז מיך ניט אפ פון דיר! איך וויל זיין דיינע אויף אייביג! ווען דוא ווערסט זיך אפקעהרען פון מיר, וועל איך שטארבען. — קסימענע קען ניט לעבען אהן דיר.

זיא האט איהם ארומגענומען הייס, ליידענשאפטליך, מיט'ן גאנצען פייער פון יענע געגענדען און הייסע, ברענענדיגע קושען האבען געברענט אויף זיינע ליפען און זיינע באקען.

— ליעב מיך, פעליסיאָ! האט זיא אויסגערופען איין מאל נאכ'ן אנדערן, אין דעם טאג, ווען דוא ווערסט אויפהערן מיך צו ליעבען, וועל איך אויפהערן צו לעבען.

דיא נאכט איז געווען שטיל און ווארים. דיא נאכטיגאלען האבען געזונגען, דיא שטערן האבען געלייכט, געשיינט און געפונקעלט אויף דיא צווייא ליעבענדע. אונטען אין שטעדטעל איז אלעס געווען שטיל און רוהיג, נור אין ערטער זיינען דיא וואכען געגאנגען מיט זייער שווערן, מידען און רעגעלמעסיגען שריט.

42טער קאפיטעל.

דיא טרויאונג.

דאָניא קסימענע איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען. איהר שארפער אויער האט דערהערט דעם שווערען גאלאפ פון א פערד.

— וואס זאל דאס זיין, געליעבטער? האט זיא אויסגערופען. — ווער זאל עס קומען אזוי שפעט? — איז עס ניט א קוריער פון ערגעץ? — איך ציטער, געליעבטער! איך האב מורא פאר אונזער גליק!

דער יונגער פירסט האט געלאכט.

— זיי רוהיג, געליעבטע! וואס ציטערסט דוא? — ווייסט דוא דען ניט אז ארום אונז ליעגט דיא גאנצע ארמעע פון דאן קארלאס? — מיר זיינען דאך אין קריעג. הונדערטער אדיוטאנטען לויפען אהער און אהין. זיי טראגען בעפעהלע פון קעניג און פון קראנפרינץ צו דיא גענעראלען און קאמאנדירען פון דיא פערשיעדענע אבטהיילונגען.

— אך, ניין, געליעבטער! האט דאס מעדכען געזיפצט. — מיר דאכט, אז דער רייטער קומט צו אונז!

— געה שלאפען, מיין טהייערע; האט דער יונגער פירסט געבעטען. עס הייבט אן צו בלאזען א קיהלער ווינד פון דיא בערג. איך מוז אויך אויפשטעהן גאנץ פריה. דאן סעבאסטיאן וועט גאנץ פריה מושטערן זיין ארמעע. איך מוז זיין דערביי.

— דוא שיקסט מיך אוועק פון דיר, פעליסיא? האט דיא יונגע פרוי געפרעגט מיט פאָרוואורף.

דער יונגער פירסט האט זיך אנגעבויגען צו איהר, האט זיא ארומגענומען און האט זיא אנגעהויבען צו קושען.

פעסטער און פעסטער האבען זיי זיך ארומגענומען, ענגער און ענגער, איין הערץ האט געשלאגען לעבען אנדערן. דער ענגעל דער ליעבע האט אויסגעשפרייט זיינע פליגעל איבער דיעזעס יונגע, שעהנע, גליקליכע און ליעבענדע פאר.

פּלוצלונג האט מען געהערט קלאפּען אין טהיר פון'ם אלטען שלאס. דיא יונגע פרוי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ארימס דערשראקען אויפגערעגט. דער יונגער פירסט איז אויך אויפגעשפרונגען, האט זיך אראפּגעבויגען איבערן באלקאן און האט געפרעגט:

— ווער איז דארט? וואס דארפט איהר אזוי שפּעט?

— עס איז א פריינד, האט געענטפערט א בעקאנטע שטימע. איך קום פון דוראנגאָ. — עפענט!

ער האט געבעטען קסימענע, זיא זאל ארייננעהן אין איהר צימער. קסימענע האט אבער אויף קיין פאלל ניט געוואלט,ביידע זיינען אראפּגעגאנגען דיא טרעפּ און האבען געעפענט דיא טהיר.

א מאן איינגעהילט אין א לאנגען שווארצען שפּאנישען מאנטעל מיט'ן הוט טיעף איבער דיא אויגען איז ארייננעקומען אין פארצימער.

— פירסט, ווער איז דער מאן, וועלכען איך האב געפונען ביי אייך פאר דער טהיר? האט דער מאן געפרעגט. קען איך רעדען פאר איהם.

— דער מאן איז א פרעמדער, דאס איז איינער פון דיא דריי, וועלכע איך האב דאמאלס גערעטעט פון טויט. ער איז א דייטשער און אזוי וויא ער האט געהערט, אז איך רעד אויך דייטש, האט ער אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל בלייבען ביי מיר אלס דיענער.

— קען מען זיך אויף איהם פערטרויען?

— איך דענק, אז מען קען זיך אויף איהם פערטרויען, ער איז מיין לאנדסמאן און ער דארף דאך מיר זיין אזוי וויט דאנקבאר דערפאר, וואס איך האב איהם גע־רעטעט זיין לעבען, אז ער זאל מיך ניט פערראטען.

— אלזא, הייסט איהם ארויסגעהן אין דרויסען און האלטען דיא וואך.

— דיא וואך? צו וואס דארף איך א וואך?

— דיא אלגוואזילס (דיא פאליציי) וועט באלד קומען.

— דיא אלגוואזילס? וואס האט דיא פאליציי ביי מיר צו טאהן? איהר קומט דאך גאר פון דוראנגאָ?

— געוויס קום איך פון דוראנגאָ! איך בין איינגעלאפען דיא עלף מייל אין פיער שטונדען. איך האב מיך געאיילט אום אייך צו ווארנען.

— מיר ווארנען? פאר וואס? געגען וואס?

— דער קעניג האט ארויסגעשיקט א קוריער מיט א בעפעהל, אז מען זאל איהם

איבערגעבען דיעזע דאמע. זיא איז בעשטימט פאר א מאנאסטיר. — דאן קארפאס האט געזיעגט. וויים דער טייפעל, וואס פאר ליגען ער האט דארט אנגעזאגט דעם קעניג און האט איהם איבערגערעדט, ער זאל איהם געבען אזא בעפעהל. איך וויים, אז ער וועט געוויס באלד אנקומען אהער. ער וויים געוויס, אז מיט גוטען וועט איהר דיעזע דאמע ניט ארויסגעבען, וועט ער געוויס קומען מיט דיא אלגוואזילס. איהר מוזט זוכען עפעס א מיטעל זיא צו רעטען.

— איך וועל פערטהיידיגען דאניא קסימענע מיט מיין לעבען! האט דער פירסט אויסגערופען. — ווער עס וועט זיך אונטערשטעלען צו קומען אהער, דעם וועל איך דערשיעסען וויא א הונד.

— טהוט עס ניט, פירסט! האט דער פראנצויזישער באראן געענטפערט. — אונזערע לעזער האבען געוויס שוין דערראטהען, אז דער פערהילטער מאן איז געוועזען דער באראן דע קאוועניאק. — טהוט עס ניט, פירסט! האט ער געבעטען. איהר קענט ניט דיא שפאנישע געזעצע און דיא שפאנישע ריכטער. — פערגעסט ניט, אז דאן קארפאס קומט מיט א בעפעהל פון'ם קעניג!

— צום טייפעל מיט שפאניען און מיט דיא שפאנישע געזעצע! האט אויסגערופען דער יונגער פירסט. — אלזא, מוז איך זעהן אויסזוכען א זיכערן ארט, וואו צו בעהאלטען דאניא קסימענע.

— וואס רעדט איהר, פירסט? האט אויסגערופען דער פראנצויז מיט א געלעכטער. איהר קענט גאר ניט סעניאר דאן קארפאס! — וואלט איהר געוועזען באלד אנטלאפען מיט דער דאמע ווייט פון דיעזער געגענד, וואלט געוועזען פערפאלען, קוים אבער זייט איהר געבליעבען ניט ווייט פון איהם, מעגט איהר זיין זיכער, אז הונדערט שפיאנען בעוואכען אייך און היטען אפ יעדען שריט, וואס איהר טהוט. — איהר קענט נאך גאר ניט דיא יעזואיטען: איהר ווייסט נאך גאר ניט, וואס פאר מיטעל זיי געברויכען אום צו בעוואכען זייערע פיינד, זיי קענען ניט אויפטרעטען נעגען אייך עפענטליך ווייל הינטער אייך שטעהט דער עסטעררייכישער קייזער, זיי בעוואכען אייך אין געהיים. איך קען וועטען, אז דא אין פאלאץ ליעגען ערגעץ בעהאלטען עטליכע יעזואיטען.

דער פירסט איז געווארען אונרוהיג און האט אראפגעלאזען דעם קאפ. דאניא קסימענע איז געשטאנען לעבען איהם. זיא האט אבער ניט פערשטאנען, וואס ער האט גערעדט מיט'ן באראן, ווייל זיי האבען ביידע גערעדט דייטש און זיא האט פערשטאנען נור שפאניש, פראנצויזיש און איטאליעניש.

— אלזא, וואס טהוט מען? האט דער פירסט אויסגערופען פערצווייפעלט העלפט מיר, באראן! — איך האב ליעב בעקומען דאס מעדכען. זיא איז מיר טהייער געווארען. איך מוז זיא שיצען און רעטען פון דיא יעזואיטען.

— דאס וויים איך און דערפאר בין איך געלאפען אהער.

— אלזא, העלפט מיר, באראן! גיט מיר עפעס א ראטה!

— עס איז דא נור איין מיטעל זיא צו רעטען און צו מאכען, אז דאן קארפאס מיט זיינע יעזואיטען, מיט זיינע אלגוואזילס זאלען אוועקגעהן פון דאנען מיט א לאנגער נאז. — עס מוז אבער פערנעהמען צייט.... עס מוז געדויערן....

— רעדט, באראן! זאגט! איך וועל אלעס טאהן!

— אין דעם בעפעהל פון'ם קעניג שטעהט געשריעבען, אז איהר מוזט ארויסגעבען דיא סעניארא קסימענע דע נאסענא.

— אלזא?

— דיא סעניארא קסימענע דע נאסענא האט איהר קיין רעכט צו האלטען ביי זיך. איהר מוזט זיא ארויסגעבען, ווען מען וועט אייך ווייזען דעם בעפעהל. — ווען דיא סעניארא זאל אבער הייסען אנאנדער נאמען, דאן האט דער בעפעהל קיין ווערטה ניט.

— וואס מיינט איהר דערמיט, באראן? איך פערשטעהע אייך ניט אין גאנצען.

— אין דיעזען לאנד קען מען פאר געלד קריעגען אלעס, וואס מען וויל נור. מיר וועלען קריעגען א גייסטליכען, וועלכער וועט פאר עטליכע גאלדשטיקע אייך געבען א שיין, אז קסימענע איז אייער פרוי. מען קען זאגאר מאכען א פאלשע צערעמאניע. מען קען מאכען א צערעמאניע, אז איהר הייראטהעט זיא. נאטירליך, ניט אין א קירכע, ניט פאר א הייליגען קרייץ. אלעס זאל זיין נור אן אנשטעל. מען קען זאגאר מאכען עפעס א גראבען פעהלער אין דער צערעמאניע, אז דיא גאנצע טרויאונג זאל קיין ווערטה ניט האבען. איהר וועט אבער קענען ווייזען א דאקומענט, אז דיא דאמע הייסט ניט מעהר דע נאסענא, זאנדערן ליבנאווסקי. דאן קארפאס קען דאן גאר ניט מאכען.

דער קלוגער פראנצויז האט מורא געהאט צו ראטהען דעם פירסט, ער זאל ווירקליך הייראטהען א מעדכען, וועלכע ער קען ניט און וויים ניט. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דער פירסט איז אן אריסטאקראט און זיינע עלטערן וועלען געווים ניט ערלויבען, ער זאל הייראטהען וועמען עס איז.

דער יונגער פירסט אבער איז אויפגעשפרונגען.

— איהר האט רעכט, באראן! האט ער אויסגערופען. — דאס איז דאס איינ־ציגע מיטעל זיא צו רעטען. איך וויל אבער קיין פאלשע צערעמאניע, קיין אנשטעל! איך וויל הייראטהען דאניא קסימענע! איך ליעב זיא! — געהט, ליעבער באראן, שאפט מיר א גייסטליכען, וועלכער זאל מאכען דיא טרויאונגס צערעמאניע. איך וויל זיא הייראטהען נאך אלע געזעצע און צערעמאניען פון שפאניען.

— ניין, מיין פירסט, דאס טוה איך ניט. איך וויל ניט, אז איהר זאלט אמאל בערייען, וואס איהר האט זיך איבעראיילט און האט געהייראטהעט א פרוי ניט נאך אייער גראד. איהר זייט יעצט פערליעבט און ווייסט ניט, וואס איהר טהוט. שפעטער קענט איהר עס ביטער בערייען. איהר וועט דאמאלס געפינען, אז איך בין געווען שולדיג. איך האב אייך געצוואונגען צו דיעזער הייראטה. — ווילט איהר א פאלשע הייראטה, קיינע וואהרע, וועל איך אייך העלפען; ווען ניט, מוז איך מיך אפזאגען פון דער גאנצער געשיכטע.

— גוט, גוט, באראן! טהוט וויא איהר פערשטעהט! האט דער יונגער פירסט אויסגערופען. לאז זיין א פאלשע טרויאונג! איך וועל זיא אנערקענען אלס א גוטע, א ריכטיגע. איך וויל פון אייך נור איין זאך, באראן. קסימענע זאל פון קיין אנדערן

אויסער פון מיר ערפאהרען, וואס פאר א טרויאונג דאס איז געוועז, און עכטע אדער א פאלשע.

— דאס געהט מיך ניט אן, האט דער באראן געענטפערט.

ער האט ארויסגענומען דיא אוהר און האט א קוק געטאהן, וויא זיא האלט.

— מיר האבען נאך א האלבע שטונדע צייט, האט ער געזאגט. איך קען א גייסט־ליבען, ער וואהנט דא ניט וויט אין א קלויסטער. איך וועל איהם אויפוועקען און וועל איהם ברענגען אהער. — ביז וואנען איך וועל קומען צוריק, זאלט איהר קיינעם ניט אריינלאזען אין אייער הויז.

ער האט גענומען זיין הוט און זיין מאנטעל און איז באלד פערשוואונדען געווארען. דער פירסט האט אריינגערופען דעם דייטשען, וועלכען ער האט גערעטעט, האט איהם געגעבען פיסטאָלעטען און האט איהם געהייסען האלטען א שטרענגע וואך פאר'ן אלטען שלאס.

דאניא קסימענע איז געשטאנען טרויעריג און פערטראכט. זיא האט פערשטאנען, אז עס האנדעלט זיך עפעס וועגען איהר. זיא האט אבער ניט געוואוסט, וואס דא קומט פאר. ענדליך איז דער פירסט צוריקגעקומען און האט איהר דערצעהלט אין קורצע ווערטער, וואס דא איז געשעהן און וואהין דער פראנצויזישער באראָן איז געגאנגען.

— איך האב עס געפיהלט! האט דאס יונגע מעדכען אויסגערופען. מיין הערץ האט עס מיר געזאגט. מיינע פיינד שלאפען ניט. זיי ווילען פערניכטען דיא פאמיליע נאסענאָ. זיי ווייסען, אז דיעזע פאמיליע האט מעהר רעכט אויף דער שפאנישער קרוין, וויא דאן קארלאָס און מאריא קריסטינא צוזאמען.

זיא איז געפאלען אויף דיא קניע, האט אויסגעשטרעקטביידע הענט צום הימעל און האט אנגעהויבען צו מורמעלן א געבעט אויף איהר מוטער־שפראכע — אויף אראביש. דיא טאכטער פון דיא אלטע שפאנישע קעניגע האט ניט פערגעסען דיא אלטע, שעהנע, קלינגענדע אראבישע שפראכע, וויא דיא אידען האבען ניט פערגעסען זייער אלטע, הייליגע מוטער־שפראכע — דאס העברעאישע.

דער פירסט איז געוועזן אויפגערעגט און איז ארומגעגאנגען מיט שווערע שריט איבערן צימער. דער באראָן איז אזוי גיך ניט צוריקגעקומען. דיא צייט איז פערגאנגען שווער, לאנגזאם און טרויעריג.

פון דער הויפטקירכע פון'ם שטעדטעל האט דיא אוהר אויסגעשלאגען צוויא. דער באראן איז נאך אלץ ניט צוריק געקומען. דער פירסט איז געוועזן פערצווייפעלט. קסימענע איז נאך אלץ געשטאנען אויף דיא קניע און האט געזאגט אראבישע געבעטע.

ווען דער פירסט האט געזעהן, אז דער פראנצויזישער באראן קומט אלץ ניט, האט ער זיך אנגעבויגען צו זיין געליעבטער, האט זיא ארומגענומען, האט זיא אויפגעהויבען און האט איהר א קוש געטאהן אויפ'ן שטערן און האט אויסגערופען:

— ער קומט ניט! — וואס געהט עס מיך אן? — דוא ביסט מיין **פרוי.** איך ליעב דיך! וועה דעם, ווער עס וועט זיך אונטערשטעלען דיך אנצוריהרען! — **איבער** מיין טויטען קערפער וועלען זיי געהן, ווען זיי וועלען קומען דיך נעהמען!

אין דיעזער מינוט האט מען געהערט שווערע טריט. עס איז געוועזן זעהר דייטליך,

אז מען שפרינגט צו צווייא — דרייא טרעפ מיט אמאל. דעם פירסט'ס דיענער האט געעפענט דיא טהיר, — דער באראן דע קאוועניאק איז איינגעקומען און האט אויסגערופען פול פרייד:

— ענדליך האב איך געפונען, וואס איך האב געזוכט! — עס איז אבער דיא העכסטע צייט. מיר טארען קיין מינוט ניט פערליערן! — איך האב געקלונגען אין אלע קלויסטערס. קיינער האט מיר ניט געעפענט. זיי זיינען אויסגעשטארבען אלע גייסטליכע און אלע יעזואיטען! — איך האב שוין געוואלט קומען צוריק, צום גליק, האב איך בעגעגענט א יעזואיט, וועלכער האט זיך פערשפעטיגט ערגעץ, געוויס ביי א געבעט צו גאט, און האב איהם אנגעהויבען צו בעטען, ער זאל מיר טאהן דיא געפעליגקייט — פאר עטליכע רויטע, פראנצויזישע נאפאלעאנס — און זאל קומען מיט מיר און זאל מאכען דיא צערמאניע: צו דער עהרע פון גאט און אלע היילינגע, אזוי זאגט דער הייליגער שארלאטאן.

דער מענך, וועלכען דער באראן האט געבראכט, איז געשטאנען ביי דער טהיר. ער האט אראפגעלאזען זיין קאפוצע איבער דיא אויגען און עס איז געווען אונמעגליך צו זעהן זיין געזיכט.

דער פירסט האט זיך געווענדעט צו איהם און האט איהם געזאגט?

— עהרווירדיגער פאטער! מיין פריינד זאגט מיר, אז איהר ווילט זיין אזוי גוט און מיר ערצייגען דיא געפעליגקייט, וואס ער האט פון אייך געבעטען. איך האב קיין צייט ניט. יעדע מינוט איז ביי מיר טהייער. איך בעט אייך דאהער, מאכט אפ שנעל דיא צערעמאניע, וואס איהר דארפט מאכען. איך וועל אייך בעלוינען, וויא א קעניג, ווען איהר וועט עס מאכען שנעל.

— איך בין בערייט, סעניאר, האט דער פרומער ברודער געזאגט.

דער פראנצויזישער באראן האט אניעדערגעשטעלט אין דער מיט צימער א קליין טישעלע, אויף וועלכען ער האט אנגעצונדען צווייא ליכט. — דער פירסט האט אניעדערגעלעגט אויפ'ן טישעלע א שווערן בייטעל מיט גאלדענע מינצען און א פאר פיסטאלעטען.

— עס פעהלט צוואר דער בלומענקראנץ, האט דער באראן געשפאסט, מען קען עס אבער לייכט אפהעלפען. דיא אראנזשען ביימער בליהען יעצט.

ער האט זיך אנגעבויגען צום פענסטער און האט אפגעריסען א צווייג מיט בלומען פון אן אראנזשען (פאמעראנצען) בוים.

— שנעלער! שנעלער! האט ער געזאגט צום פירסט, מיר דאכט אז איך האב געזעהן ארום שלאס פערהילטע געשטאלטען. דאס איז געוויס דאן קארפאס מיט זיינע מענשען.

דער פירסט האט גענומען דאס יונגע מעדכען ביי דיא הענד און האט זיך געשטעלט מיט איהר אויף דיא קניע פאר'ן קליינעם טישעלע. דער גייסטליכער איז שוין געשטאנען מיט זיין געבעט בוך אין האנד. זיין געזיכט איז נאך אלץ געווען פערדעקט מיט זיין קאפוצע.

— פאר וואס וואַרפט איהר ניט אראפ אייער קאפוצע, עהרווירדיגער פאטער?

האט דער בּאראן געפרעגט. עס איז הייס. איך איז געוויס שווער צו שטעהן אין דער קאפּוצע.

דער גייסטליכער האט זיך איינגעהילט נאך פעסטער אין זיין מאנטעל און האט אראפּגערוקט זיין קאפּוצע נאך טיעפער איבער דיא אויגען.

קוים האט ער אנגעהויבען צו זאגען זיינע געבעטע, האט דאס יונגע מעדכען א ציטער געטאהן. עס האט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז דיא שטימע פון'ם גייסטליכען איז איהר בעקאנט. דער פרומער ברודער האט עס בעמערקט און זיין שטימע איז געווארען גרעבער און ווילדער, ביז זיא האט אויסגעוויעזען, וויא דאס ברומען פון א ווילדעס טהיער.

— וויל קסימענע דע נאסענא הייראטהען דעם מאן וועלכער שטעהט יעצט פאר אונז, נאך דיא געזעצע פון דער הייליגע־, קאטוילישער קירכע? האט דער גייסטליכער געפרעגט.

— יא, האט דאס יונגע מעדכען געענטפערט.

— וויא הייסט איהר, מיין העררר?

דער פירסט האט איהם געזאגט, וויא ער הייסט.

— וויל פירסט פעליקס ליבאנאווסקי נעהמען פריילין קסימענע דע נאסענא אלס פרוי נאך דיא געזעצע און פארדערונגען פון אונזער הייליגער רעליגיאן?

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט, וויא שווערע טריט פון פיעלע מענשען זיינען צוגעקומען צום טויער און שווערדען און ביקסען האבען געקלאפּט אין דער ערד. דער בּאראן איז צוגעלאפען צום פענסטער.

— זיי זיינען דא! האט ער אויסגערופען.

דער גייסטליכער האט געמאכט א מינע, אז ער וויל אוועקגעהן פון'ם טישעלע. דער פירסט האט געחאפּט דיא פּיסטאלעטען פון'ם טיש און האט זיי אויפגעשטעלט געגען דעם גייסטליכען.

— ענדיגט דיא צערעמאניע אדער איך שיעס איך! האט ער אויסגערופען.

דער גייסטליכער איז געבליעבען שטעהן.

— וואו זיינען דיא רינגע? האט ער געפרעגט.

— אים נאמען דעם קעניגס! עפענט, אדער מיר וועלען אויסבּרעכען דעם טויער! האט מען געשריען פון אונטען.

דער פירסט האט אראפּגעחאפּט פון פינגער זיין שווערן זיעגעל רינג. דאס איז געוועזן א גאלדענער רינג מיט א גרויסען רויטען טאפּאז אין דער מיט. אויף וועלכען עס איז געוועזן אויסגעקריצט זיין וואפּען (גערב), זיין פאמיליען צייכען: צוויא פאהנען אין א פעלד מיט וויינטרויבען. דיעזען רינג האט ער דערלאנגט זיין בראוט.

— גיב מיר, געליעבטע, דיין רינג און דיא צערעמאניע איז געענדיגט, האט ער געבעטען.

— ניין, געליעבטער! מיין רינג קען איך דיר ניט געבען, האט דאס מעדכען אויסגערופען. מיין רינג האט אין זיך א זאנדערבארען שטיין. ווער עס טראגט איהם,

מוז אפשטאמען פון דיא אראבישע קעניגע, אדער ער וועט שטארבען פון מערדערס האנד.

דער פירסט האט ניט געהערט, וואס זיא האט געזאגט. ער האט אנגעחאפט איהר האנד און האט פון איהר אראפגעשלעפט דעם רינג.

— ליעבע קסימענע! יעצט איז ניט דיא צייט צו הערן קינדער געשיכטען. — דוא הערסט דאך, אז דיא שורקען האבען שוין אויפגעריסען דעם טויער. — מאך עס שנעל, גייסטליכער!

— אים נאמען פון דער הייליגער קירכע פעראייניגע איך פעליקס ליבנאווסקי מיט קסימענע דע נאסענא צו אן אייביגען בונד, האט געמורמעלט דער גייסטליכער.

ער האט גענומען דיא האנד פון'ם מעדכען און האט זיא אריינגעלעגט אין דיא האנד פון'ם ברויטיגאם. אזוי פאדערט דיא צערעמאניע פון דער קאטוילישען רעליגיאן.

האסטיגע, שווערע שריטע האבען זיך געהערט אויף דיא טרעפ. באלד האט מען אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר.

— אים נאמען דעם קעניגס! עפענט!,

— ענדיג דיא צערעמאניע, גייסטליכער! האט געשריען דער פירסט אדער איך דערשיס דיך, וויא א הונט!

— זייט פרוכטבאר, פערמעהרט אייך און פילט אן דיא ערד, האט געמורמעלט דער גייסטליכער.

— עפענט! אים נאמען דעם געזעצעס! האט מען געשריען פאר דער טהיר. — קיינער זאל ניט אנטלויפען! — בעוואכט דעם באלקאן! צעהן מענשען אין גארטען!

— באראן דע קאוועניאק! האט דער פירסט אויסגערופען, האלט דיא וואך פאר דיא פענסטער און שיעסט אויף יעדען, ווער עס וועט וואגען ארייצושטעקען דעם קאפ.

— ברעכט אויס דיא טהיר! האט קאמאנדירט א פעסטע שטימע אין דרויסען. זיא איז אינעווייניג! הערט זיא ניט! — זיא טאר ניט אנטלויפען!

— זייט געלאסען, סעניאר דע קארפאס! האט געלאכט דער פראנצויזישער באראן, שטערט ניט א הייליגען מאן, א פרומען מאן, א יעזואיט אין זיינע פרומע געבעטע!

דאן קארפאס איז געווען אויסער זיך. ער האט געטאנצט און געשפרונגען, וויא א וואהנזיניגער.

— צוברעכט דיא טהיר! האט ער געשריען צו זיינע מענשען. שוינט זיי ניט, דיא שורקען!

— דער גאט דער ליעבע, יעזוס קריסטוס, האט אייך פעראייניגט אויף אייביג! האט געמורמעלט דער מענך. — פון איצט אן זייט איהר מאן און פרוי פאר גאט און מענשען! אמן!

— יעצט, מיין פירסט, האט דער פראנצויז געלאכט, קענט איהר איינלאדען דעם הערן דאן קארפאס אויף אייער האכצייט. ער איז א פיינער גאסט. איהר האט צוואר פערגעסען צו שיקען איהם אן איינלאדונגס קארטע און ער איז אליין געקומען. דאס מאכט אבער ניט אויס, ער וועט זיין א ליעבער און פריינדליכער גאסט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אויפגעשלאסען דיא טהיר. דאָן קאַרפּאַס, דער אלקאלדע (פּאָליציימייסטער) פון אזקאָאיטיא, און א פּאר צעהנדליג אַלגוואַזילס זיינען אריינגעקומען אין צימער. נאָך זיי איז אנגעקומען א גאנצער הויפען נייגעריגע פון דיא איינוואהנער פון שטעדטעל, וועלכע האבען זיך אויפגעחאַפּט פון זייער שלאָף דורך דעם לאַרעם, וועלכען דאָן קאַרפּאַס מיט זיינע מענשען האבען געמאכט אין דרויסען.

ערשטוינט, פערשטיינערט, וויא פון א דונער דערשלאגען, זיינען אלע געבליעבען שטעהן, ווען זיי האבען דערזעהן, וואס אין דיעזען צימער איז פארגעקומען. אויפ'ן קליי־נעם טישעלע האבען געברענט דיא ליכט. דער גייסטליכער איז נאָך געשטאנען מיט זיין געבעט בוך אין דיא הענד. דער פּירסט האט געהאלטען ביי דער האנד דיא יונגע פרוי. דער פראנצויזישער באראן האט געשפּיעלט דיא ראלע פון'ם ווירטה, אדער פון א מחותן, וויא מיר וואלטען געזאגט אויף אידיש.

— קומט אריין, מיינע העררען! האט ער אויסגערופען. איהר זייט ווילקאמענע געסט צו דער האכצייט

דער יונגער פּירסט האט אפּגעלאזט זיין ברויט און איז צוגעגאנגען צו דאָן קאר־פּאס מיט'ן אלקאלדע (פּאליציי־מייסטער).

— מיינע העררען, קענט איהר מיר ערקלערן, מיט וואס פאר א רעכט איהר זייט געקומען אהער ביי נאכט אין מיין קווארטיער? האט ער געפרעגט. — ווייסט איהר דען ניט, אז דער פּרינץ דאָן סעבאסטיאן, האט מיר אנגעוויעזען דיעזען שלאָס אלס קווארטיר, זאלאנג איך וועל בלייבען אין אזקאָאיטיא. — איך קען ניט פערשווייגען אזא בעליידיגונג. סעניאר דע קאַרפּאַס!

— מיין הערר! האט דאָן קאַרפּאַס געענטפערט שטאלץ, איך קום אהער אים נאמען פון זיינער מאיעסטעט, דעם קעניג דאָן קארלאס דעם פינפטען! — איך האב פון איהם אן אויסדריקליכען בעפעהל. — סעניאר אלקאלדע! איהר האט דעם בעפעהל ביי אייך אין דער האנד. — טהוט, וויא דער בעפעהל הייסט אייך!

דער אלקאלדע (פּאָליציי־מייסטער) איז פארגעטרעטען, האט זיך פערנייגט, האט ארויסגענומען א פּאפּיער פון דער טאשע און האט עס געוויעזען דעם יונגען פּירסט.

— אים נאמען פון זיינער מאיסטעט. אונזער גנעדיגען קעניג, דאָן קארלאס, אים נאמען פון דער היילינער חונטא (מוניציפּאליטעט, פאלקסרעגיערונג) פון דעם לאַנד ביסקאַיא! וויל איך ארעסטירען דיא פרוי קסימענע דע נאסענא, ביז דאס היילינע געריכט וועט ענטשיידען, אויב זיא איז שולדיג אדער ניט. סעניאר דאָן קאַרפּאַס איז ערנאנט פון'ם קעניג אלס אַפּעקון און בעשיצער פון דיעזער פרוי, ביז דאס געזעץ און דיא היילינע קירכע וועלען געפינען, וואס מען זאל מיט איהר ווייטער טאהן.

דער פראנצויזישער באראן האט זיך צולאכט.

— מיינע העררען! האט ער אויסגערופען, אייער בעפעהל איז געוויס היילינג, דא אין שטוב געפינט זיך אבער גאר ניט אזא דאמע. אייער בעפעהל געהערט ניט אהער. וואהרשיינליך מיינט איהר אנאנדערע דאמע, וועלכע וואהנט ערגעץ אין אנאנדער הויז.

— אט שטעהט זיא דארט! האט אויסגערופען דאָן קאַרפּאַס אויסער זיך פאר צאָרן. — סעניאר אלקאלדע! אט איז דארט דיא דאמע! ארעסטירט זיא!

דער אלקאלדע (פאליציי־מייסטער) האט אויפגעהויבען זיין שטעקען מיט'ן גאלדענעם קנאפ. (אין שפאניען איז א מאדע, אז דער פאליציי־מייסטער געהט מיט א גרויסען שטעקען מיט א גאלדענעם קנאפ, דאס איז דער צייכען פון זיין אמט) — ער איז צוגעגאנגען צום יונגען מעדכען און האט געוואלט זיא אננעהמען ביי דער האנד.

— סעניאר אלקאלדע! האט איהם אויפגעהאלטען דער פראנצויזישער בארא̇ן, סעניאר אלקאלדע! איהר האט א גרויסען טעות. איהר זייט ניט אויפ'ן ריכטיגען פלאץ. דיעזע דאמע הייסט ניט דאניא קסימענע דע נאסענא, זאנדערן דא̇ניא קסימענע דע ליבאנאווסקי. זיא איז דיא פרוי פון אן עסטרייכישען פירסט, וועלכער דיענט אין דער ארמעע פון זיינע קעניגליכע מאיעסאעט אלס שטאב אפיציער.

דער אלקאלדע איז א̇פגעשפרונגען פון דער יונגער פרוי, גלייך וויא ער וואלט געוועזען א גומי באלל, וועלכער שפרינגט אפ פון דער וואנט, ווען מען ווארפט איהם מיט א שטארקער קראפט. ער האט זאגאר געוואלט זיך ענטשולדיגען. דאן קא̇רפאס איז געווארען בלייך, וויא קאלך, ער האט אבער ניט פערלארען זיין מוטה.

— עס איז א ליגען! האט ער אויסגערופען. דיעזע פרוי איז דאניא קסימענע דע נאסענא! זיא איז ניט דיא פרוי פון דיעזען פרעמדען אפיציער. — הערט איהם ניט, סעניאר אלקאלדע! ארעסטירט דיעזע פרוי, וויא דער בעפעהל פון'ם קעניג הייסט אייך!

דער יונגער פירסט האט ארויסגעכאפט זיין שווערד פון דער שייד און איז צונעקומען צו דאן קארפאס.

— רעספעקט פאר מיין פרוי! האט ער אויסגערופען. — דיעזע דאמע איז מיינע געזעצליכע פרוי. איך וועל צושפאלטען דיא קאפ יעדען, ווער עס וועט וואגען צו בעליידיגען מיין פרוי! איהר ווייסט, ווער איך בין, סעניאר דאן קא̇רפאס! איהר ווייסט, אז מיין קייזער וועט וויסען, וויא אזוי מיך צו פערטהיידיגען!

— וויא איז דאס מעגליך? האט געברומט דאן קארפאס. — ווען האט איהר געהייראטהעט דיעזע....

— וואס געהט עס אייך אן? האט דער פירסט אויסגערופען. אט שטעהט נאך דער גייסטליכער, וועלכער האט אונז געטראוט און אט זיינען דיא צייגען, וועלכע זיינען געשטאנען דערביי.

ער האט געוויעזען אויפ'ן פראנצויזישען בארא̇ן און אויף זיין דייטשען דיענער. דאן איז ער צוגעגאנגען צום גייסטליכען און האט איהם געזאגט:

— עהרווירדיגער פאטער! זאגט דיעזע הערען, וואס איהר האט געטאהן אין דיעזען צימער.

דער גייסטליכער האט געזאגט:

— יא, איך האב אויסגעפיהרט דיא טרויאונגס צערעמאניע פון'ם פירסט ליבאנאווסקי און דיא דאניא קסימענע דע נאסענא, איך האב עס נור וואס געענדיגט.

— אלזא, סעניאר אלקאלדע, האט איהר דא ניט וואס צו טאהן, האט דער פירסט געזאגט. אזוי וויא איהר זייט א גאנצע נאכט ניט געשלאפען און אייערע

מענשען האבען געארבייט זעהר שווער, ביז זיי זיינען געקומען אהער, וויל איך ניט, אז מען זאל ארבייטען אומזיסט פון מיינעט וועגען!

ער האט ארויסגענומען פון א קאמאד א הויפען גאלד און זילבער מינצען און האט איהם דערלאנגט דעם אלקאלדע. דיא אויגען פון דיא אלגוואזילס (פאליסלייט) האבען זיך צוברענט.

דער אלקאלדע האט זיך פערנייגט זעהר העפליך און האט געזאגט:

— ענטשולדיגען זיי מיר, פרינסיפע (פירסט), וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט. איך זעה יעצט אליין, אז איך האב געמאכט זעהר א גרויסען פעהלער. מיין בעפעהל געהער זיך ניט אן מיט דער פרוי פון אזא גרויסען מאן, וויא איהר זייט. — איך ווינש אייך גליק און אלעס גוטע!

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך נאך א מאל פערנייגט און האט געוואלט ארויסגעהן. דאן קארפאס האט איהם צוריקגעהאלטען.

— בלייבט שטעהן, סעניאר אלקאלדע! —ווארט אביסעל! — לאמיר זעהן! ווער איז דען דיעזער גייסטליכער? פיעלייכט איז עס גאר א שווינדלער, א בעטריגער, וועלכער האט אנגעטאהן דיא קליידער פון א גייסטליכען? — וויא קומט עס, וואס ער האלט זיין געזיכט פערדעקט מיט דער קאפוצע? — לאמיר נור זעהן, ווער ער איז!

דער גייסטליכער איז צוגעגאנגען צו דאן קארפאס און דעם אלקאלדע. ווען ער איז געשטאנען גאנץ נאהענט לעבען זיי, האט ער זיך צוגעקעהרט צו דער טהיר און האט אויפגעהויבען זיין קאפיצע. ער האט עס געמאכט אזוי געשיקט און אזוי קינסטליך, אז נור דאן קארפאס און דער אלקאלדע האבען עס געקענט זעהן, דיא אנדערע אבער אין צימער האבען עס ניט געקענט זעהן.

ווען דאן קארפאס האט דערזעהן דאס געזיכט פון'ם גייסטליכען, איז ער אויפגעשפרונגען און האט געוואלט עפעס זאגען אדער שרייען.

— דיא הייליגע יונגע פרוי איז מיט אייך! האט דער גייסטליכער געזאגט מיט א פרומער הייליגער מינע.

דיעזע ווערטער האבען געווירקט, וויא א צויבער.

דאן קארפאס איז געווארען שטיל און רוהיג, וויא א לעמעלע. ער, דער אלקאלדע און דיא אלגוואזילס זיינען שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון צימער.

דער גייסטליכער, באראן דע קאוועניאק און דאס יונגע פאר פאלק זיינען יעצט נעבליעבען אליין.

— בראווא, פירסט! האט באראן דע קאוועניאק אויסגערופען, — בראווא! איהר ווייסט דאך טאקע, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט דער שפאנישער גערעכטיגקייט! איהר האט זיי אביסעל איבער געשראקען, דאן האט איהר זיי געגעבען געלד. אזוי מוז מען ארומגעהן מיט דיעזע שורקען. — איך קען וועטען טויזענד פעזאס, אז דער אלקאלדע איז יעצט געווארען אייער בעסטער פריינד. ער וועט נאך קומען אייך קושע דיא האנד.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום גייסטליכען און האט איהם געזאגט:

— יעצט, עהרווירדיגער פאטער, האט זיך דיא קאמעדיע געענדיגט. איהר האט זיא געשפיעלט זעהר גוט און אייך קומט א בעלוינונג.

ער האט גענומען דעם ביימעל געלד, וועלכען דער פירסט האט אניעדערגעלעגט אויפ'ן קליינעם טישעלע לעבען דיא פיסטאלעטען, און האט איהם דערלאנגט.

— נעהמט, פרומער מאן, דיעזעס געלד, איהר האט עס גאנץ עהרליך פערדיענט. — יעצט לאמיר געהן. עס איז שוין שפעט. מיר דארפען דאס יונגע פאר פאלק ניט שטערן.

דער גייסטליכער האט דאס געלד ניט גענומען.

— וואס איז דאס? האט געפרעגט דער באראן, איהר ווילט ניט אננעהמען דאס געלד? — פיעלייכט מיינט איהר, אז דאס איז זילבער, קען איך אייך פערזיכערן, אז דא געפינען זיך גאלדשטיקע.

— איך דארף ניט אייער געלד, האט געמורמעלט דער מענך, איך פערלאנג פון אייך אנאנדער געפעליגקייט.

דער פירסט איז צוגעקומען צו איהם און האט איהם געפרעגט:

— וואס פערלאנגט איהר? — זאגט!

— עס איז שוין שפעט, מיין הערר, האט דער פרומער מאן געזאגט, איך קען אזוי שפעט ניט קומען אין מאנאסטיר. מען וועט מיך דאפיר בעשטראפען. ערלויבט מיר צו פערברייננגען עטליכע שטונדען אין אייער וואהנונג. יעדעס צימעריל איז פאר מיר גוט. איך דארף קיין בעט, ווייל איך וויל ניט שלאפען. איך וויל בעטען נאט ערגעץ אין א ווינקעלע.

— דאס איז שעהן! דאס איז פרום! האט דער פירסט אויסגערופען. דארט אין פארצימער ליעגט מיין פאלנישער דיענער. ער איז קראנק. איהר קענט פערברענגען דיא צייט לעבען איהם. מיין אנדערער דיענער, דער דייטשער, וועט אייך ניט לאזען פערשמאכטען פון הונגער און דורשט.

יעצט האט זיך דער פירסט געווענדעט צו זיין פריינד, דעם באראן קאוועניאק.

— מיט וואס קען איך אייך אפדאנקען פאר אייער פריינדליכקייט און אייער הילף? — רעכענט אויף מיר, באראן! ווען איהר וועט מיך דארפען, ווען איהר וועט מיך רופען, וועל איך קומען צולויפען און וועל אייך העלפען מיט ראטה און טהאט. — איהר וועט געוויס אויך נעכטיגען ביי מיר. עס איז שוין שפעט. וואוהין וועט איהר געהן?

ער האט געהייסען זיין דיענער אנגרייטען א צימער פאר'ן באראן. זיי האבען זיך געגעבען דיא הענד און זיינען זיך צוגאנגען. דער באראן און דער גייסטליכער זיינען געגאנגען אין זייערע צימער. דער פירסט האט ארומגענומען זיין געליעבטע פרוי און איז מיט איהר פערשוואונדען אין זיין שלאף צימער.

43טער קאפיטעל.

דער יעזואיט.

באראן דע קאוועניאק האט פראבירט רעדען מיט'ן גייסטליכען. ער האט איהם געפרעגט צו וואס פאר א ארדען ער געהערט און וואו זיין מאנאסטיר איז? דער

גייסטליכער אבער איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין געבעט בוך, אז ער האט גאר ניט געהערט אדער ניט געוואלט הערן, וואס מען רעדט צו איהם. ער איז אריינגעגאנגען אין פארצימער, איז צוגעגאנגען אין א ווינקעלע, איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו בעטען גאט.

דער באראן האט א מאך געטאהן מיט דער האנד און האט געהייסען דעם דיענער, ער זאל איהם פיהרען אין זיין צימער.

קוים איז דער באראן מיט'ן דיענער ארויסגעגאנגען, האט דער מענך אויפגעהויבען זיין מאנטעל. אונטען האט ער געטראגען דעם שווארצען ראק פון א יעזואיט און אין גארטעל האט געשטעקט דער גריף פון א לאנגען שפאנישען מעסער. ער האט א ווארף געטאהן זיין געבעט בוך אויף א שטוהל און איז צוגעלאפען צו דער טהיר פון'ם צימער, וואו ער האט נור וואס געמאכט דיא טרויאונגס-צערמאָניע.

דיא טהיר איז ניט געווען פערשלאסען. ער האט זיא געעפענט שטילערהייט און האט אריינגעשטעקט דעם קאפ. אין צימער איז קיינער ניט געווען. דער פירסט מיט זיין יונגער ברויט זיינען שוין געווען אין זייער שלאפצימער.

איינינע מינוטען איז דער יעזואיט אזוי געשטאנען און האט זיך צוגעהערט. דאן האט ער ווידער פערמאכט דיא טהיר און איז צוריקגעגאנגען אין זיין ווינקעלע. זיין געזיכט איז געווען אש פארביג בלייך, זיינע צעהנער האבען געקלאפט איינער אן דעם אנדערן; זיינע ליפען האבען געציטערט און גרויסע טראפען פון א קאלטען שוויים זיינען געשטאנען אויף זיין שטערן.

צוויי מאל האט זיין האנד געחאפט דעם גריף פון זיין מעסער; צוויי מאל האט ער זיך געלאזט געהן צו דער טהיר, וואו דער פירסט מיט זיין בראוט איז פערשוואונדען און צוויי מאל האט ער זיך אומגעקעהרט, איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו מורמעלן געבעטע.

ווען דער דיענער איז צוריקגעקומען פון'ם באראן'ס צימער, האט ער געפונען דעם גייסטליכען שטעהן אין זיין ווינקעלע און בעטען גאט אין דער הויך. ער איז אראפגעלאפען אין קעללער און האט ארויפגעבראכט צווייא פלעשער גוטען וויין און איינינע זאכען צום עסען. ער האט אלעס אניעדערגעשטעלט אויפ'ן טיש און האט געזאגט צום גייסטליכען:

— קום, פרומער ברודער! לאמיר טרינקען א גלאז וויין צוזאמען! היינט איז א פרעהליכע נאכט. מיר מעגען טרינקען. — קום, ברודער! נעהם דוא א פלאש, איך וועל נעהמען דיא אנדערע. גאט און דיא הייליגע יונגפרוי וועלען אונז העלפען. מיר וועלען זיי אויסטרינקען.

— איך טרינק נור וואסער! האט דער מענך געענטפערט קורץ און שארף.

— דאס פערשטעה איך ניט! האט אויסגערופען דער דייטש. איך האב געהערט, אז דיא מענכע אין שפאניען טרינקען אזוי פיעל וויין, וויעפיעל אונזערע סטודענטען טרינקען ביער. — פאר וואס ווילסט דוא ניט טרינקען, ברודער?

דער פרומער מאן האט איהם מעהר ניט געענטפערט. דער דייטש האט אליין געמחט אויסטרינקען דיא גאנצע פלאש וויין. דאן האט ער גענומען א מאטראץ, האט

איהם אניעדערגעלעגט אויף דער ערד לעבען דער טהיר, האט אניעדערגעלעגט לעבען זיך זיינע פיסטאלעטען און האט זיך געלעגט שלאפען.

דער מענך איז נאך אלץ געשטאנען אין ווינקעל אויף דיא קניע און האט גע־בעטען גאט. קוים אבער איז דער דיענער אנטשלאפען געווארען, האט ער אוועקגעלעגט זיין געבעט־בוך און האט אנגעהויבען צו בעטראכטען דיא שלעסער פון דיא טהירען. עס זיינען געווען גאנץ איינפאכע שלעסער אהן מאשינען און אהן קונסטשטיקע, וויא זיי קומען אפט פאר אין פערוואָרפענע געגענדען, וואו דיא איינוואהנער לעבען רוהיג און פריעדליך. א פאר מאל האט ער פּראָבירט עפענען דיא טהירען מיט זיין מעסער.

ווען ער האט פּראָבירט אלע טהירען, האט ער בעטראכט דיא פענסטער. זיי זיינען אויך געווען זעהר איינפאך און מען האט זיי געקענט לייכט עפנען.

ווען ער האט אלעס אונטערזוכט, איז ער צוריקגעגאנגען אין זיין ווינקעל און האט זיך געזעצט אויף א שטוהל. אין שלאס איז יעצט אלעס געווען שטיל. אלע זיינען געשלאפען, נור אין קאפּ פון׳ם פרומען ברודער האט עס געקאכט און גערוישט.

ער האט געליעבט יענע פרוי. ער האט זיא געליעבט מיט׳ן גאנצען פייער פון א מענשען, וועלכער איז געבארען געווארען און איז אויפגעוואקסען אין יענע הייסע לענדער, וואו דאס בלוט איז הייסער און דיא מענשליכע ליידענשאפטען ברענען פייעריגער, וויא אין דיא שלעפריגע, קאלטע לענדער ארום דעם נארד פאל. — זיין ליעבע איז געווען פייער, זיין לי דענשאפט איז געווען פלאמען.

צווישעןביידע פאמיליען האט געהערשט אן אלטע פאליטישע פיינדשאפט. קסימע־נעס פאטער איז געווען א געבילדעטער מענש — א מענש מיט פרייע אידעען. ער האט פיינט געהאט דיא יעזואיטען און דיא אינקוויזיציאָן. דאן קארפאס איז געווען א שטילער יעזואיט, אַ געהיימער יעזואיט *). ער האט שטילערהייט געארבייט פאר דיא יעזואיטען, ער איז ניט געווען קיין גייסטליכער, קיין מענך, קיין פרומער. ער האט ניט געהאלטען אין דיא הענד אַ געבעט בוך, ער האט ניט געבעטען גאט טאג און נאכט. — ער איז אבער דאך געווען א יעזואיט.

צווישען איהם און דער פאמיליע נאסענא האט קיין פריעדע, קיין פריינדשאפט און קיין בעקאנטשאפט ניט געקענט זיין. קינדער ווילען אבער ניט וויסען פון פּאָליטיק. דער קליינער דיעגא פלעגט זיך שפּיעלען מיט דער קליינער קסימענע און מיט דעם יונגען גאנזאלעז אדער אכמעט. ער האט זיא געליעבט, דיא שעהנע קסימענע! ער ליעבט זיא נאך יעצט.

ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז ער קען זיא ניט הייראַטהען, איז ער אריינגע־געטרעטען אין אָרדען פון דיא יעזואיטען. ער איז געווארען א יעזואיט און האט דאך

---

*) דיא יעזואיטען זיינען ניט נור גייסטליכע, מענכע, מענשען, וועלכע זאָגען זיך אָפּ פון דער וועלט און לעבען אין אַ מאָנאַסטיר. צווישען זיי געפינען זיך מענשען, וועלכע לעבען אין דער גרויסען וועלט, פיהרען גרויסע געשעפטען, האָבען פרויען און קינדער און שפּיעלען א גרויסע ראָלע אין דער העכסטער געזעלשאַפט. צווישען דיא יעזואיטען געפינען זיך זאָגאַר פרויען, וועלכע שפּיעלען דיא גרעסטע ראָלע אין דער וועלט. — איך וועל שפּעטער פאָרשטעלען מיינע לעזער אַזאַ סאָרט יעזואיט, דיעזע יעזואיטען הייסען געהיימע יעזואיטען.

געליעבט דיא שעהנע קסימענע. זיין פאטער אבער, דאן מאנועל קארפאס האט אויך א ווארף געטאהן אן אויג אויף דיא שעהנע קסימענע. צווישען פאטער און זוהן האט זיך אנגעהויבען א שטילע פיינדשאפט איבער דיזען מעדכען.

דעם פאטער איז עס געלונגען צו נעהמען געפאנגען דיא שעהנע קסימענע. דער זוהן איז דערמיט געוועזן ניט צופריעדען.

מיר האבען געזעהן, וויא דער זוהן האט געוואלט, אז מען זאל זיא טייטען צו־זאמען מיט איהר ברודער. ער האט געוואלט, אז ניט ער, ניט זיין פאטער זאל זיא האבען.

ווען ער האט אבער געזעהן, אז זיא און איהר ברודער זיינען געראטעוועט; ווען ער איז געוואהר געווארען, ווער עס האט זיי געראטעוועט, איז ער ניט אפגעטרעטען פון'ם הויז, וואו דער פירסט האט געוואהנט מיט דעם שעהנעם מעדכען.

ווען ער האט געזעהן, אז דער פראנצויזישער באראן לויפט ארום און קלינגט אין אלע קלויסטערס, איז ער צוגעקומען צו איהם און האט זיך פארגעשטעלט אלס גייסטליכער. — מיר קענען זיך יעצט פארשטעלען וואס עס איז פארגעקומען אין הארצען פון דיזען זאנדערבארען מענשען, ווען ער האט געדארפט מאכען דיא טרויאונגס־צערעמאָניע פון דיזען מעדכען מיט א פרעמדען מאן.

ער האט אייגענטליך צום פירסט גאר נישט געהאט. ער האט איהם פיינט געהאט נור דערפאר, וואס ער איז געווארען קסימענע'ס מאן. ער האט געוואלט, אז קיינער זאל ניט האבען דיזעס מעדכען, וועלכעס ער האט אזוי געליעבט. ער האט אויף קיין פאל ניט געוואלט, אז זיא זאל בלייבען פאר זיין פאטער. דאס איז געוועזן דיא אורזאכע, וואס ער האט זיך געאיילט צו ענדיגען דיא טרויאונגס צערעמאָניע. ער איז געוועזן העכסט צופריעדען, וואס דיא צערעמאניע האט זיך געענדיגט איידער זיין פאטער איז אנגעקומען. ער אליין האט געזאגט זיין פאטער, אז יעצט איז אלעס פערפאלען.

ווען אלע אבער זיינען אוועקגעגאנגען. ווען אלע זיינען זיך צוגאנגען און ער איז געבליעבען אין זעלבען הויז, וואו זיין געליעבטע קסימענע געפינט זיך יעצט מיט אנאנדערן, האט זיך זיין ליעבע צו איהר אנגעצונדען, וויא א פייער.

— זיא איז גליקליך! זיא ליעבט און זיא ווערט געליעבט! האט ער געמורמעלט. — און איך? — איך בייג מיך, קנייטש מיך און דרעה מיך אונטער דער שווערן לאסט פון מיין יעזואיטען ראָק! — ניין! דאס דארף ניט זיין! דאס וועט ניט זיין! —

44טער קאפיטעל.

פערשוואונדען!

דעם אנדערן טאג אין דער פריה, ווען דיא איינוואינער פון'ם שלאס זיינען אויפגעשטאנען, האבען זיי געפונען, אז דער מענך איז פערשוואונדען. קיינעם האט עס ניט געהארט; קיינער האט זיך ניט געקימערט, וואס דער יעזואיט איז ערגעץ פערשוואונדען.

קסימענע איז געוועזן גליקליך, וואס זיא האט מעהר ניט געזעהן דעם לאנגען

מאנטעל פון'ם נייסטליכען, זיא האט פיינט געהאט דיעזען לאנגען מאנטעל מיט דיעזע פרומע געזיכטער. איהר פאטער האט פיינט געהאט דיא יעזואיטען און זיא האט פיינט געהאט דיא יעזואיטען.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טעג אין ליעבע און גליק. קסימענע איז געווען דיא גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט. דער יונגער פירסט האט זיא געליעבט מיט'ן גאנצען פייער פון זיין יונגען הארצען.

עס איז ווידער נאכט. אין דרויסען איז ווארם. דער הימעל איז קלאר און בלוי. טויזענדער שטערן פונקלען און שיינען, וויא דיא אויגען פון א געליעבטע. אויפ'ן באלקאן זיצט דער יונגער פירסט מיט זיין געליעבטער פרוי. ער האלט זיא אויפ'ן שויס און קושט איהר דיא באקען, דיא ליפען, דעם שעהנעם האלז און דעם נאקען.

— וועסט דוא מיך אייביג אזוי ליעבען, מיין גוטער פעליסיאָ? פרעגט דיא יונגע פרוי שטיל, שטיל איהם אויפ'ן אויער.

— אימער! — אייביג! — דוא ביסט דאך מיין פרוי! — מיין טהייערע געליעבטע פרוי! — דוא ועסט זיין מיין פירסטין. —

— בין איך דען ניט דיא טאכטער פון דיא אלטע שפאנישע קעניגע? האט קסימענע געפרעגט. מיין עלטער־עלטער זיידע איז געווען באָאבדיל, דער ערשטער, — דער לעצטער אראבישער קעניג אין שפאניען, אבער דער ערשטער וועלכער האט גע־הייסען באָאבדיל. — וואס געהט עס אבער מיך אן? — איך וויס נור איין זאך — איך ליעב דיך!

אין דרויסען האבען געשמעקט און געדופטעט דיא אראנזשען (פאמעראנצען) ביימער. דיא נאכטיגאל האט געזונגען פון ליעבע און גליק. ענגער און ענגער האבע זיך דיא ליעבענדע ארומגענומען, פעסטער און פעסטער האבען זיי זיך אנגעשלאסען איינער אן דעם אנדערן.

— פעליסיאָ! ליעבער, טהייערער פעליסיאָ!

— ליעבע קסימענע!

דער טויער פון'ם שלאס האט זיך געעפענט, א מענש איז אריינגעקומען. דער דיענער האט איהם באלד דערקענט, דאס איז געווען דערזעלבער, וועלכער האט פער־איינינט דעם פירסט מיט דער שעהנער קסימענע.

— וואס וויל דער פרומער ברודער? האט דער דיענער געפרעגט?

— ער קען ניט געהן אין זיין מאנאסטיר און וויל נעכטיגען דא אין שלאס, האט דער פרומער ברודער געענטפערט.

— היינט מוז דער פרומער מאן מיט מיר טרינקען א גלאז וויין, האט דער לוס־טיגער דייטשע אויסגערופען.

— יא, מיין פריינד! היינט וועל איך טרינקען, אבער ניט מעהר וויא איין גלאז.

— ווען דער פרומער ברודער זאגט, אז ער וועט טרינקען איין גלאז, וועט ער שוין או'סטרינקען מיט מיר א גאנצע פלאש, האט דער דייטשער דיענער געזאגט און איז אראפגעלאפען אין קעלער.

דער גייסטליכער האט געטרונקען. דער דיענער האט געטרונקען און איז אנט־שלאפען געווארען. אין שלאס איז שטיל און רוהיג. אין איהם הערשט יעצט דיא ליעבע, דיא וואהרע, טרייע, הייסע ליעבע, וועלכע איז שטארקער אלס דער טויט און הארטנעקיגער אלס דיא העללע.

פלוצלונג א גערויש! טררר....טאם! — טאמ — טאמ — טררר....אם! — ררראם! וואס איז דאס? — מען פויקט אלארם (טרעוואגא)! דיא גרויסע פויק לעבען דער קווארטיר פון'ם אבער קאמאנדירען פרינץ דאן סעבאסטיאן, פויקט, קלאפט, רוישט און רופט צונויף אלע קריעגער. דיא טראמפעטען קנאקען און רופען. עס חאפען זיך אויף דיא סאלדאטען פון זייערע ווארעמע געלעגערס. — אדיוטאנטע לויפען אהין און אהער, וויא וואהנזיניגע. — מען רעדט, מען שרייט. מען בעפעהלט, מען פאלגט אויס דיא בעפעהלע.

אויפ'ן גרויסען פלאץ פאר דער הויפט קירכע פון שטעדטעל שטעלען זיך אויס באטאליאנען. — פון דיא באטאליאנען ווערן רעגימענטער. — פון דיא רעגימענטער ווערט א קארפוס.

אין דיא פענסטער פון דיא הייזער ווערן אנגעצונדען ליכט. מען לויפט, מען געהט. מען רעדט. מען שרייט. מען פערלאנגט. מען פארדערט.

ביים טויער פון'ם שלאס, וואו דער פירסט ליכאנאווסקי קווארטירט, שטעהט דער פראנצויזישער באראן דע קאוועניאק און קלאפט אין טויער.

— מאכט אויף שנעל! — וועקט אויף דעם פירסט ליכאנאווסקי! — שנעל! — דיא ארמעע פון דער קעניגין מאריא קריסטינא, דיא קריסטינאס, זיינען אנגעפאלען אויפ'ן שטעדטעל דוראנגא. — שנעל, פירסט! מען ערווארטעט אונז! דאן סעבאס־טיאן וועט אליין קאמאנדירען!

מען האט איהם ניט געדארפט וועקען, דעם יונגען פירסט. קוים האט ער דער־הערט דיא שארפע או שטרענגע טענער פון דער גרויסער פויק, וועלכע האט געפויקט אלארם (טרעוואגא), איז ער אויפגעשטאנען, האט זיך ארויסגעריסען פון דיא ווייכע, ווארעמע ארימס דער ליעבע און האט אנגעהויבען זיך אנצוטאהן.

— וואוהין געהסט דוא פעליסיא? פרעגט דיא יונגע פרוי.

— איך מוז לויפען צום פרינץ דאן סעבאסטיאן, ענטפערט פעליסיא. — דיא עהרע רופט מיך, מיין ליעבע, גוטע פרוי! — איך וועל באלד צוריקקומען. — זיי רוהיג, מיין טהייערע! — איך וועל דיך ניט לאזען אליין.

אין איינינע מינוטען איז ער אנגעטאהן. פון'ם גארטעל הענגט אראפ זיין לאנ־געס שווערד, אין גארטעל שטעקען זיינע פיסטאלעטען.

— שנעל, פירסט! שנעל! שרייט מען אונטען. — גענעראל ד'עספארטערא איז אנגעפאלען אויף דוראנגא. מיר מוזען לויפען פערטהיידיגען דעם קעניג!

זיינע דיענער האבען אונטערדעסען אנגעזאטעלט זיין פערד. זיין פאלנישער דיענער פאהרט מיט איהם. דער פירסט רופט צו זיין דייטשען דיענער.

— קאנראד! זאגט ער איהם, דוא בלייבסט אין שלאס און בעוואכסט דיא

דיא פירסטין. — שלאף ניט, קאנראד! — פערשליס טהיר און טויער! — מעגליך, אז איך וועל באלד צוריק קומען און וועל מיטברענגען נאך א פאר סאלדאטען.

— פאהר ניט, פעליסיא! בעט דיא יונגע פרוי. — לאז מיך ניט אליין! — עס איז מיר אזוי שווער אויפ'ן הארצען. — מיר דאכט, אז איך וועל דיך שוין קיין מאל ניט וויעדערזעהן.

— זיי רוהיג, געליעבטע פרוי! אין א האלבע שטונדע ארום בין איך דא צוריק. איך וועל נאך זיין דא, איידער מיר וועלען ארויספאהרען קיין דוראנגא. — יעצט מוז איך לויפען צום פרינץ דאן סעבאסטיאן.

ער האט דערזעהן דעם גייסטליכען שטעהן אין א ווינקעלע און בעטען גאט.

— איהר זייט אויך דא, פרומער ברודער? — גוט! איהר וועט אכטונג געבען אויף מיין פרוי! האט דער פירסט אויסגערופען.

— לאז מיך ניט אליין, פעליסיא! האט געבעטען דיא יונגע פרוי.

ער האט זיא ארומגענומען, האט איהר נאך א מאל א קוש געטאהן און איז אראפגעשפרונגען פון דיא טרעפ. — אונטען איז געשטאנען דער באראן דע קאוועניאק מיט זיינע דיענער. דער פירסט איז ארויפגעשפרונגען אויף זיין פערד.

— פעליסיא! פעליסיא! — קום שנעל צוריק! האט געבעטען א שטילע, מילדע, טרויעריגע שטימע פון באלקאן.

זיא איז עס, דיא פרוי, דיא געליעבטע!

דער פירסט מיט זיין קאמעראד איז פערשוואונדען אין דיא דונקעלע נאכט. —

אין אלטען שלאס פונ'ם הערצאג דע גראנאדא קאכט עס און רוישט, וויא אין קעסעל. דא קוואַרטירט דער יונגער העלד דאן סעבאסטיאן. ער שטעהט לעבען א גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען אנגעווארפען דעפעשען און לאנדקארטען.

דער יונגער מאן איז ערנסט, אבער ניט דערשראקען ער איז זיכער, אז ער וועט וויעדער זיעגען איבער זיינע פיינד, וויא ער האט געזיעגט מיט עטליכע טעג צוריק. ארום איהם שטעהן זיינע גענעראלען און דיא קאמאנדירען פון זיינע רעגימענטער. ער וויזט אויף דער לאנדקארטע און טהיילט אויס זיינע בעפעהלע:

— גראף דע מאדעראַ! איהר מיט אייער ארטילעריע געהט מיט'ן גרויסען טראקט גלייך קיין דוראנגאַ! בעפעהלט דער יונגער העלד. — איהר, גענעראל וויל-לערעאל, געהט מיט אייער קארפוס קיין טאלאָזא.—איהר, גראף מעדינא מיט אייערע רייטער געהט קיין ביסקא. — מיר וועלען ארומרינגלען דעם פיינד פון דריי זייטען! — מיר וועלען איהם שלאגען, וויא מיר האבען איהם ניט לאנג געשלאגען.

אין דיעזע מינוט איז פירסט ליבנאווסקי אריינגעקומען אין צימער. דאן סע-באסטיאנ'ס שארפעס אויג האט איהם באלד דערזעהן און האט איהם באלד צו גערופען.

— גוטע נאכריכטען, פירסט! גוטע נאכריכטען! האט ער איהם געזאגט. מיר שלאגען דיא קריסטינאָס! — זייט איהר בערייט, פירסט?

— איך בין צו יעדער צייט בערייט צו קעמפפען לעבען אייך, קעניגליכע האָהייט!

האט דער פירסט געענטפערט. איך ווייס, אז איהר וועט אונז פיהר'ען אויפען וועג פון עהרע און זיעג!

— איך האף, אז איך וועל עס טאהן, האט דער פרינץ געזאגט שטאלץ. — ווייסט איהר, וואס עס איז געשעהן?

— ניין, פרינץ! איך ווייס נור, אז דיא קריסטינאס זיינען אנגעפאלען אויפ'ן שטעדטעל דוראנגאָ.

— דאס איז ניט ריכטיג. גענעראל ד'עספארטעראָ האט געוואלט אנפאלען אויף דוראנגאָ. ער האט גערעכענט, אז מיר שלאפען, אז מיר וועלען זיך לאזען אויס־שלאכטען, וויא דיא שעפסען. ער האט אבער א גרויסען טעות געהאט. גענעראל קאַברערא האט איהם געשלאגען. מיר ווילען יעצט נאכיאגען דיא קריסטינאס. — אין א שטונדע ארום מארשירען מיר קיין אראגאָן, — אין פערצעהן טעג ארום וועלען מיר שטעהן פאר דיא טויערן פון מאדריד — דיא הויפט שטאדט פון שפאניען.

— אלזא, ווינש איך אייך גליק צום נייעם זיעג! האט דער פירסט אויס־גערופען.

עס קלאפען דיא פויקען, עס קנאקען דיא טראמפעטען. מען הערט שווערע טריט. דיא באטאליאנען געהן, וואוהין מען האט זיי געהייסען. אדיוטאנטען קומען און געהן אוועק. גענעראלען און אפיציערן קומען אריין, פרעגען עפעס, רעדען עפעס מיט'ן יונגען העלד, מיט'ן אבערקאמאנדירענדען, יונגען פרינץ דאן סעבאסטיאן.

— איהר וועט פאהרען מיט מיר, פירסט, האט דער פרינץ געזאגט. איך וויל זעהר, אז אפיציערן פון פרעמדע לענדער זאלען זיך געפינען לעבען מיר. — מען רעדט פון אונז פיעל שלעכטעס אין אייראפא. מען זאגט אז מיר זיינען גרויזאם, אז מיר טויטען מענשען אומזיסט. לאזען פרעמדע אפיציערן זיין צייגען, אז מיר זיינען גאר ניט אזוי שלעכט.

— אלזא האבען מיר נאך א שטונדע צייט? האט דער פירסט געפרעגט.

— יא, מיין פריינד! מיר וועלען ארויספאהרען ערשט דאן, ווען מיין גאנצע ארמעע וועט שוין זיין אויפ'ן וועג. מיר וועלען זיי זעהר לייכט אניאגען.

— וויל אייער קעניגליכע האהייט מיר ערלויבען צו לויפען אויף מיין קווארטיר אך אויף א האלבע שטונדע? האט דער פירסט געפרעגט. איך האב נאך עפעס צו ארדענען אין דערהיים.

— איהר האט נאך צייט, פירסט.

דער יונגער פירסט האט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען. ער איז ארויפ־געשפרונגען אויף זיין פערד, האט איהם אריינגעשטעקט זיינע שארפע שפארען אין דיא זייטען און איז געלאפען פול פרייד אהיים — צו זיין געליעבטע קסימענע. ער האט געוואלט זיא זעהן נאך א מאל, זיא נאך א מאל ארומנעהמען, זיא נאך א מאל קושען.

אויפ'ן וועג האט ער זיך איבערלעגט, אז עס איז גלייבער, קסימענע זאל זיך אנטאהן אין מענער קליידער און זאל פאהרען מיט איהם.

ער לויפט אין פולען גאלאָפ. ער שלאגט זיין פערד. — ער איז צוגעקומען צו זיין

K. & R.

קוואַרטיר. — אלעס איז שטיל. — וואו איז דיא וואך? — וואו זיינען דיא דיענער? קיינער קומט איהם ניט ענטגעגען. — ער רופט. — קיינער ענטפערט איהם ניט.

ער הייסט אויף דיא טהיר. — ער לויפט ארויף דיא טרעפ. — אלעס איז שטיל. אין אלע צימערן איז פינסטער.

— קסימענע! וואו בוסט דוא, ליעבע קסימענע? רופט ער אויס פער־צווייפעלט.

קיינער האט ניט געענטפערט.

— קאנראד! — וואו ביסט דוא, קאנראד? האט ער גערופען.

קיינער האט ניט געענטפערט. — דער פירסט האט אנגעצונדען א ליכט און איז אריינגעלאפען אין זאל. פאר דער טהיר פון זיין שלאף צימער איז געלעגען קאנראד אין א טייך בלוט. — ער איז אריינגעלאפען אין שלאף צימער — קיינער איז ניטא. קסי־מענע איז פערשוואונדען.

— קסימענע! — וואו איז קסימענע? וואו איז מיין פרוי? האט ער געשריען אויסער זיך.

ער האט זיך אנגעבויגען צו זיין דיענער און האט געזעהן, אז ער האט צוויא וואונדען. איינע אין דער ברוסט און איינע אין נאקען. דיא וואונדען זיינען גע־מאכט געווארען מיט א מעסער. ער האט צוגעלעגט דיא האנד צו קאנראדס הארצען. עס שלאגט נאך! אלזא, לעבט ער נאך!

ער איז צוגעלאפען צום פענסטער. עס איז געווען אפען.

— א דאקטאר! האט ער אויסגערופען אויף דער גאס. — ברענגט מיר א דאקטאר! שאפט מיר א דאקטאר!

א סאלדאט האט עס דערהערט און איינינע מינוטען ארום איז אנגעקומען א מיליטער דאקטאר.

— דאקטאר! זעהט, וואס דער מאן מאכט! העלפט איהם, ווען איהר קענט! מינטערט איהם אויף! לאז ער רעדען! איך וויל הערן פון איהם נור א פאר ווערטער. דער דאקטאר האט פראבירט איינינע מיטעל. קאָנראד האט געעפענט דיא אויגען.

— רעד, קאנראד! — דערצעהל, וואו איז קסימענע אהינגעקומען? האט דער פירסט געבעטען מיט טרערין אין דיא אויגען.

— דער גייסטליכער — גערויבט — געשטאכען — איך — פערטהיידינט — מיט — מיין — לעבען! — פלוך איבער......

מעהר האט ער ניט געקענט רעדען. ער איז געפאלען אין אהנמאכט. — — — —

45טער קאפיטעל.

העלגאלאנד.

העלגאָלאנד איז אן אינזעל אין דייטשען מעער. עס איז א הויבער, רויטער שטיין, וועלכער ליענט אין מעער ניט ווייט פון האמבורג. אמאל איז העלגאלאנד געווען א גרויסע אינזעל, אויף וועלכער עס האט געוואהנט א גאנצעס פאלק. דאס מעער אבער שווייגט ניט, רוהט ניט און ראסט ניט. עס רייסט שטיקער פון'ם רויטען שטיין און דיא אינזעל ווערט מיט יעדעס יאהר קלענער און קלענער.

פאר דער אינזעל האט זיך יעצט געבילדעט א גרויסער, פלאכער פלאץ, אויף וועלכען עס געפינען זיך יעצט דיא שעהנסטע האטעלען און דיא בעסטע רעסטאראנס פון העלגאלאנד. פון דאנען פיהרט א טרעפ אויסגעהאקט אין שטיין ארויף אויפ'ן שטיין. דאס שטיקעלערד אונטען הייסט דאס אונטערלאנד. דער שטיין הייסט דאס אבערלאנד.

דער שטיין, וועלכער מאכט אויס דיא אינזעל, ברעקעלט זיך אפ און דיא אינזעל ווערט פון יאהר צו יאהר קלייגער. ווען א העלגאלאנדער בעגעגענט זיין לאנדסמאן ערגעץ וויט פון דער היים, פרעגט ער איהם ניט: וואס הערט זיך עפעס אין דער היים? — זאנדערן: וויעפיעל פוס הייגטיגעס יאהר? דאס הייסט, וויעפיעל פוס פון'ם שטיין האט זיך הייגטיגעס יאהר אפגעברעקעלט?

א שעהנעס, שטארקעס און קרעפטיגעס פאלק וואהנט אויף דיעזע קליינע אינזעל. דיא העלגאלענדער זיינען בעריהמט אלס דיא בעסטע מאטראזען און דיא געשיקטעסטע שווימער. דאס מעער רוישט, שוימט, קאכט און זיעדעט ארום זייער שטיינערנע אינזעל. זעהר אפט מוזען זיי אויפשטעהן ביי נאכט אין גרעסטען שטורם, זיך זעצען אין זייערע שיפלעך און פאהרען העלפען א שיף, וועלכע געפינט זיך אין דער נויט. אויף דער אינזעל געפינט זיך א לעבענס-רעטונגס-סטאציאן און א לייכט טהורעם.

דיא אינזעל האט געהערט צו ענגלאנד. ערשט ניט לאנג, אין 1890, האט ענגלאנד זיא אוועקגעשענקט דייטשלאנד.

עס איז היינט דער 28סטער אפריל 1842. דער הימעל איז בעדעקט מיט שווערע, שווארצע וואלקען. דער ווינט פייפט, רוישט, הייבט אויף גאנצע בערג מיט וואסער און שלײדערט זיי אויף דעם רויטען שטיין פון העלגאלאנד. דאס מעער איז בעדעקט מיט שוים. עס האט אויסגעבראכען איינער פון דיא שרעקליכסטע שטורמווינטען, וועלכע קומען פאר אזוי אפט אין יענע געגענדען.

אונטען ביים ברעג, אדער אין אונטערלאנד און אויבען אויפ'ן שטיין אדער אין אבערלאנד שטעהן רעדלעך פון מענער, פרויען און קינדער. אלע קוקען אויף א שווארצען פונקט ערגעץ וויט אין מעער. זיי רעדען איינער צום אנדערן, ווייזען מיט דיא פינגער אויף דעם שווארצען פונקט און שרייען עפעס.

אויבען אויפ'ן שטיין, לעבען לייכט טהורם, שטעהן סאלדאטען אין רויטע הויזען. דאס זיינען ענגלישע סאלדאטען, דער גארניזאן פון דער אינזעל. געשיצט אונטער דעם דאך פון א הויז שטעהן עטליכע מענשען און רעדען. דאס זיינען דיא אנגעזעהנע מענער פון דער אינזעל: צוויי ענגלישע אפיציערן, דער דאקטאר, אן אלטער שיפסקאפיטאן, וועלכער פאהרט שוין ניט מעהר אויף זיין שיף, ווייל ער איז שוין צו אלט, דער בירגער-מייסטער פון דער אינזעל און א שעהן געקליידעטער יונגער מאן פון א יאהר עטליכע און דרייסיג. דער יונגער מאן איז אנגעטאהן אין א שעהנעם עלעגאנטען רעגענמאנטעל.

— עס איז אומזיסט! האט דער יונגער מאן אין רעגענמאנטעל געזאגט צו דיא ענגלישע אפיציערן, — דאס שיף ראנגעלט זיך אומזיסט. עס וועט אויף קיין פאל ניט קענען ארייגפאהרען אין דער עלבע. דער שטורם איז צו שטארק.

(אין האמבורג פליעסט דער טייך עלבע. דיא אינזעל העלגאלאנד ליעגט אין מעער געגען דעם ארט, וואו דיא עלבע פאלט אריין אין מעער).

— איך דענק אויך, אז עס איז גלייכער פאר איהם, ער זאל זיך אומקעהרען, האט דער אָפיציער געענטפערט. — וויא עס ווייזט אויס, איז דער קאפּיטאן פון יענעם שיף ניט בעקאנט מיט דער געגענד.

— הערר לאָאטזען מייסטער! האט דער יונגער מאן געזאגט צו אן אלטען, הויכען מאן, וועלכער איז געשטאנען ניט ווייט פון זיי און האט געקוקט אין א ספּעקטיוו אויף דעם שיף. — הערר לאָאטזען מייסטער! קענט איהר ניט זעהן דיא פאהן פון'ם שיף? פון וואס פאר אַ לאנד קומט עס?

לאָאטזען מייסטער הייסט דער עלטעסטער פון דער לעבענס־רעטונגס־סטאציאָן. דאס איז געוועהנליך אן אלטער שיפסקאפּיטאן, וועלכער איז שוין אויסגעפאהרען דיא וועלט און קען שוין אלע מעערע און דיא פלאגען פון אלע לענדער.

— וויים דער טייפעל, ווער דאס שיף איז! האט דער לאָאטזען מייסטער אויס־גערופען, עס איז אזוי דונקעל, אז עס איז אונמעגליך עפּעס צו זעהן.

אין דיעזע מינוט האט דער אלטער לאאטזען מייסטער דערזעהן, וויא א יונגער מאן שטעהט גאנץ נאהענט לעבען ברעג פון'ם שטיין.

— היי, טאָם! — גיב אכטונג! — היט זיך! — קום אהער!

דער יונגער מאן האט געשפּאָסט מיט א מעדכען, וועלכע איז געשטאנען אונטען ביים ברעג. איהם האט ווייניג געקימערט, וואס דער שטורם האט גערוישט און דיא וועללען (כוואַליעס) פון'ם מעער האבען געשפּריצט ביז אין דיא הייזער. קוים אבער האט ער דערהערט, אז דער אלטער מאן רופט איהם, האט ער ארויסגעשטעקט דעם מעדכען א לאנגע צונג און איז צוגעלאפען צום אלטען.

— וואס איז, פאטער יאַנסען? וואס דארפסט דוא מיך?

— זעהסט דוא דארט דאס שיף? האט דער אלטער געפרעגט.

דער יונגער מאטראז האט זיך צולאכט.

— איך זעה יענעם שיף שוין זייט א שטונדע! — צו וואס דען שטעה איך ביי דער וואנד און לאז דעם ווינד מיר בלאזען אין דיא צעהנער?

דער אלטער מאן האט איהם דערלאנגט זיין פערן גלאז (ספּעקטיוו).

— נא, טאָם! קוק אין מיין גלאז, האט ער איהם געזאגט, דוא האסט אינגערע אויגען פון מיר. דיעזע הערנעןווילען וויסען, צו וואס פאר א לאנד דיזעס שיף געהערט. קענסט דוא עפּעס זעהן?

— אַך, פאטער! איך דארף ניט אייערע גלעזער. איך זעה מיט מיינע אויגען בעסער, וויא מיט א צעהנדליג גלעזער. — שוין זייט א שטונדע זעה איך, אז דאס איז א שפּאנישע שיף, וועלכעס אבער קומט ניט פון שפּאניען, זאנדערן פון אמעריקא, פון דער אינזעל קובא.*) זיא קומט געוויס פון האוואנא (דיא הויפּט שטאדט פון דער אינזעל קובא').

*) דיא אינזטל קובאַ, דיא גרעסטע אינזעל פון דיא אנטיללען, מיט 2 מיליאן איינוואהנער, איז דאס איינציגע לאנד, וועלכעס געהערט נאך צו שפּאַניען און אמעריקא.

— איך האב אויך אזוי געטראכט, האט דער אלטער לאָטזען מייסטער געזאגט. — פון וואנען אבער ווייסט דוא, אז ער איז א שפאַניער?

— ווייל ער קען ניט רעגירען זיין שיף, האט דער יונגער מאטראז געענטפערט. איך זעה, וויא דיא וועללען (כוואַליעס) הויבען עס, ווארפען עס און שליידערן עס אין אלע זייטען און דער שפאַנישער שיפס קאפּיטאן וויים ניט, וויא אזוי אויסצודרעהן זיין שיף פון'ם ווינד.

אזוי וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האבען זיך געוויעזען צוויי בליצען פון'ם שיף.

— ער שיעסט! האט דער אלטער מאן אויסגערופען. — ער איז אין דער נויט!

— אט האט ער ארויפגעצויגען א נויט פלאג! האט דער יונגער מאטראז געזאגט. — זעהט! צוויא לאנגע שטרייפען! געל און רויט אריבערגעלעגט, וויא א קרייץ. דאס זיינען דיא פארבען פון שפאַניען! ערשט יעצט בעט ער, מען זאל איהם העלפען!

אויף דער אינזעל האט מען קוים, קוים געהערט דאס שיעסען פון קאנאנען. דער שטורם האט אזוי גערוישט, דאס מעער האט אזוי געקאכט, אז עס איז געוועזן אונמעגליך צו הערן דייטליכער דאס שיעסען.

— עס ווערט נאכט, האט געזאגט דער הויכער, בלאסער יונגער מאן אין רעגען מאנטעל, וואס דענקט איהר, הערר יאנסען, וועט דאס שיף זיין אים שטאנד ארייצוגעהן אין דער עלבע?

דער אלטער מאן האט געשאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאפּ.

— עס איז אונמעגליך! האט ער געזאגט. דער שטורם טרייבט דאס שיף גלייך אויף דיא שטיינער, וועלכע געפינען זיך ארום אונזער אינזעל. דאס שיף וועט צובראָכען ווערן אויף שטיקלעך.

— קען מען איהם גאר ניט העלפען? האט דער יונגער מאן געפרעגט.

— קיין מאטראז וועט זיך ניט אונטערשטעלען צו פאהרען אין אזא שטורם, האט דער אלטער מאן געזאגט. איך בין צוואר דער לאָטזען מייסטער, איך קען אבער קיינעם ניט הייסען פאהרען אין אזא שטורם.

— נו, דאס האב איך ניט ערווארטעט! האט דער יונגער מאן אין רעגענמאנטעל אויסגערופען. דיא מאטראָזען פון העלגאלאנד זיינען בעריהמט אין דער וועלט, אז זיי האבען פאר קיין געפאהר קיין מורא ניט. — אך! איך וואלט יעצט געוואלט זיין א מאטראָז און בעווייזען דיא העלגאָלענדער, אז דארט, וואו מען דארף העלפען אונגליקליכע, טאר מען ניט רעדען פון געפאהר.

דער אלטער מאן האט אויף איהם געווארפען א שטרענגען בליק.

— מיין הערר! האט ער געזאגט שטרענג און שארף, — מיין הערר! איהר האט יעצט געזאגט הארטע ווערטער, צו וועלכע מיר זיינען ניט געוואינט אין העלגאָלאנד. — איהר האט א שעהנע, יונגע פרוי, מיין הערר, איהר זייט רייך, איהר זייט פערזארגט מיט אלעם גוטען. ווען איהר זאלט שטארבען, וועט אייער פרוי און אייערע קינדער האבען וואס צו עסען. — מיינע מאטראזען אבער זיינען ארים, זיי האבען אויך פרויען און קינדער. ווען זיי וועלען אומקומען אין דיעזען שטורם, וועלען זייערע פרויען און קינדער דארפען שטארבען פאר הונגער.

דער יונגער מאן אין רעגענמאנטעל האט זיך פערשעהמט. ער האט איינגעזעהן, אז דער אלטער האט רעכט.

— הערט, פאטער! האט דער יונגער מאטראז אויסגערופען. — מען קלינגט מיט דער שטורמגלאקע! — מען בעט הילף!

אונטען, ביים ברעג, אין אונטערלאנד, האט מען געקלונגען מיט דער שטורמ־גלאקע.

— זעהט, פאטער! האט דער יונגער מאטראז אויסגערופען. — דער יאהאן מאכט צורעכט זיין באאט! ער וויל פאהרען העלפען דעם אונגליקליכען שיף. — איך מוז אויך געהן מיט איהם!

אלע האבען זיך געלאזען אראפגעהן פון'ם שטיין אין טאהל. ביים ברעג האבען זיך יעצט פערזאמעלט פיעל מענשען. דער יונגער מאטראז, טאם יאנסען, האט זיך אונטערדעסען אנגעטאהן זיינע הויבע וואסער שטיוועל און זיין מאטראזען העמד. דער אלטער לאאטזען מייסטער האט אויך אנגעהויבען ארויסשלעפען זיין באאט און עס בערייט צו מאכען צו דער רייזע.

— וואס מאכסט דוא, טאם? האט א יונגע מעדכען שטימע געזאגט צום יונגען מאטראז. דוא וועסט געוויס ניט געהן מיט זיי! דוא געהערסט דאך ניט צו דער לעבע נסרעטונגס סטאציאן.

— איך בין אבער א מאטראז, קלארא, האט דער יונגער מאן געענטפערט. איך בין דאך דעם אלטען יאסענס א זוהן. איך מוז געהן מיט מיין פאטער.

ער האט זיך אויסגעריסען פון דיא הענט פון'ם יונגען מעדכען און איז צוגענאנגען צום רייכען מאן אין רעגענמאנטעל.

— איין ווארט, מיין הערר!

— וואס פערלאנגט איהר? האט דער מאן אין רעגענמאנטעל געפרעגט.

— זעהט איהר, וויא דער אלטער יאנסען מאכט צורעכט זיין באאט? — ער וויל ריסקירען זיין לעבען און געהן רעטען דיא מענשען פון יענעם שיף. איך וועל אויך געהן מיט איהם. ווען איהר האט קיין מורא ניט פאר א געפאהר, וויא איהר האט פריהער געזאגט צו מיין פאטער, וועט איהר אויך געהן מיט אונז.

— וואס רעדסט דוא, טאם? האט אויסגערופען דער עלטסטער ענגלישער אפיציער. דיין פאטער וועט אויך ניט געהן אין אזא שרעקליכען שטורם.

— מיין פאטער געהט מיט אונז, האט דער יונגער מאן שטאלצירט.

דער אפיציער, וועלכער איז געוועזען דער ענגלישער גובערנאטאר פון דער קליינער אינזעל, האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז צוגענאנגען צום אלטען יאנסען און האט איהם געזאגט:

— יאנסען, איהר וועט דאך געוויס ניט לאזען זיך אין אזא שטורם! — לאזען עס טאהן דיא יונגע לייט. איהר זייט אן אלטער מאן און מעגט זיי בעפעהלען, זיי ווייזען וואס צו טאהן. אליין אבער דארפט איהר יעצט ניט געהן.

— איך בין לאאטזען מייסטער, מיין הערר! האט דער אלטער געענטפערט

שטאלץ. ווען דיא יונגע מאטראזען ריסקירען זייער לעבען און ווילען קעמפפען מיט דעם ווילדען מעער, טאר איך ניט בלייבען אין דערהיים.

— איהר האט דאך אבער אליין פריהער געזאגט, אז אין אזא שטורם קענט איהר קיינעם ניט הייסען זיך לאזען אין מעער? האט דער אפיציער געפרעגט.

— איך האב קיינעם ניט געהייסען, האט דער אלטער געענטפערט. זיי טוען עס אליין און ווען זיי געהן, מוז איך געהן מיט זיי.

דער אפיציער האט געשוויעגען. ער האט געקענט דעם אלטען יאנסען. ניט אומזיסט האט דייטשלאנד און ענגלאנד איהם געמאכט פאר לאאטזען מייסטער, העכסטער בעאמטער פון דער לעבענסעטונגס סטאציאן. אין זיין אמט האט זיך קיינער ניט געטארט אריינמישען.

דאס יונגע מעדכען אבער איז צוגעקומען צום אלטען און האט איהם אנגעחאפט ביים ארבעל.

— פאטער יאנסען! האט זיא אויסגערופען, איהר ווערט דאך געוויס ניט ער־לויבען, אז טאם זאל געהן מיט אייך. ער געהערט דאך ניט צו דער לעבענסרעטונגס סטאציאן.

דער אלטער מאן האט זיך אויסגעריסען פון איהר.

— שווייג, קלארא! דאס געהט דיך ניט אן! ווען טאם וויל געהן מיט אונז, מעג ער געהן. איך קען עס איהם ניט פערוועהרן. — ער איז ארומגעפאהרען דרייא יאהר אין וועלט מעער ארום בינא, דארט וואו דיא מענער טראגען לאנגע צעפ. איך האב נאך ניט געזעהן, וויא ער ארבייט אין א שטורם. איך וויל עס נאך א מאל זעהן. — געה אהיים, מיין קינד, און גרייט אונז אן א שטארקען פונש, ווען מיר וועלען צוריק קומען.

דאס מעדכען האט אנגעהויבען צו וויינען. זיא איז דאך געווען א געבארענע העלגאלענדערין און האט געוואוסט, וויא געפעהרליך עס איז זיך צו לאזען אין אזא שטורם. זיא האט אבער מעהר ניט גערעדט קיין ווארט.

— זיי וועלען ווייט ניט געהן, האט געזאגט דער ענגלישער אפיציער, זיי וועלען זיך באלד אומקעהרן. דאס איז אונמעגליך! — איך קען וועטען צוואנציג פונט סטער־לינג, אז אין א פערטעל שטונדע ארום זיינען זיי דא צוריק.

— איך נעהם אן אייער וועטע, סער ארלינגטאן! האט געזאגט דער יונגער מאן אין רעגענמאנטעל.

— גוט, מיין הערר! — אבער קומט אין האטעל. איך וויל ניט שטעהן דא ביים ברעג און בעשפריצט ווערן מיט זאלץ וואסער.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום גרעסטען האטעל אויף דער אינזעל, דעם בעריהמטען האטעל שווארץ. זייט דיא דאקטוירים האבען אנגעהויבען צו שיקען קראנקע זיך באדען אין מעער לעבען העלגאלאנד, האבען זיך אין אונטערלאנד אויסגעבויט אייניגע גרויסע האטעלס. דער גרעסטער פון זיי איז געווען האטעל שווארץ. ער האט געהערט צו א רייכער וויטווע מיט'ן נאמען שווארץ.

מאדאם שווארץ האט געהאט איין איינציגע טאכטער, דיא שעהנע אננא. אזוי

וויא מאדאם שווארץ איז געווען זעהר רייך, האט זיא געגעבען איהר טאכטער דיא בעסטע ערציהונג, וואס איז נור מעגליך געווען. אננא איז געווען שעהן און האכגע-בילדעט. זיא האט גערעדט עטליכע שפראכען, האט שעהן געזונגען און האט פאר-טרעפליך געשפיעלט אויף דער פיאנא.

ענדע זומער 1840 איז קיין העלגאלאנד זיך געקומען באדען א יונגער מאן, וועלכער האט זיך געהייסען רופען באראן רהיינסבערג. ער איז געווען שעהן, עלעגאנט, רייך, האט גערעדט פיעלע שפראכען און איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג. ער איז אבער געווען זעהר בלייך און פלעגט שטענדיג ארומגעהן טרויעריג.

ער האט געוואינט אין האטעל שווארץ, אין שענסטען האטעל אויף העלגאל-לאנד. באלד האט ער זיך בעקענט מיט דער שעהנער אננא שווארץ אוןביידע יונגע לייט פלעגען ארומגעהן גאנצע טעג צוזאמען.

דער זומער איז פאראיבער. אלע געסט זיינען זיך צופאהרען פון העלגאלאנד, נור דער באראן רהיינסבערג איז געבליעבען.

אין דער מיט ווינטער האט ער ערקלערט, אז ער איז פערליעבט אין דער שעה-נער אננא און האט געבעטען איהר האנד ביי איהר מוטער. מאדאם שווארץ איז געווען גליקליך צו האבען א באראן פאר אן איידים און האט איינגעווילינט.

דיא האכצייט וואלט באלד געקענט געשעהן, דער באראן האט אבער ניט ער-האלטען זיינע פאפיערן פון דער היים. דער גייסטליכער אויף העלגאלאנד האט ניט געוואלט זיי טרויען אהן פאפיער. דער באראן און זיין בראוט האבען געמוזט פאהרען קיין האמבורג און דארט אויסזוכען א גייסטליכען, וועלכער האט זיי פעראייניגט אויף אייביג.

נאך דער האכצייט איז דער באראן מיט זיין יונגע פרוי געפאהרען קיין ענגלאנד. דארט האט זיך דיא יונגע פרוי איבערציינט, אז איהר מאן איז ווירקליך אן עכטער אריסטאקראט און שטאמט אפ פון א גרויסע פאמיליע. דעננאך האט קיינער ניט גע-וואוסט, ווער דער יונגער באראן איז און פון וואנען ער איז.

אויסער זיין רייזע קיין ענגלאנד, פלעגט דער באראן אין ערגעץ ניט גיין און אין ערגעץ ניט פאהרען. ער האט ליעב בעקומען דיא אינזעל העלגאלאנד און זיין שעהנע, יונגע פרוי.

זיא האט איהם שוין געבארען א קינד. ער ליעבט זיא יעצט נאך מעהר, וויא פריהער. דאס קינד איז געווען דאס הייליגע באנד, וועלכעס האלט איהם נאך ענגער און נאך פעסטער צוגעבונדען צום רויטען שטיין פון דער אינזעל העלגאלאנד.

דער באראן רהיינסבערג איז עס דער יונגער מאן אין רעגענמאנטעל, וועלכער האט עס גערעדט מיט דיא מאטראזען. יעצט איז ער געגאנגען מיט'ן ענגלישען גובער-נאטאר פון דער קליינער אינזעל צום האטעל שווארץ, וואו ער האט געוואהנט מיט זיין יונגער פרוי.

זיין שוויגער־מוטער, מאדאם שווארץ, איז געשטאנען אויף דער טהיר און האט זיך דערפרעהט, ווען זיא האט איהם דערזעהן.

— אך, מיין זוהן! האט זיא אויסגערופען. — גוט, וואס איהר זייט געקומען!

אננא איז זעהר אונרוהיג. דער שטורם איז שרעקליך. מען קען זיך זעהר לייכט פער־קיהלען אין אזא שלעכטעס וועטער.

דיא יונגע פרוי איז ארויסגעלאפען איהם ענטגעגען און האט איהם אנגעחאפט ביי דער האנד.

— וואו ביסט דוא געוועז, פעליקס? וואוהין געהסט דוא ארום אין אזא שטורם?

דער באראן האט איהר ניט געענטפערט. ער האט זיך געווענדעט צו זיין דינער און האט איהם געזאגט:

— שנעל, קארל! ברענג מיר מיינע לאנגע אמעריקאנער וואסער שטיוועל און מיין שווערן רעגענמאנטעל מיט דער קאפוצע!

— וואס רעדסט דוא, פעליקס? האט דיא יונגע פרוי גערופען אויסער זיך. — וואוהין ווילסט דוא געהן אין אזא שרעקליכען שטורם? וואס ווילסט דוא טאהן ביים ברעג? — קום בעסער אריין אין שטוב. איך וויל לעגען דאס קינד שלאפען. עס וויל דיך זעהן.

איינינע מינוטען איז דער יונגער מאן געשטאנען, וויא צומישט און האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן: זאל ער געהן אין זיין ליעבע, ווארעמע היים, וואו עס ווארטען אויף איהם זיין ליעבע פרוי, און זיין שעהנעס קינד, אדער ער זאל געהן מיט'ן אלטען יאנסען אין קאלטען, נאסען, בייזען ווילדען מעער?

אין דיעזע מינוט זיינען פארבייגעגאנגען דער אלטער יאנסען מיט'ן יונגען טאָם. זיי האבען געשלעפט שטריק, לאנגע שטעקענס מיט אייזערנע הוקס פון אויבען און נאך איינינע זאכען, וועלכע זיינען נעטהיג אין א פאל, ווען א שיף האלט ביים אונטערגעהן. דער יונגער טאָם האט געווארפען אויפ'ן באראן א שפאטישען בליק, גלייך וויא ער וואלט איהם געזאגט:

— וויא קימט איהר, אריסטאקראטען, מיט אייערע ווייבע, עדעלע הענטעלעך צו קעמפפען געגען דאס ווילדע, בייזע, אויפגערעגטע מעער? — געה דיר אין האטעל שווארץ, דארט איז דיין פלאץ! מיר וועלען שוין אליין רעטען יענעס שיף.

דער באראן האט געפיהלט דעם גערעכטען פארוואורף פון דעם איינפאכען, גראָ־בען, אבער עהרליכען און מוטהיגען מאטראזען. ער האט זיך אויסגעריסען פון זיין פרוי און האט איהר געזאגט:

— דיא מאטראזען ווילען רעטען א שיף, וועלכעס געפינט זיך אין דער גרעסטער נויט. איך האב מיך געוועט מיט הערין ארלינגטאן, אויב עס וועט זיי געלינגען זיא צו רעטען אדער ניט. — איך וויל געהן צום ברעג און זעהן, וויא זיי פאהרען אוועק.

זיין דיענער האט איהם געבראכט א פאר הויכע גומי שטיוועל און א שווערן גומי ראָק, אן עכטען אמעריקאנישען וואטערפרוף. דער יונגער מאן איז אריינגעקראכען אין דיא גרויסע הויכע גומי שטיוועל און האט זיך אנגעטאהן דעם שווערן גומי ראק.

— איך בעט דיך, פעליקס! געה ניט אין שטורם! האט דיא יונגע פרוי געבע־טען. — דוא ווייסט ניט, וויא שווער עס איז מיר אויפ'ן הארצען. איך האב אנגסט, מיין ליעבער. מיין הערץ ציטערט. עס פיהלט א געפאהר.

— נאררישקייטען! האט דער באראן אויסגערופען. — נאררישקייטען! אין א האלבע שטונדע בין איך צוריק.

ער האט ארומגענומען זיין פרוי, האט איהר א קוש געטאהן אין שטערן און איז אוועקגעלאפען צום ברעג.

— פעליקס! פעליקס! — געה ניט! האט דיא יונגע פרוי איהם נאכגעשריען.

ער איז שוין אבער געווען ווייט און האט זיך פערמישט צווישען דיא מאטראזען, וועלכע האבען צורעכט געמאכט זייערע באאטע.

זיי האבען אויסגעזוכט אן ארט, וואו א גרויסער שטיין איז געלעגעןביים ברעג. דיעזער שטיין האט זיי אביסעל געשיצט נעגען דעם שרעקליכען שטורם און עס איז זיי געווען לייכטער אנצוגרייטען און צונויפצולעגען זייערע שטריק, זייערע הוקס, זייערע שטאנגען, זייערע לעדיגע פעסלעך און אנדערע זאכען, וועלבע זיינען נעטהיג אין אזא פאל.

מענער, פרויען און קינדער האבען געשלעפט, געבונדען, געדרעהט און געקניפט. באלד זיינען אלע פארבערייטונגען פערטיג געווארען און דיא שטארקע, קרעפטיגע מע־נער מיט זייערע פערברוינטע געזיכטער און מיט זייערע הארטע, אויסגעארבייטעטע הענד האבען אנגעהויבען זיך אריינצוזעצען אין דיא באאטע, וועלכע האבען געטאנצט און געשפרונגען אויף דיא ווילדע וועללען (כוואליעס).

א מאן פון מיטלערע יאהרען איז צוגעקומען צום אלטען לאאטזען מייסטער און האט איהם געזאגט:

— פאטער יאנסען, געהט ניט מיט אונז! דער שטורם איז היינט צו ווילד. איהר מעגט זיך שוין אפרוהען.

— פאר וואס געהסט דוא, יאהאן? האט דער אלטער געפרעגט.

— עס איז מיינע פפליכט! האט דער מאטראז געענטפערט.

— דאן איז עס מיינע פפליכט אויך, האט געברומט דער אלטער מאן.

— צו וואס אבער זאל טאם געהן מיט אונז? ער געהערט דאך ניט צו אונזער סטאציאן?

— ווען דער יונג וויל געהן, קען איך איהם ניט אפהאלטען. — פארווערטס, מענער! — צוויי פונקטען רעכטס!

ער האט געוואלט זיך אריינזעצען אין זיין גרויסעם באאט, ווען א לייכטע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין פלייצע.

— איך פאהר מיט אייך, פאטער יאנסען, האט געזאגט א בעקאנטע שטימע.

דער אלטער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהען פאר זיך דעם באראן רהיינסבערג.

— מיין העהר, יעצט איז ניט דיא צייט צום שפאסען, האט דער אלטער מאן געזאגט שטרענג. — מיר פאהרען ניט צום פערגעניגען. עס איז קיין שפאציער אויף דיעזען ווילדען מעער. צו אונזער רייזע מוז מען האבען שטארקע הענד און מענער, וועלבע קענען קוקען דעם טויט גלייך אין דיא אויגען.

ביי דיעזע ווערטער האט ער א קוק געטאהן אויפ'ן באראנס הענד. זיי זיינען געווען אנגעטאהן אין א פאר טהייערע פאריזער גלאסעע האנדשוה.

דער באראן האט פערשטאנען דעם ווינק און איז רויט געווארען. ער האט אראפ־געריסען זיינע גלאסעע האנדשוה און האט זיי אריינגעווארפען אין וואסער.

— וויא איהר זעהט, פאטער יאנסען, שפאס איך גאר ניט, האט ער געזאגט. איך וויל אייך ווייזען, אז הענד, וועלכע טראגען גלאסעע האנדשוה, קענען אויך שלעפען א שטריק און מאכען א קנופ, וויא א מאטראז.

— בלייבט בעסער אין דער היים! האט דער אלטער מאן געזאגט. איך וויים ניט, וויעפיעל פון אונז וועלען זיך אומקעהרען.

— רעדט איהר שפאניש? האט דער באראן פלוצלונג געפרעגט

— ניין.

— אלזא, מוזט איהר דאך האבען א מענשען, וועלכער פערשטעהט שפאניש. אייער זוהן האט געזאגט, אז דאס איז א שפאנישע שיף, האט דער באראן געזאגט שנעל און איז אריינגעשפרונגען אין באאט.

טאם האט געמאכט פאר איהם פלאץ לעבען זיך, גלייך וויא ער וואלט געווען זיין אלטער קאמעראד.

דער באראן האט יעצט געזעהן, וויא די לעצטע מאטראזען נעהמען אבשיעד פון זייערע פרויען און קינדער. די צוקנייטשטע, פערברענטע געזיכטער האבען ארומגע־נומען זייערע פרויען און זייערע קינדער, האבען זיי געקושט און האבען אויסגערופען:

— גאט עמפפאהלען! גאט וועט העלפען! — גרייט מיר אן א גוטען גראָג, קאטערינא!

וויעפיעל ליעבע, וויעפיעל טרייע, וויעפיעל פריינדליכקייט זיינען געווען אויסגע־דריקט אין דיעזע עטליכע ווערטער!

יעצט איז דער אלטער לאָצמאן מייסטער אריינגעשפרונגען אין באָאט.

— האלט אייך אן שטארק אן באָאט, הערר באראן! האט טאָם געזאגט צו זיין נייעם קאמעראד. — דער אלטער איז שוין דא. ער וועט באלד אנהייבען צו קאמאנ־דירען.

דער אלטער יאנסען האט ווירקליך גענומען דעם רודער אין דער האנד. יעצט איז ער געווען קייסער, הערשער, פון דיעזע הויפען ערנסטע מענער, וועלכע וואגען צו שטעלען זיך גענען דעם ווילדען מעער. ער איז געשטאנען, וויא א גענעראל פאר א שלאכט און האט אויסשטודירט זיין פיינד.

— פערטיג, מענער? האט דער אלטער געפרעגט.

— אלעס אין ארדנונג! האט מען געענטפערט.

— איינגעצוויגען די שטריק! — אב! האט קאמאנדירט דער אלטער.

— גליק אויף דער רייזע! — גאט זאל אייך העלפען! האט מען געשריען פון דעם ברעג.

די באָטע האבען אנגעהויבען צו טאנצען און צו שפרינגען אויף די ווילדע, מיט שוים בעדעקטע וועלען (כוואליעס). דאס מעער האט געקאכט און גערוישט. דער

ווינט האט געפייפט און געקנאקט. צום ברעג איז געקומען צו לויפען א פרוי פערסאפּעט און אויסער אטהעם.

— פעליקס! פעליקס! וואו איז מיין מאן? — איז עס וואהר? — איז ער ווירק־ליך אוועקגעפאהרען?

דאס איז געוועז דיא שעהנע אננא, דיא באראנעסער היינסבערג. א קינד איז געקומען אין האטעל און האט דערצעהלט, אז דער באראן איז אויך אוועקגעפאהרען מיט דיא מאטראזען. זיא איז געקומען צולויפען צום ברעג. זיא האט אנגעחאפּט א פרוי פון א מאטראז און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— מאריא, זאג מיר, וואו איז מיין מאן? — איז ער אויך געפאהרען מיט דיא מאטראָזען?

דיא פרוי האט זיא ארומגענומען און האט געזאגט ערנסט:

— לאמיר בעטען גאט, אז זיי זאלען גליקליך צוריקקומען!

ביידע פרויען האבען זיך געשטעלט אויף דיא קניע און האבען געוויינט.

46טער קאפּיטעל.

דיא רעטונג.

שרעקליך האט גערוישט און געקאכט דער שטורם. דיא וועלען (כוואליעס) זיינען געוועזען הויך וויא בערג. מען האט שוין קוים, קוים געזעהן דיא באָאָטע. זיי האבען אויס־געוויעזען, וויא שווארצע פּינטעלעך. אויף דעם ווייסען, מיט שוים בעדעקטען מעער. אין דרויסען איז געווארען פינסטער. אויף דער קליינער אינזעל האט מען אנגעצונדען אלע לאטערנען. דיא גרויסע, רויטע לאמפּע פון'ם לייכט טהורם האט בעלייכטעט דאס מעער מיט א זאנדערבארען, רויטען ליכט. דיעזע לאמפּע האט זיך געדרעהט, זיא האט אבער געהאט נור פיער פארבען: ווייס, רויט, גרין און געל.

דיא מאטראזען פון דער לעבענסרעטונגס סטאציאן האבען גוט געקענט זייער אויפגאבע. דער אלטער יאנסען האט זעהר גוט געוואוסט, אז ווען דאס שיף וועט זיין אים שטאנד זיך צוהאלטען, ביז זיי וועלען צוקומען, וועלען זיי עס נאך קענען רעטען. וועט עס אבער ניט קענען זיך האלטען און וועט פאהרען ווייטער, וועט עס אריינקומען צווישען דיא שטיינער ארום דער אינזעל העלגאלאנד. דאן איז דאס שיף פערלאָרען. ארום העלגאלאנד געפינען זיך פיעלע שטיינער, וועלכע אין א רוהיגער צייט, ווען דאס מעער איז שטיל, שטעקען זיי ארויס פון וואסער און מען קען זיי אויסמיידען. ווען דאס מעער איז אבער אונרוהיג, זיינען זיי בעדעקט מיט וואסער אדער מיט שוים און עס איז אונמעגליך צו וויסען, וואו עס געפינט זיך אזא שטיין.

דער אלטער יאנסען האט געוואוסט, וויא אזוי צו קאמאנדירען זיין קליינע אר־מעע. ער האט געהאלטען דעם רודער אין דיא הענד און האט געלאכט פון'ם ווילדען מעער מיט זיינע בייזע וועללען, וועלכע האבען עס געשלײדערט, וויא דיא שאלאכץ פון א נוס. זיין באָאָט איז ארויף אויף דיא שפּיצען פין דיא ווילדע וועללען (כוואליעס) און איז דאן אראפּגעפאלען אין א טיעפען אבגרונד. ער האט אבער גערודערט ווייטער און

וייטער. ער האט זיך געשפּיעלט מיט'ן מגער, וויא א טהיערבענדיגער אין א צירק שפּיעלט זיך מיט א גערייצטען טיגער.

— אנגעהאלטען דיא שטריק! אויפגעשטעלט דיא הוקס! האט קאמאנדירט דער אלטער יאנסען. — פעסט דעם גרויסען זעגעל! — אראפּגעלאזען דעם קליינעם זעגעל!

א גרויסע וועללע (כוואליע) הויך, וויא א בארג, איז אנגעלאפען און האט בע־גאסען אלע מענשען, וועלכע זיינען געזעסען אין באָאט, מיט א דוש פון געזאלצענעם וואסער.

— פּומפּען! אויסשעפען! האט קאמאנדירט דער אלטער יאנסען.

דער באראָן איז געזעסען, וויא איינער, וועלכען מען האט פּלוצלונג אפּגעגאָסען מיט אן עמער קאלטעם וואסער. ער האט איינינע מינוטען ניט געקענט עפענען דיא אויגען. טאָם האט געמוזט איהם האלטען ביי דיא הענד, ער זאל ניט אומפאלען. דער באראן האט איהם געדריקט דיא האנד און איז קוים געווען אים שטאנד איהם צו זאגען:

— איך דאנק דיר, ליעבער, גוטער, טאם יאַנסען!

טאם האט אבער קיין צייט ניט געהאט איהם צו הערן. ער האט געמוזט אר־ביימען! ער האט געמוזט העלפען אויסשעפּען דאס וואסער, וועלכעס איז אנגעלאפען אין באאט.

דער שטורם איז געווארען מיט יעדע מינוט שטארקער און שרעקליכער. דיא ברעטער פון'ם באאט האבען געקרעכצט און געציטערט. דיא מאטראזען האבען קוים געקענט אטהעמען.

דער שטאלצער אריסטאקראט, דער עדעלער באראן האט אנגעהויבען צו פיהלען רעספּעקט פארן אלטען יאנסען און זיינע מאטראזען.

— אך! וואס פאר א קראפט! וואס פאר א גייסט! וויא פיעל מוטה מוז א מענש האבען אום צו קעמפּפען געגען דיא ווילדע, אויפגערעגטע נאטור! האט זיך געטראכט דער באראן. איך זעה יעצט, אז א העלד קען מען זיין ניט נור אויפ'ן שלאכט פעלד, ניט נור אין א רעוואלוציאָן, ניט נור אין קאמפף פון מענש געגען מענש, זאנדערן אין קאמפף פון'ם מענשען געגען דיא נאטור: געגען ווינד, שטורם און ווילדען מגער.

דער באראן האט זיך געמוזט האלטען פעסט אן באאט, ער זאל ניט אריינפא־לען אין וואסער. דער אלטער יאנסען אבער איז געשטאנען רוהיג און פעסט, גלייך וויא ער וואלט געווען צוגעשמידט צום באאט, און האט קאמאנדירט זיינע מאטראזען, גלייך וויא ער וואלט געווען ביי זיך אין דער היים.

דאס מעער איז אבער געווען שרעקליך. דיא שטארקסטע מאטראזען זיינען מיעד געווארען און האבען אנגעהויבען צו מורמלען:

— עס העלפט ניט! מיר מוזען זיך אומקעהרן! מיר האבען אויך פרויען און קינדער אין דערהיים!

— האלט אויס, קינדער! האט געשריען דער אלטער יאנסען. — איך זעה ליכט! — מיר זיינען ניט וויט פון'ם שיף! — רעכטס, יאהאן! — רעכטס, טאם!

דיא מאטראזען זיינען געווארען פרעהליכער און לעבעדיגער. זיי האבען אנגעשטרענגט זייערע לעצטע קרעפטע אום צו דערגרייכען דאס שיף. דער באראן האט געזעהן, וויא דיא אדערן אויף דיא שווארצע הענט פון דיא מאטראזען זיינען אויפגעלאפען, זיינען געשוואלען געווארען, און דיא הענט האבען זיך אויסגעצויגען און האבען מיט זייערע לעצטע קרעפטע געהאלטען דעם רודער.

דער באראן איז געווארען בלייך און האט אנגעהויבען צו ציטערן, וויא אין א פיבער.

— דארט איז דאס שיף! האט טאם יאנסען אויסגערופען.

יעצט איז ערשט דיא געפאהר געוועז אם שרעקליכסטען. ווען דיא וועללען (כוואליעס) וועלען ארויפווארפען דאס קליינע באאט אויף דעם גרויסען שיף, וועט עס צוזעצט ווערן אויף שטיקלעך. יעצט האט מען געמוזט ארבייטען מיט אלע קרעפטע אום איינצוהאלטען דאס באאט.

דער אלטער יאנסען איז געשטאנען, וויא א שטיין אין דער מיט מעער און האט קאמאנדירט:

— רעכטס! לינקס! — איין פונקט נארד! — צווייא פונקטען זיד!

פלוצלונג האט זיין גאנצע געשטאלט א ציטער געטאהן. ער איז געווארען בלייך און האט אויסגערופען!

— א ריף! א ריף! — רודערט, קינדער! רעטעט אונז!

א ריף הייסט א שטיין אין מעער. דער אלטער יאנסען האט פלוצלונג דערזעהן א שטיין אין וואסער. ער האט איהם דערקענט אן דעם וייסען שוים, וועלכער האט זיך אנגעהויפט אויף איהם.

דאס באאט פון'ם אלטען יאנסען איז יעצט געוועזן אין א שרעקליכער לאגע. פון איין זייט איז געוועזן דאס גרויסע שפאנישע שיף, פון דער אנדערער זייט איז געוועזן א שרעקליכער ריף. דער אלטער יאנסען האט זיך אבער קיין מאל ניט פערלארען. ער האט זעהר גוט געקענט דיא געפאהר, אין וועלכען זיין באאט האט זיך געפונען; ער האט אבער געוואוסט, אז נאך ניט אלעס איז פערלארען.

— רודערט רעכטס! — רודערט אום צו רעטען אייער לעבען! האט ער אויסגערופען.

דיא שווארצע, פון שווערער ארבייט הארט געווארענע הענט פון דיא מאטראזען האבען ווידער זיך אויסגעשטרעקט און זיך אויסגעצויגען און האבען זיך אנגעשפארט אויף דיא רודער מיט זייער גאנצער מאכט.

פלוצלונג האט מען געהערט א שרעקליכען טראך. דאס מעער האט אנגעהויבען צו זיעדען און צו שוימען נאך שטארקער, נאך שרעקליכער, נאך פורכטבארער. — דאס גרויסע שפאנישע שיף איז ארויפגעלאפען אויפ'ן ריף. — שרעקליכע געוואלדען, געשרייען און געוויינען. מענשען זיינען אריינגעפאלען אין וואסער, האבען געשריען און

געבעטען, מען זאל זיי העלפען. דאס מעער האט גערוישט און האט א ווארף געטאהן דאס באאט ערגעץ ווייט, ווייט.

— רודערט, קינדער! — יעצט איז דיא העכסטע צייט! האט קאמאנדירט דער אלטער יאנסען. — דאס שיף איז ארויף אויפ'ן ריף. עס זיצט יעצט פעסט אויפ'ן שטיין. מיר מעגען צופאהרען צו איהם.

דיא מאטראזען האבען פערשטאנען, וואס דער אלטער יאנסען האט זיי געזאגט. קוים איז דאס שיף געבליעבען זיצען אויף דעם שטיין, קען מען שוין צוק'מען צו איהם. ווען עס שטעהט אויף איין ארט, פערשטעלט עס אליין דעם ווינט. מען קען אלזא צוקומען צום שיף אין דער זייט פונ'ם ווינט.

דיא מאטראזען האבען יעצט געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטע. זיי האבען אויסגעדרעהט דאס באאט און זיינען צוגעקומען אין דער זייט, וואו דאס הויכע און שטארקע שיף האט מיט איהר ברייטער זייט אביסעל געשיצט פונ'ם שרעקליכען שטורם.

יעצט האט זיך זיי פארגעשטעלט א שרעקליכעס בילד. דיא מאטראזען און פאסאזשירען פונ'ם שפאנישען שיף האבען געוואוסט, אין וואס פאר א געפאהר זייא געפינען זיך און יעדער האט געזוכט זיך צו רעטען, וויא ער האט געקענט. אייניגע האבען זיך צוגעבונדען צו דיא זעגעלביימער; אנדערע זיינען ארויפגעקראכען אויף דיא שטריקלייטער און האבען זיך אנגעהאלטען אן זיי מיט דיא הענד און דיא פיס; ווידער אנדערע האבען זיך געהאלטען פעסט אן שטיקער העלצער, קלעצער, ברעטער און וואס זיי האבען נור געקענט געפינען אויפ'ן דעק. —

זיי האבען דערזעהן, אז עס קומען אן באאטע זיי צו רעטען. יעדער האט געשריען, יעדער האט גערופען, יעדער האט געבעטען, יעדער האט געוויינט: העלפט! רעטעט!

יעדע וועלע (כוואליע) אבער, וועלכע איז צוגעקומען און האט זיך אויסגעגאסען אויפ'ן דעק, האט אראפגעשווענקט אלס מעהר און מעהר מענשען אין דעם קאכענדען, זידענדען און שוימענדען מעער.

דער קאפיטאן פונ'ם שפאנישען שיף איז געווען אזוי דערשראקען, אז ער האט גאר ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. אייניגע בעהערצטע מאטראזען האבען געוואלט אפבינדען דאס גרויסע באאט פונ'ם שיף און עס אראפלאזען אין וואסער. דער קאפיטאן וואלט זיי געדארפט לערנען, ווייזען, וואס צו טאהן און וואו עס אראפצולאזען. ער איז אבער געשטאנען, וויא פערשטיינערט און האט געבעטען גאט און געמאכט איין קרייץ נאכ'ן אנדערן.

דער אלטער יאנסען איז ענדליך צוגעקומען גאנץ נאהנט צום אונגליקליכען שיף און האט גערופען דעם שיפסקאפיטאן אויף דייטש און ענגליש. קיין אנדערע שפראכען האט ער ניט געקענט. — מען האט איהם אבער ניט פערשטאנען. עפעס האט מען גערעדט, עפעס האט מען געשריען, עפעס האט מען געענטפערט. דער אלטער יאנסען האט ניט פערשטאנען איין ווארט, וואס מען האט גערעדט צו איהם.

— נוא, הערר באראן! יעצט איז אייער רייהע! האט דער אלטער אויסגערופען,

פיעלייכט וועט איהר פערשטעהן, וואס דיא שפאניאלען זאגען. — קומט אהער! שטעלט אייך לעבען מיר און הייסט זיי ארויסווארפען א שטריק.

דער באראן פון רהיינסבערג איז מיט שווערער מיה צוגעקראכען צו דעם ארט וואו דער אלטער יאנסען איז געשטאנען און האט געשריען מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע לונגען:

— Que gente? — ווער זייט איהר?

דיעזע פראגע אויף שפאניש, אויף זייער מוטער שפראכע, האט איינגעפלייסט מוטה דעם קאפּיטאן, דיא מאטראזען און דיא פּאסאזשירען. זיי האבען געזעהן, אז מען פערשטעהט זיי, אז זיי קענען זיך צונויפרעדען מיט דיא מענשען, וועלכע זיינען געקומען זיי רעטען.

— מיר זיינען שפאניער! האט געענטפערט א שטימע. — האט גאט אין הארצען! רעטעט אונז! מיר זיינען פערלארען!

דער באראן האט איבערגעגעבען דעם אלטען יאנסען, וואס דיא שפאניער האבען איהם געזאגט.

— דאס שיף קען מען שוין ניט רעטען, האט דער אלטער לאאטזען מייסטער געזאגט ערנסט. — דאס שיף מוז אונטערגעהן. עס קען זיך קוים האלטען א פּאר שטונדען. — זאגט זיי, הערר באראן, אז זיי זאלען אראפּלאזען דאס גרויסע באָאָט, וועלכעס זיי האבען אויפ'ן דעק און זאלען זיך רעטען אין באָאָט.

דער באראן האט איבערגעגעבען אויף שפאניש דיא ווערטער פון'ם אלטען יאנסען. דער שפאנישער קאפּיטאן האט ענדליך אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ער מוז עפּעס טאהן. ער האט געהייסען אראפּלאזען דאס גרויסע באָאָט. דיא מאטראזען און פיעלע פּאסאזשירען זיינען יעצט געלאפען צום באָאָט. מען האט זיך געדרענגט, מען האט געשריען, מען האט זיך געשאלטען, מען האט זיך געזיעדעלט, ביז מען האט ענדליך אראפּגעלאזט דאס באאט אין וואסער.

יעצט זיינען אלע פּאסאזשירע מיט אמאל צוגעלאפען צו דעם ארט, וואו דאס באאט איז געשטאנען און האבען אנגעהויבען זיך צו רייסען, זיך צו שטופּען, זיך צו שלאגען און צו שפּרינגען איינער איבערן אנדערן. יעדער האט געוואלט זיין דער ערשטער; יעדער האט זיך געוואלט רעטען פריהער פאר'ן אנדערן; יעדער האט געקעמפּפט מיטן אנדערן.

דער אלטער יאנסען האט געשריען, אז זיי זאלען זיך ניט איילען. דער באראן האט איבערגעגעבען זיינע ווערטער אויף שפאניש. קיינער האט זיי ניט געהערט, קיינער האט זיי ניט געפאלגט.

וואלט דער שיפסקאפּיטאן ניט פערלארען דעם קאפּ און וואלט געוואוסט, וואס טהוט זיך מיט איהם; וואלטען דיא פּאסאזשירען פערשטאנען, וואס דער אלטער יאנסען האט זיי געהייסען; אדער וואלטען זיך וועניגסטענס געפונען צווישען זיי איינינע בעהערצטע מענשען, וועלכע ווייסען, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט א שיף אין דער צייט פון א שטורם. — וואלטען זיי זיך פיעלייכט געקענט רעטען.

יעצט אבער האבען זיך אלע געדרענגט אין באאט; קיינעם איז ניט איינגעפאלע

אין קאפּ, אז אין אזא שטירמישען מעער מוז מען וויסען, וויא איינצוהאלטען א באאט, וויא עס צו פיהרען און וויא עס צו דרעהען.

עס איז אנגעקומען א הויכע וועללע (כוואליע) האט אויפגעהויבען דאס באאט אין דער הויך און האט עס א שליידער געטאהן געגען שיף. — א טראך — א קנאק א ווילדעס שרעקליכעס געשריי! — דאס באאט האט זיך איבערגעקעהרט אוז איז צור בראכען געווארען אויף שטיקלעך!

מיט וועהמוטה און טרויער האבען דער אלטער יאנסען און זיינע מאטראזען גע- זעהן, וויא פון'ם קאכענדיגען שוימענדיגען מעער האבען ארויסגעשטעקט קעפּ און הענד. זיי האבען געווארפען שטריק, זיי האבען געשריען און געראטהען, וויא וויט זיי האבען געקענט.

אומזיכט! — עס איז געווען אונמעגליך צו רעטען דיא אונגליקליכע פון'ם באָט.

— צום שיף, קינדער! האט יעצט קאמאנדירט דער אלטער יאנסען. — דיא פון'ם באאט קען שוין קיינער ניט העלפען. — פיעלייכט וועלען מיר קענען רעטען נאך איינינע פון'ם שיף. — נעהמט דיא הוקס! — שטעכט זיי ארייז אין שיף! פערווארפט דיא שטריק! — הערר באראן, זאגט צו דיא מענשען אויפ'ן שיף, זיי זאלען אונז צו ווארפען א שטריק.

מען האט געזעהן דייטליך, אז אויף דיא זעגעל בוימער פון'ם שיף הענגען נאך מענשען. מען האט גערעדט צו זיי, געשריען צו זיי, אבער קיינער האט ניט געענטפערט.

יאנסענס מענשען האבען פּראבירט ארייגשטעכען זייערע הוקס אין קערפּער פון'ם שיף. דאס איז אבער אויך געווען אונמעגליך. דאס באאט איז געשטאנען צו וויט פון'ם שיף דיא הוקס האבען ניט געגרייכט. דיא לאגע איז געווארען מיט יעדער מינוט פער- צווייפעלטער.

— יאהאן, נעהם א שטריק און שווים צו צום שיף, האט דער אלטער יאנסען געהייסען איינעם פון זיינע מענשען.

דער באראן האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערהערט דיעזען בעפעהל. דאס הייסט שיקען א מענשען אין א זיכערן טויט. איידער ער האט אבער צייט געהאט ארויסצורעדען א ווארט, האט דער מאטראז יאהאן שוין אראפּגעווארפען פון זיך זיינע שווערע שטיוועל, האט שוין אנגעחאפּט א שטריק און איז ארייגעשפּרונגען אין דיא קאָכענדע וואסערן.

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען א שטארקע וועללע, הויך וויא א בארג, האט זיך אריבער געגאסען איבערן שיף און האט פערגאסען דאס באאט פון יאנסען מיט זיינע מענשען. א פּאָר מינוטען האט קיינער ניט געקענט עפענען דיא אויגען. דאס גע- זאלצענע וואסער האט געשפּריצט וויא פון א שטארקע דוש.

ווען דער באראן און זיינע קאמעראדען האבען ענדליך געעפענט דיא אויגען און האבען א קוק געטאהן אויפ'ן שיף, האבען זיי געזעהען, אז דיא איינציגע לאנטערנע, וועלכע האט ביז אהער נאך געברענט אויפ'ן שיף, איז פערשוואונדען געווארען.

— יאהאן, וואו ביסט דוא? האט דער אלטער יאנסען געשריען אויסער זיך. — ציעהט אן דעם שטריק, קינדער!

טאָם און דיא אנדערע מאטראזען האבען אנגעהויבען צו שלעפּען צוריק דעם שטריק, וועלכען יאהאן האט מיטגענומען מיט זיך. — דער שטריק איז צוריק געקומען לעדיג! — יאהאן איז פערשוואונדען געווארען! דיא שטארקע וועללע האט איהם ערגעץ אוועקגעשליידערט.

דער אלטער יאנסען האט פערדעקט זיין געזיכט מיט דיא הענד. ער האט ניט געוויינט דער אלטער לאאטזען מייסטער. ווען עס זאל געוועזן זיין א ביסעל העלער און מען זאל געוועזן קענען איהם בעטראכטען, וואלט מען געזעהן פאר זיך א בילד פון יאמער און פערצווייפלונג.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א געשריי פון'ם שיף:

— Auxilio! Auxilio! — הילף! הילף!

— לאזט מיך געהן, פאטער יאנסען! האט טאם געזאגט. פיעלייכט איז יאהאן דארט אויפ'ן שיף? — פיעלייכט האט ער נור פערלארען דעם שטריק?

דער אלטער יאנסען האט צונויפגעלעגטביידע הענד, וויא א טראָמפּעטע און האט אנגעהויבען צו שרייען ניט מיט זיין קול:

— יאָהאן! מיין זוהן! — וואו ביסט דוא?

קיינער האט איהם ניט געענטפערט.

— נאט האט איהם גענומען צו זיך! האט דער אלטער יאנסען געזאגט. — מיר האבען געטאהן עהרליך אונזער פפליכט. איינער פון אונז האט שוין פערלארען זיין לעבען.

אין דיעזער מינוט האט מען וויעדער געהערט א געשריי אויף שפּאניש:

— רעטעט אונז! רעטעט! — העלפט! — העלפט!

— מיר מוזען דאך רעטען יענע אונגליקליכע אויפ'ן שיף, האט דער אלטער יאנסען געזאגט. — טאם, נעהם דוא דעם שטריק און שווים צו צום שיף.

דער יונגער מאטראז האט שוין ארומגעוויקעלט דעם שטריק ארום זיין האנד און האט געוואלט ארייּנשפּרינגען אין וואסער. דער באראן האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער האט אנגעחאפּט דעם אלטען יאנסען ביי דער האנד און האט אויס־גערופען:

— וואס טהוט איהר, פאטער יאנסען? — וויא קענט איהר אזוי ריסקירען דאס לעבען פון אייער אינגסטען זוהן? — שיקט אנאנדערן!

— הערר באראן! האט דער אלטער געזאגט שטרענג, מיר זיינען העלגאלענ־דער; קיינער זאל ניט זאגען, אז דער אלטער יאנסען האט געשוינט זיינע קינדער האט געשיקט פרעמדע מענשען אין א זיכערן טויט. — געה, טאָם! בינד צו דעם שטריק!

טאָם האט נור וואס געוואלט ארייּנשפּרינגען אין וואסער.

— ווארט, טאם! האט דער באראן אויסגערופען. איך געה אויך מיט דיר! איי־נער פון אונז וועט זיך שוין רעטען. — וועלכער? דאס ווייס איך נאך ניט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אראפּגעווארפען פון זיך דיא שווערע שטיוועל,

האט געחאפט נאך א שטריק און איז אריינגעשפרונגען אין וואסער. טאם איז איהם נאכגעשפרונגען. ווייסע שוים פון דיא ווילדע וועללען האט זייביידען בעדעקט.

אין דיא ערשטע עטליכע מינוטען האט דער באראן ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. ער איז געווען אן אויסגעצייבענטער שווימער, אבער צום ערשטען מאל אין זיין לעבען איז איהם אויסגעקומען צו שווימען אין אזא שרעקליכען שטורם, ווען דאס מעער האט געקאכט, וויא א קעסעל.

באלד אבער האט ער געפיהלט, אז א שטארקע האנד האט איהם אנגענומען און האט איהם געשלעפט מיט זיך. דאס איז געווען טאם. מיט א בעזאנדערער קראפט האט דער איינפאכער מאטראז געשלעפט יעצט דעם שטאלצען באראן.ביידע זיינען צוגעשוואומען צום שיף. טאם האט געהאלפען דעם באראן זיך אנחאפען אן דיא צוריסענע אנקערקייט פון'ם שיף. דער באראן איז ארויפגעקלעטערט אויפ'ן שיף, אין דער צייט, ווען טאם האט צוגעבונדען זיין שטריק צו דער צוריסענער קייט.

יעצט האט ער שוין אויסגעפיהרט, וואס זיין אלטער פאטער האט איהם געהייסען. קוים האט ער בעפעסטיגט זיין שטריק צום שיף, איז ער נאכגעקלעטערט נאכ'ן באראן. מיט שווערער מיה איז עס זיי געלונגען ארויפצוקריכען אויפ'ן דעק. — פינסטער, דיא וועללען פון מעער שפריצען פון אלע זייטען. דער באראן האט געמוזט זיך אנהאלטען אן דעם יונגען מאטראז.

— ווער איז נאך דא אויפ'ן שיף? — לעבט נאך ווער? האט דער באראן געפרעגט אויף שפאניש.

— אט זיינען מיר! העלפט אונז אדער מיר שטארבען! האבען געענטפערט שוואכע שטימען.

דיא שטימען זיינען געקומען פון'ם הויפט זעגעלבוים. דער באראן און דער מאטראז זיינען צוגעגאנגען צו דעם ארט, פון וואנען דיא שטימען זיינען געקומען. לעבען דעם גרויסען זעגעלבוים זיינען געלעגען דריי געשטאלטען. זיי האבען זיך ארומגעבונדען ארום זעגעל.

— יאהאן, וואו ביסט דוא? האט טאם אויסגערופען. לעבסט דוא נאך?

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. צווייא פון דיא געשטאלטען האבען זיך אפגעבונדען פון'ם זעגעלבוים און זיינען צוגעקומען צו דיא בראווע און מוטהיגע רעטער.

— זאגט זיי אויף שפאניש, זיי זאלען זיך אנחאפען אן דעם שטריק, וועלכען מיר האבען מיטגעבראכט און זאלען צוגעהן ביז צום ברעג פון'ם שיף, האט טאם געזאגט צום באראן.

דער באראן האט זיי איבערגעגעבען, וואס טאם האט זיי געהייסען אוןביידע מענער האבען איהם געפאלגט. עס איז געווען דייטליך, אז זיי זיינען מאטראזען און זיי האבען פערשטאנען, וואס מען האט זיי געהייסען טאהן. דער דריטער אבער איז געבליעבען ליעגען ביים זעגעלבוים און האט זיך ניט געוואלט ריהרען. דער באראן איז צוגעקומען צו איהם און האט איהם געזאגט אויף שפאניש:

— שטעהט אויף, מאן! דיא געפאהר איז גרויס. יעדע מינוט קען אנקומען א שטארקע וועללע און צוברעכען דאס שיף אויף שטיקלעך.

דער מאן אויפ'ן שיף איז געלעגען שטיל און רוהיג. קוים אבער האט ער דער־הערט דעם באראנס שטימע, איז ער אויפגעשפרונגען, האט אנגעהאפט דעם באראן ביי ביידע הענד און האט אויסגערופען:

— ווער זייט איהר? — וויא הייסט איהר? — אייער שטימע איז מיר......

— יעצט איז קיינע צייט צו פרעגען און צו רעדען, האט דער באראן געזאגט,— וויא איך הייס, מאכט אייך אויך ניט אויס. — קומט!

אזוי וויא דער פרעמדער האט זיך קוים, קוים געקענט איינהאלטען אויף דיא פיס, האט דער באראן איהם געמוזט פיהרען, וויא מען פיהרט א קינד. ער האט איהם צוגעפיהרט צום עק שיף, וואו דיא אנדערע צוויי זיינען געשטאנען און האבען זיך אנ־געהאלטען אן געלענדער פונ'ם שיף.

— זייט איהר שטארק גענוג אום זיך צו האלטען? האט דער באראן געפרעגט דעם מאן.

— דיך — האלטען? יא! האט דער פרעמדער געענטפערט.

— דער מאן איז פעררייקט! האט דער באראן געזאגט צו זיין פריינד טאם. מיר וועלען האבען מיט איהם א שווערע ארבייט.

יעצט האט זיךווירקליך אנגעהויבען דיא שווערסטע ארבייט. יעצט האט מען געמוזט זיך ארומבינדען מיט שטריק, ארייגשפרינגען אין וואסער און צושווימען צום באאט, וואו דער אלטער יאנסען מיט זיינע מענשען האבען אויף זיי געווארט.

— שנעל, מענער! — אהאי! — האי! האט מען געשריען פונ'ם באאט.

דיא שפאנישע מאטראזען האבען פערשטאנען, וואס מען האט זיי געהייסען טאהן. אלס עכטע מאטראזען האבען זיי זעהר גוט פערשטאנען, אז דאס איז דער איינציגער וועג זיך צו רעטען. אלס מאטראזען זיינען זיי געוועזן גוטע שווימער און האבען געוואוסט, אז ווען מען האלט זיך אן א שטריק, קען מען שווימען זאגאר אין אזא אויפגערעגטען מעער. דער דריטער אבער האט ניט געקענט שווימען און האט גאר ניט פערשטאנען, וואס מען האט גערעדט צו איהם.

טאם האט גענומען א שטריק און האט איהם ארומגעבונדען ארום זיך, ארום דעם פרעמדען און ארום דעם באראן. יעצט זיינען אלע דריי אריינגעשפרונגען אין וואסער. טאם און דער באראן האבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטע. דער פרעמדער אבער איז געלעגען, וויא א קלאץ און האט זיי נור געשטערט.

צושלאגען, צובלוטיגט, מיעד און מאט זיינען ענדליך אלע פינף צוגעקומען צום באאט דער אלטער יאנסען און דיא מאטראזען האבען זיי אריינגעשלעפט אין באאט.

— וואו איז דיין ברודער יאהאן? האט דער אלטער יאנסען געפרעגט.

— פערלארען, פאטער! האט טאם געענטפערט און איז געפאלען פאר מיעדיג־קייט אויפ'ן באדען פונ'ם באאט.

— דיא רודער הויך! האט קאמאנדירט דער אלטער יאנסען. אבגעשטויסען!— פארווערטס! צום לייכט טהורם!

דאס באאט איז געפאהרען צוריק קיין העלגאלאנד. דער וועג צוריק איז געווען פיעל שווערער, וויא דער וועג אהין. מיר האבען שוין דערצעהלט, אז ארום דער אינזעל

געפינען זיך פיעלע שטיינער, וועלכע מען מוז אויסמיידען. נור געבארענע העלגאלענדער קענען עס וואגען צו פאהרען אין א שטורם ארום זייער קליינער אינזעל.

ענדליך איז דאס באאט צוגעקומען צו דער אינזעל. אויפ'ן ברעג האבען זיך פער־זאמעלט אלע איינוואהנער: מענער, פרויען און קינדער. דער ענגלישער גובערנאטאר און זיין גאנצע ארמעע, וועלכע בעשטעהט פון א גאנצע ראטע סאלדאטען, זיינען אויך געשטאנען ביים ברעג.

מיט פריידען געשרייען האט מען אויפגענומען דיא מוטהיגע מאטראזען פון דער לעבענס רעטונגס סטציאן.

צווישען דער מענגע מענשען אויפ'ן ברעג זיינען געשטאנען צוויי פרויען, וועלכע האבען געוויינט און האבען זיך גערייסען צום באאט. דיעזע צוויי פרויען זיינען געוועזען: דיא בעראנעסע אננא און מאריא, דיא פרוי פון'ם מאטראז יאהאן.

— מיין מאן! פעליקס! האט געשריען דיא בעראנעסע.

— יאהאן! וואו ביסט דוא? האט געשריען דיא ארימע מאריא.

— אט איז ער! האט אויסגערופען דיא בעראנעסע, ווען זיא האט דערזעהן איהר מאן.

זיא איז איהם ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז, האט איהם ארומגענומען, האט געוויינט און געלאכט פאר פרייד.

אויך דיא אנדערע פרוי האט געוויינט.

— וואו איז מיין מאן? וואו איז דער יאהאן?

— ער איז אויבען אין הימעל, מאריא! האט דער אלטער יאנסען געזאגט. — ער איז געשטארבען, ווען ער האט געוואלט רעטען אנדערע מענשען.

דיא אונגליקליכע מאריא איז אנידערגעפאלען, וויא פון דונער געטראפען. דיא אנדערע פרויען האבען זיא אויפגעהויבען און האבען זיא אוועקגעטראגען אהיים.

47טער קאפיטעל.

דער פרעמדער.

דער באראן האט געהייסען, אז מען זאל ברענגען דיא געראטעטע אין האטעל שווארץ און מען זאל זיי געבען אלעס, וואס זיי וועלען נור פארדערן. דער דאקטאר פון דער אינזעל איז באלד געקומען און האט זיי בעטראכט.

— עס וועט זיי גאר ניט שאדען! האט ער געזאגט, מאכט פון זייערט וועגען א שטארקען פונש, גיט זיי טרינקען און אין א פאר טעג ארום וועלען זיי זיין פאלקאמען געזונד.

מען האט זיי אויפגענומען, מען האט זיי אויסגעווארמט, מען האט זיי בעדיענט, מען האט זיי געגעבען אנדערע קליידער. אין א פאר טעג ארום זיינען זיי געווארען מונטער און פרעהליך, גלייך וויא עס וואלט מיט זיי גאר ניט פאסירט. — — —

פיער טעג זיינען פערגאנגען, זייט דאס שפאנישע שיף איז אונטערגעגאנגען. עס איז א שעהנער טאג. דיא זון ווארימט און לייכטעט העל אין הימעל. דאס מעער איז רוהיג און גלאט וויא א שפיעגעל. לעבען דער אינזעל איז יעצט געשטאנען א קליינער

דאמפפער, וועלבער פאהרט צווי מאל א טאג פון העלגאלאנד קיין האמבורג און פון האמבורג קיין העלגאלאנד.

טאָם יאנסען האט געדארפט פאהרען קיין האמבורג. דיא גערעטעטע שפאניער זיינען אויך שוין געוועז פאלקאמען געזונד און האבען אויך געוואלט פאהרען אויף דעמזעלבען דאמפפער קיין האמבורג. דער שפאנישער קאנסול אין האמבורג איז גע־וואהר געווארען, אז א שפאנישע שיף איז אונטערגעגאנגען לעבען העלגאלאנד און ער האט געשיקט רופען דיא מענשען, וועלכע האבען זיך גערעטעט פון'ם אונטערגעגאנגענען שיף אום זיי אויסצופרעגע', וויא דאס אונגליק האט פאסירט.

ער האט גימוזט אויסשטעלען דאריבער א פראטאקאל, ווייל דאס שיף איז געוועזען אסעקורירט אין איינינע אסעקוראנץ געזעלשאפטען.

צוויא פון דיא גערעטעטע שפאניער זיינען געוועזען איינפאכע מאטראזען. זיי האבען געדאנקט און געקושט דיא הענד אלעמען, וועלכע האבען טהייל גענומען אין זייער רעטונג. דער דריטער שפאניער איז געוועזען א גאנץ אנדערער מענש. ער איז געוועזען האך געבילדעט, האט גערעדט זעהר גוט שפאניש, ענגליש, פראנצויזיש, איטא־ליעניש, לאטיין, גריעכיש און איינינע אריענטאלישע שפראכען.

ער האט דערצעהלט, אז ער איז געוועזען נור א פאסאזשיר אויפ'ן שפאנישען שיף. ער איז געוופארען פון האוואנא קיין האמבורג, וואו ער האט וויכטיגע געשעפטען צו פערזארגען. קוים איז ער געקומען צו זיך, האט ער אנגעהויבען אויסצופרעגען דיא דיענער פון'ם האטעל, ווער דער באראן איז, זייט ווען וואינט ער אויף דער אינזעל, ווען ער האט געהייראטהעט, מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך און וואוהין ער געהט און פאהרט.

ער איז געוועזען אזוי פעראינטערעסירט אין דעם באראן, וועלכער האט ריסקירט זיין לעבען אום איהם צו רעטען, אז ער האט זאגאר דעם דאקטאר און דיא ענגלישע אפיציערן געפרעגט: וויא לאנג זיי קענען דעם באראן און ווער דער באראן איז.

דער באראן האט ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך הינטער זיינע פלייצעס. ער האט ניט געוואוסט, וויא וויט דער פרעמדער אינטערעסירט זיך מיט איהם. ער האט נור אזוי פיעל געוואוסט, אז דער פערעמדער הייסט דאן אנטאָניאָ.

אין גרויסען זאל פון האטעל שווארץ זיינען געזעסען דער באראן רהיינסבערג, דיא ענגלישע אפיציערן און דער דאקטאר פון דער אינזעל. מען האט גערעדט איבער דיא נייעס, וועלכע דיא צייטונגען האבען געבראכט, ווען דער גערעטעטער שפאניער איז אריינגעקומען, איז צוגעגאנגען גלייך צום באראן און האט איהם געזאגט אויף שפאניש:

— ערלויבען זיי מיר, הערר באראן, איינינע מינוטען פון אייער צייט. איך האב מיט אייך צו רעדען א פאר ווערטער אונטער פיער אויגען.

דער באראן האט גערעכענט, אז דער שפאניער וויל איהם דאנקען נאך א מאל, אדער ער וויל איהם בעטען, ער זאל איהם לייען געלד, ווייל ער האט פערלארען אויפ'ן שיף זיין גאנצעס פערמעגען. ער האט געבעטען דעם פרעמדען זעהר העפליך, ער זאל מיט איהם אריינגעהן אין א קליין צימעריל לעבען גרויסען זאל. דער באראן האט

פערשלאסען דיא טהיר פון'ם צימער און האט צוגערוקט צווייא שטוהלען צו א קליין טישעלע.

— ביטע זעצט אייך, דאָן אנטאָניא! האט ער איינגעלאדען דעם גערעטעטען שפאניער.

ביידע מענער האבען זיך אניעדערגעזעצט.

— נו, מיין העהר! יעצט זאגט מיר, וואס פערלאנגט איהר, האט דער באראן איהם געזאגט פריינדליך. אלעס, וואס איך קען נור, וועל איך טאהן פון אייערטוועגען.

— איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך דארף אייגענטליך גאר נישט, האט דער שפאניער געענטפערט. איך האב געלד צו פאהרען קיין האמבורג. דאס איז פאר מיר גענוג. אין האמבורג האב איך גענוג פריינד און בעקאנטע, וועלכע וועלען מיר געבען דיא נעטהיגע מיטעל צו פאהרען, וואוהין איך וויל.

— אלזא? האט דער באראן געפרעגט.

— איך וויל אייך נאך א מאל דאנקען דערפאר, וואס איהר האט ריסקירט אייער לעבען אום אונז צו רעטען.

— ווען איהר האט מיך גערופען אין א בעזונדער צימער, האב איך געמיינט, אז איהר ווילט מיט מיר רעדען איבער א בעזאנדערן געגענשטאנד.

— געוויס, מיין העהר! האט דער שפאניער אויסגערופען.

— קען איך וויסען, פון וואס איהר ווילט מיט מיר רעדען?

— איהר האט מיר גערעטעט דאס לעבען, וויל איך אייך אויך טאהן א געפעליגקייט.

— מיר? האט דער באראן געפרעגט ערשטוינט. — וואס פאר א געפעליגקייט קענט איהר....

— איך האב אייך געבראכט א גרוס פון אייער פרוי.

— פון מיין פרוי? — וואס רעדט איהר? מיין פרוי איז ערשט פריהער געוועזען אין זאל פון'ם האטעל. איהר שפאסט, דאָן אנטאָניא!

דער שפאניער האט אויפגעהויבען דיא אויגען און האט געקוקט גלייך אויפ'ן באראן.

— איך שפאס קיין מאל ניט, האט ער געזאגט ערנסט, איך רעד ניט פון מאדאם אננא שווארץ. — איך רעד פון אייער געזעצליכער און רעכטמעסיגער פרוי.

דער באראן איז געווארען רויט, וויא פייער און האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל.

— נו, מיין העהר! דאס איז שוין צו פיעל! האט ער אויסגערופען. — דאס הייסט אונפערשעהמט! — וואס מיינט איהר דערמיט? פון וועמען רעדט איהר?

— איך רעד פון דאָניא ק ס י מ ע נ ע ד ע נ א ס ע נ א, האט דער שפאניער געזאגט לאנגזאם.

ווען דער בליץ זאל געוועזען אריינפאלען אין צימער, וואלט זיך דער יונגער מאן אזוי ניט דערשראקען, וויא יעצט, ווען דער שפאניער האט ארויסגערעדט דיא דרייא

ווערטער: קסימענע דע נאַסענאַ. — ער האט זיך געמוזט אנהאלטען אן שטוהל, ער זאל ניט אומפאלען.

אין דיעזע מינוט האט דער דאמפפער, וועלכער איז געגאנגען קיין האמבורג, אנגעהויבען צו פייפען. דאס איז געוועזן א צייכען, אז דיא פּאסאזשירען זאלען זיך צוזאַמענקומען, ווייל ער געהט באלד אוועק.

— מיין העררע, איך זעה, אז איהר קענט מיך, האט דער באראן געזאגט. פערשטעלען זיך וועט ניט העלפען. איך ווייס ניט, פון וואנען איהר קענט מיין געהיימניס. אייער געזיכט איז מיר אביסעל בעקאנט. אייער שטימע האב איך אויך ערגעץ געהערט. וואו? ווייס איך ניט. וואהרשיינליך, האבען מיר זיך געזעהען אין שפּאַניען. — איהר האט מיך דערמאַנט אן א פאל אין מיין לעבען, וועלכער האט מיך געקאסט א גרויסען טהייל פון מיין לעבען. איך האב פערבראכט גענוג צייט און האב אייסגעגעבען גענוג געלד צו זוכען דאניא קסימענע. איך האב זיא ניט געקענט געפינען. מען האט זיא ביי מיר אוועקגערויבט און זיא איז שוין געוויס טויט.

אבער לאמיר זאגען, אז זיא לעבט נאך ערגעץ, איז זיא אלץ ניט מיין פרוי. דיעזעס רעכט האט נור איין פרוי און דאס איז — מיין ליעבע אננא, דיא מוטער פון מיין קינד. זיא איז מיין פרוי, ווייל איך האב זיא געהייראטהעט פאר גאט און פאר מענשען. דאניא קסימענע האב איך ניט געהייראטהעט. דאס איז געוועזן א פאלשע טרויאונג אום זיא צו רעטען פון דיא הענד פון איהר פערפאלגער, דאן מאנועל קאָרפּאַס.

דער שפּאניער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט געזאגט ערנסט און פינסטער:

— איהר האט א טעות, פירסט ליבנאָווסקי! דאניא קסימענע איז אייער געזעצליכע פרוי. איך האב אלע בעווייזע דערצו. דאניא קסימענע לעבט און זיא איז אייער איינציגע פרוי.

— און אננא? מיין ליעבע אננא? האט דער פירסט געפרעגט.

— האט קיין אנדערע רעכטע ניט, אלס צו הייסען אייער — געליעבטע!

— וואס רעדט איהר, מאן? האט דער פירסט אויסגערופען און איז געווארען בלייך וויא קאלך.

— דיא רייכע און דיא גרויסע מענער פון דער וועלט פערגעסען, אז דיא הייליגע קירכע וואכט איבער זיי און בעשטראפט זיי, ווען זיי פאלגען ניט דיא געבאטע פון גאט.

— מיין קינד! מיין אונשולדיגעס קינד! האט דער פירסט אויסגערופען אין פערצווייפלונג.

— איז א באסטארד (א ממזר) האט דער שפּאניער געזאגט רוהיג.

דער פירסט האט אנגעכאפּט דעם שפּאניער ביי דער האנד און האט אויסגערופען:

— דאס קען ניט זיין! — דאס דארף ניט זיין! — איהר דארפט דאך מיר דאנקבאר זיין! — איך האב אייך דאך גערעטעט דאס לעבען.

— איך וועל אויך דאנקבאר זיין, האט דער שפאניער געזאגט און א זאנדער־בארער שמייכעל האט געשפיעלט אויף זיינע ליפען. — דיא בעווייזע....

— גיט מיר דיא בעווייזע! האט דער פירסט אויסגערופען.

אין דיעזע מינוט האט דיא שעהנע אננא אנגעקלאפט אין דער טהיר.

— שנעל, פעליקס! האט זיא אויסגערופען, ווען דער פרעמדער וויל פאהרען נאך היינט, מוז ער שוין געהן צום דאמפפער. — ער געהט באלד אפ.

— איהר מוזט בלייבען, דאן אנטאניא! האט דער פירסט געזאגט. — איך מוז אלעס וויסען!

דער שפאניער האט געעפענט דיא טהיר און האט געזאגט דעם פירסט אויפ'ן אויער:

— דעם פינפטען מאי וועל איך אייך ערווארטען אין האמבורג. איך שטעה איין אין האטעל שטרייט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל.

— מיינע ווערטהע דאמען און העררען! האט ער אויסגערופען, איך דאנק אייך נאך א מאל פאר אלעס גוטע, וואס איהר האט געטאהן געגען מיר. גאט און דיא היילינע יונגפרוי און אלע אנדערע היילינע וועלען עס אייך בעצאהלען אויף יענער וועלט.

ער האט זיך פערנייגט פאר דיא העררן, האט געקושט דיא הענט פון אננא שווארץ און איהר מוטער און איז אוועקגעלאפען צום דאמפפער. ער איז געקומען פונקט צו דער צייט. דיא מאטראזען האבען נור וואס געוואלט צונעהמען דאס בריקעל צום דאמפפער. — ער איז געוועזן דער לעצטער פאסאזשיר.

48טע רקאפיטעל.

צווייא יעזואיטען.

עס איז דער 4טער מאי 1842, דיא אוהר האט נור וואס אויסגעשלאגען צוועלף ביי נאכט. אין א פריוואט צימער פון א גרויסעם באנקיר געשעפט אויפ'ן האפען מארק אין האמבורג זיצען צווייא מענשען לעבען א שרייב טיש און רעדען. אויפ'ן טיש ליעגען אלערליי פאפיערן, בריעף און דאקומענטען. לעבען זיי שטעהט א גרויסע פלאש אלי־קאנטע ווייז און צווייא גרויסע גלעזער.

איינער פון דיא צווייא מענשען איז א גאנץ געוועהנליכער האמבורגער קויפמאן. דאס איז אן עכטער דייטש פון קאפ ביז אין דיא פיס. אויפ'ן ערשטען בליק קען מען דערקענען, אז דאס איז א טיכטיגער האמבורגער קויפמאן, וועלכער ווייס נור פון זיין געשעפט און פון זיינע געשעפטס ביכער.

דער אנדערער איז דער פרעמדער, וועלכען דער באראן רהיינסבערג אדער פירסט ליכנאווסקי האט גערעטעט אויף דער אינזעל העלגאלאנד. דאמאלס איז שווער געוועזן צו וויסען, ווער ער איז. יעצט געהט ער אנגעטאהן, וויא א גייסטליכער און ווער עס איז נור אביסעל בעקאנט מיט דיא קליידער פון דיא פערשיעדענע קאטוילישע גייסט־ליכע, דער וועט באלד דערקענען, אז דאס איז א יעזואיט.

פאר יעדען פוןביידע מענער ליעגט רעכנונגען, צעטלעך און ביינעלעך פאפיער, בעדעקט מיט ציפפערן. עס איז דייטליך, אז ביידע מענער האבען א לאנגע צייט נערעכענט.

— וויא איהר זעהט, ברודער אנטאָניאָ, האט דער דייטשער קויפמאן געזאגט, זיינען דיא רעכנונגען גאנץ ריכטיג. פון אקטאבער ביז מאי האט דער הייליגער אָרדען (פון דיא יעזואיטען) פערדיענט צוויא מיליאן הונדערט פינף און צוואָנציג טויזענד זעקס הונדערט זיעבען און אכציג האללענדישע מארק.

איך האב אראפגעצויגען פון דיעזער סומע מיינע פראצענטען און האב אויסגע-שטעלט טראטען (אנווייזונגען) אויף דיא באנק הייזער: לאפיט אין פאריז און טאָר-טאָני אין רוים.

דאס שיף „הערמאַנדאַד“, וועלכעס איז אונטערגעגאנגען לעבען העלגאלאנד, איז געווען אסעקורירט פאר זעקס הונדערט טויזענד פעזאָס אין א לאָנדאָנער געזעלשאפט. אלע דאקומענטען זיינען אויסגעשטעלט און אונטערשריעבען. דיא פערזיכערונגס גע-זעלשאפט אין לאנדאן מוז בעצאהלען דיעזע סומע. אונזער הייליגער אָרדען (דיא יעזו־איטען) קענען בעקומען דיעזעס געלד, ווען זיי וועלען פארשטעלען דיעזע פאפיערן.

דער שפאניער האט גענומען דיא פאפיערן, האט זיי דורכגעקוקט, האט זיך צוגעקוקט צו דיא אונטערשריפטען, האט זיי צונויפגעלעגט און האט זיי בעהאלטען אין בוזים קעשענע.

— אלעס איז ריכטיג, ברודער באָלטמאַן, האט ער געזאגט, אונזער הייליגער ארדען האט געמאכט גאנץ גוטע געשעפטען אין דיעזען האלבען יאהר. איך האב אייך אבער שוין געזאגט, א זאך וויים נאך ניט אלע געהיימניסע פון אונזער הייליגען ארדע ; דער גענעראל *) האט מיך געשיקט, איך זאל מיך מיט אייך אפרעכענען. ער האט

*) דער אָרדען פון דיא יעזואיטען האָט אַ מיליטערישע אָרדנונג. דער גענעראַל אָדער דער גראָסמייסטער, דער הערשער פון אַלע יעזואיטען, וואינט געוועהנליך אין רוים. אין יעדען לאַנד וואינט אַ „פראָווינציאַל“, אַ מאַן, וועלכער האָט צו פערזאָרגען דיא געשעפטען פון דעם לאַנד, אין וועלכען ער וואינט. — יעדער יעזואיט, וועלכער בעקומט אַ בעפעהל פון'ם גענעראַל, מוז איהם גלייך אויספיהרען. עס מעג דונערן און בליצען. עס קען זיין דיא גרעסטע געפאַהר — ער מוז געהן און טאהן, וואס מען הייסט איהם.

אין אָרדען געפינען זיך מענכע, — מענשען, וועלכע פערברייגגען זייער לעבען אין דיא מאָ-נאַסטירען און וויסען גאָר ניט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. — גייסטליכע, מענשען, וועלכע בעזאָרגען אַלעס, וואָס געהערט צום גלויבען: טרויאונגען, טויפען פון קינדער, בעערדיגונגען, לייכען רעדען און נאך אַזעלכע זאַכען, וואָס געהערן זיך אָן מיט דער רעליגיאָן. דאַן געהערן צום יעזואיטען אָרדען — ברידער. ראָס זיינען מענשען, וועלכע בעזאָרגען דיא געשעפטען פון'ם אָרדען. זיי האבען פרויען און קינדער. זיי לעבען, וויא דיא פירסטען, דרעהען זיך ארום אין דער העכסטער געזעלשאַפט, מאַכען דיא גרעסטע געשעפטען, אָבער ניט פאַר זיך, זאנדערן פאַר דעם יעזואיטען אָרדען. געוועהנליך האָבען אַזעלכע מענשען דאָס גרעסטע פערטרויען אין אָרדען. זיי וויסען אַלע געהיימניסע פון'ם אָרדען און זיי זאָרגען שוין, אַז דער יעזואיטען אָרדען זאָל האָבען געלד און זאָל פערדיענען געלד.

דיעזע ברידער זיינען געוועהנליך גרויסע באנקירער אָדער גרויסע געשעפטסלייט. קיינער קען זיי ניט און קיינער וויים פון זיי ניט אז זיי זיינען יעזואיטען. ווען דער גענעראַל דאַרף

מיר ניט געזאגט, אז אין האמבורג וועט פארקומען א פערענדערונג. אזוי וויא איהר האט מיר אבער דערצעהלט, אז מארגען ביי נאכט וועט אויסברעכען אין האמבורג א גרויס פייער, האב איך מורא, אז אונזער הייליגער ארדען זאל ניט פערליערן קיין געלד פון'ם פייער.

הערר באלטמאן האט א שמייכעל געטאהן.

— האט קיין מורא ניט, ברודער אנטאָניאָ! האט ער געזאגט. מיר וועלען גאר ניט פערליערן פון'ם פייער. אונזערע געשעפטע זיינען מייסטענס אבגעשלאסען. מיר האבען צוואר הייזער און וואארע אין האמבורג, זיי זיינען אבער אלע אסעקורירט אין דיא בעסטע פערזיכערונגס-געזעלשאפטען (פייער אינשוראנס קאמפאניעס) פון ענגלאנד און פראנקרייך. אין פאל ווען זיי וועלען פערברענט ווערן, וועלען מיר דערביי פערדינען מעהר אלס א מיליאן טאהלער. — ליידען וועלען נור דיא קויפלייטע פון האמבורג. זיי פערדיענען עס אבער.

— איך וויים, דיא האמבורגער קויפלייטע זיינען גרויסע אפיקורסים, האט דער שפאניער געזאגט מיט א פרומער מינע. זיי גלייבען ניט אין גאט, זיי גלייבען ניט אין דער הייליגער יונגפרוי; זיי גלייבען ניט אין הייליגען פאטער אין רוים. —

— געוויס, ברודער! האט דער קויפמאן געזאגט, האמבורג וועט ליידען אזא שלאג, אז זיא וועט האבען צו קרענקען יאהרען לאנג. וואס געהט עס אונז אבער אן? מיר האבען מעהר ניט וואס צו טאהן אין האמבורג. מיר מוזען יעצט ארבייטען אין בערלין, אין דער שווייץ און אין פראנקרייך. האמבורג האט שוין פאר אונז קיין ווערטה.

— דאך פערשטעה איך ניט פאר וואס זאל מען אונטערצינדען דיא שטאדט פון אלע פיער עקען? האט ברודער אנטאניא געפרעגט. עס קענען דאך ליידען פיעלע אונ־שולדיגע מענשען. דיא רייכע קויפלייטע מעגען ליידען, וואס זיינען אבער שולדיג דיא ארימע לייט?

דער באנקיר האט זיך אנגעגאסען א גרויסע גלאז אליקאנטע וויין און האט זיא לאנגזאם אויסגעטרונקען.

— ווייסט איהר, ברודער אנטאָניאָ, אז דער וויין איז גאנץ גוט? האט ער גע־זאגט מיט א שמייכעל. מען לעבט אין האמבורג גאנץ גוט, ניט ערגער וויא אין פאריז און לאנדאן.

דער שפאנישער יעזואיט האט געקוקט אויף איהם מיט רעספעקט. ער האט געזעהן, אז ער האט פאר זיך א מאן, וועלכער איבערטרעפט אלע יעזואיטען, וועלכע ער האט געזעהן ביז אהער.

האָבּען געלד, שיקט ער אַ מענשען, וועלכער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט זיי און זאָל צונעהמען דאָס געלד, וואָס דער אָרדען האָט פערדיענט אין אַ געוויסע צייט.

הערר באַלטמאַן איז געוועזן אַזאַ ברודער פון'ם יעזואיטען אָרדען. מיר וועלען שפּעטער זעהן, וואָס ער האָט געטאָהן פאַרן אָרדען.

איך האָב געמוזט מאַכען דיעזע בעמערקונג, אום דיא לעזער זאָלען פערשטעהן דיא סצענען, וועלכע וועלען שפּעטער פאָרקומען.

א. טאַנענבוים.

— איך בין נור א וועלטליכער ברודער פון'ם ארדען, האט באלטמאן געזאגט, אבער דער גענעראל און זיינע פראָווינציאלען האבען צו מיר אביסעל צוטרויען. איך קען דיא וועלט און וויים, וואס אין איהר קומט פאר. אזוי וויא מען האט מיר געשריעבען, אז איך מעג מיט אייך רעדען פריי און אפענהערציג, וויל איך אייך ערקלערן איינינע זאכען, וועלכע זיינען וויכטיג פאר אונזער הייליגען ארדען.

דער שפאניער האט אנגעשפארט ביידע הענט אויפ'ן טיש און האט געקוקט דעם דייטשען יעזואיט גלייך אין מויל אריין.

— מען שרייבט מיר, אז איהר זייט אוועקגעפאהרען פון שפאניען, וויל דאָן קארלאס האט פערלארען איינינע שלאכטען. זיין גאנצע ארמעע איז פערניכטעט געווארען. דאן סעבאסטיאן, דער יונגער העלד, איז געשטארבען. אונזער הייליגער ארדען האט שוין ניט מעהר וואס צו טאהן אין שפאניען. אין איטאליען איז אויפגעשטאנען א גאריבאלדי, וועלכער האט געשווארען צו פערניכטען אלע הייליגע ארדענס. פראנקרייך רייסט זיך צו פרייהייטען און ווערט מיט יעדען טאג ערגער און ערגער.

ווען מען בעטראכט יעצט אייראפא, קומט אויס, אז אונזער הייליגער ארדען וועט מוזען פערשווינדען פון דער וועלט. פאר'ן נאמען יעזואיט דערשרעקט מען זיך. דער נאמען יעזואיט איז א שאנדע. עס דאכט זיך, אז דער נאמען יעזואיט מוז פערשווינדען. עס דאכט זיך אבער נור אזוי. דער הייליגער ארדען פון יעזוס (יעזואיטען ארדען) וועט דויערן אזוי לאנג, וויא לאנג דיא וועלט וועט שטעהן. ער וועט פארקומען אונטער אנאנדערן נאמען, ער וועט הייסען מאָנארכיע, אבער ער וועט לעבען.

דער הייליגער ארדען יעזוס, איז דער פערטרעטער פון דער רעליגיאן. ער קעמפפט פאר דיא הייליגע רעליגיאן, דאסזעלבע טהוען דיא קעניגע און דיא הערשער. מיר אלע קעמפפען פאר קראָנען. דיא הערשער ווילען בעהאלטען דיא קראנען אויף זייערע קעפ. דיא רעליגיאן וויל טראגען דיא קראנע איבער אלע קראנען. זיא וויל בעהערשען דיא קעניגע.

עס זיינען אבער אין דער לעצטער צייט אויפגעשטאנען מענשען מיט פרייע אידעען, וועלכע זוכען צו מאכען רעוואלוציאנען. זיי ווילען זיך בעפרייען פון דיא הערשער און פון דער הייליגער רעליגיאָן. דיא קראנען מוזען יעצט קעמפפען געגען דיא רעוואלוציאנען.

— וויא אזוי אבער? האט דער שפאנישער יעזואיט געפרעגט. מיר ווערן אלע מאל שוואכער. מען יאגט אונז פון אומעדום. דיא רעוואלוציאנען ווערן געפעהרליך. איך וויים, אז גאריבאלדי, מאצציני און אנדערע ווילען אונז פערניכטען און אראפרייסען פון דיא געקרוינטע קעפ זייערע קראנען. וואס פאר א מיטעל זאלען מיר אנווענדען אום זיך צו שטעלען געגען דיעזע רעוואלוציאנען?

— מיר האבען דיעזע מיטעל אין דיא הענד, האט דער דייטשער יעזואיט געענטפערט.

— וויא הייסען דיעזע מיטעל?

— זיי הייסען: נאפאלעאן און דיא אידען.

דער שפאניער האט אויסגעגלאצט א פאר אויגען. ער האט איהם ניט פער־שטאנען און האט זיך געשעהמט צו זאגען, אז ער פערשטעהט איהם ניט.

— איך קען נאך ניט אזוי גוט דיא געהיימניסע פון אונזער ארדען, האט ער געזאגט. איך ווייס נאך ניט, וויא אזוי א קייסער, וויא נאפאלעאן און דיא אידען קענען דיענען אלס מיטעל צו ברעכען דיא מאכט פון דיא רעוואלוציאנען.

— איהר וועט מיך באלד פערשטעהן, האט דער דייטשער יעזואיט געענטפערט. אין פראנקרייך הערשט יעצט דער קעניג לואי פיליפ. ער איז א שוואכער כאראקטער און דאס פאלק מאכט פון איהם, וואס עס וויל. ער טויג אונז ניט. אין פראנקרייך מוז הערשען א שטארקער קייסער, פאר וועלכען דיא וועלט זאל ציטערן. ווען ער וועט זיין שטארק, וועט ער מוזען זיך אנשפארען אויף דער רעליגיאן. אהן רעליגיאן קען דיא קראנע ניט בעשטעהן. — קראנען און רעליגיאנען איז דער שפרוך פון אונזער הייליגען ארדען. — רעוואלוציאנען געגען קראנען, איז דער שפרוך פון גאריבאלדי, מאצציני און זייער גלייכען.

א שטארקע ארמעע קעמפפט פאר דיא קראנען געגען דיא רעוואלוציאנען.

— איך פערשטעה אייך, ברודער באלטמאן! האט דער שפאניער אויסגערופען. דער נאמען נאפאלעאן איז געשעצט און געאכטעט אין דער גאנצער וועלט. ווען א נאפאלעאן וועט הערשען אין פראנקרייך, וועט דיא מאנארכיע בעפעסטיגט ווערן אויף דער וועלט. מיט דער מאנארכיע וועט בעפעסטיגט ווערן דער גלויבען. דורכ'ן גלויבען וועלען הערשען זיינע פערטרעטער — דיא מיטגליעדער פון דעם הייליגען ארדען יעזוס.

— פאלקאמען ריכטיג! האט דער יעזואיט אויסגערופען.

— אבער וואס געהערן זיך אן דיא אידען. מיט אונזער הייליגען ארדען? האט דער שפאניער געפרעגט.

— דיא אידען האבען געלד, האט הערר באלטמאן געזאגט. דיא אידען זיינען דיא יעזואיטען פונ'ם געלד — אזוי וויא דער ארדען שטעלט פאר דיא יעזואיטען פון דער קאטוילישער קירכע. דאס געלד איז דער גרעסטער פיינד פונ'ם גלויבען. קוים ווערט איינער רייך, הערט ער אויף צו גלויבען. דיא אידען שטעלען פאר דאס געלד, דאס פלייש דעם מאטעריאליזמוס. דיא אידען שליעסען זיך אן צו יעדער רעוואלוציאן. זיי ווילען צוברעכען אלע קראנען, צוטרעטען מיט דיא פיס אלע הערשער און ארויפזעצען אויפ'ן טראהן פון דער וועלט זייער איינציגען גאט — דאס געלד. ראטהשילד איז שוין יעצט דער גרעסטער הערשער. ער טראגט ניט קיין קראנע אויפ'ן קאפ, ער בעהערשט אבער אלע קראנען.

— ביי אונז אין שפאניען זיינען צוואר קיינע אידען ניטא, האט דער שפאניער בעמערקט, איך האב אבער געהערט, אז דיא מאכט פון דיא אידען איז זעהר גרויס.—

— ניט נור גרויס, ברודער אנטאניא, זאנדערן געפעהרליך. ווען דיא אידען — איך מיין דאס געלד — וועט נאך אונטערשטיצען דיא רעוואלוציאנען, דאן זיינען מיר ווירקליך פערלארען.

— וואס טהוט מען אבער דאגעגען? האט דער שפאניער געפרעגט.

— העפ! העפ!*) האט דער דייטשער יעזואיט געענטפערט.

דער שפאניער האט איהם ניט פערשטאנען. אין שפאניען וויים מען ניט, וואס העפ! העפ! הייסט.

—גוט דורכקלאפען דיא אידען, האט דער דייטשער יעזואיט ערקלערט, אנמאכען אן אלגעמיינע יודען העצע. דאס איז צוואר אן אלטעס מיטעל, עס איז אבער שטענדיג גוט געווען; עס האט שטענדיג דערגרייכט דעם ציעל. מען גנב'ט ארוים עטליכע אידישע קינדער און מען צווינגט זיי זיך צו טויפען. מען שניידעט איבער דיא העלזער פון עטליכע קריסטליכע קינדער און מען ווארפט זיי אונטער א אידישע סינאגאגע. מען הייבט אן צו שרייען, אז אידען דארפען בלוט צו זייערע הייליגע צערמאניען. — מען וויעדערהאלט דיא אלטע געשיכטען, וויא דיא דאקטורים וויעדערהאלען זייערע אלטע מעדיצינען. ווען דיא נייע מיטעל העלפען ניט, הייבען זיי אן צו זוכען אין דיא אלטע ביכער און גראבען ארוים דיא אלטע מיטלען.

דיא אידען פערפאלגונג איז אן אלטעס מיטעל, אבער א זיכערעס מיטעל. דיא פעלקער ווערן פרימער, האלטען זיך פעסטער אן זייער רעליגיאן, ווען זיי האבען א געגענשטאנד, אויף וועמען אויסצוגיעסען זייער רעליגיאנס־האס.

אייניגע מינוטען האבען ביידע געשוויגען. דער שפאנישער יעזואיט איז געווען ווייניג בעקאנט מיט דער יודענפראגע אין איראפא. ער האט אבער געוואוסט, אז אין גאנץ אייראפא געפינט זיך נור איין פאלק, וועלכעס איז צו זעעט און צו שפרייט איבער אלע לענדער — דיא אידען. דיא יעזואיטען האבען שוין ניט איין מאל אויפגערייצט דיא פעלקער אויף דיא אידען.

— דיא רעוואלוציאנען ווערן אבער דאך פון טאג צו טאג שטארקער, האט ער בעמערקט מיט א טרויעריגען טאָן.

— מיר וועלען בענוצען דיא רעוואלוציאנען צו אונזערע צוועקע, האט דער באַלט־מאן אויסגערופען. מיר האבען פיעלע פריינד און ברידער צווישען דיא סאציאליסטען אין דייטשלאנד, צווישען דיא אנארכיסטען אין פראנקרייך, אין ענגלישען פארלאמענט, אין אמעריקאנישען קאנגרעס, אין רוסישען סענאט און אין דיא הויפען פון אלע לענדער.

מיר ווארטען יעצט. לאזען דיא רעוואלוציאנען אויסברעכען! לאזען פלאצען באָמ־בעס אין אלע גאסען! דאן וועלען זיך דערשרעקען דיא שטילע בירגער און זיי וועלען קומען צוקריעכען אויף דיא קניע צום שטוהל פון'ם הייליגען פאטער אין רום און בעטען, ער זאל זיי בעשיצען מיט'ן הייליגען גלויבען. דאן וועט קומען אונזער צייט.

— איך וויים נאך אלץ ניט, פאר וואס מוז דיא שטאדט האמבורג פערברענט ווערן? האט דער שפאניער געפרעגט.

— דאס איז אייגענטליך ניט אונזער פאליטיק, האט דער דייטש געענטפערט. דאס איז נאר דיא ענגלישע פאליטיק. ענגלאנד געפינט, אז האמבורג איז געווארען

---

*) ווען מען וויל בעשימפפען אַ אידען אין דייטשלאַנד, שרייט מען איהם: העפ! העפ! אין רוסלאַנד שרייט מען: זשיד; אין אַמעריקאַ: שיני. — העפ! העפ! הייסט גאַנץ אייגפאַך שלאגט דיא אידען!

זעהר רייך און ציהט צו צו זיך דעם האנדעל פון דער גאנצער וועלט. ענגלאנד וויל אפשוואכען האמבורג. מיר האבען זיך אונטערנומען צו פערזארגען דיעזעס געשעפט, ווייל ענגלאנד וועט אונז אפדיענען אין פראנקרייך, איטאליען און דענעמארק. — דאס איז א געשעפט, וועלכעס מיר מאכען, און איהר קענט זיכער זיין, ברודער אנטאניא, אז אונזער הייליגער ארדען וועט דערביי מעהר פערדיענען אלס ענגלאנד.

— ווען זאל עס געשעהן? האט דער שפאניער געפרעגט.

—מארגען ביי נאכט האלב נאך צוועלף אוהר, האט הערר באלטמאן געענטפערט. איהר וועט געוויס קומען אהער, ברודער אנטאניא! פון דאנען וועלען מיר קענען בעטראכטען גאנץ רוהיג דיא גאנצע סצענע.

— איהר אליין האט דאך אבער הייזער און מאגאזינען אין שטאדט?

— זיי וועלען געוויס פערברענט ווערען און איך וועל בעקומען מיין געלד מיט גרויסע פראצענטען. ווען דער האנדעל פון האמבורג וועט פערניכטעט ווערן, האב איך דא ניט וואס צו טאהן. איך וועל מיך בעזעצען אין אנאנדער שטאדט. דאן איז מיר בעסער צו האבען בארעס געלד אלס צו האבען הייזער און מאגאזינען.

דער שפאניער האט צונויפגעלעגט אלע פאפיערן, האט זיי אריינגעלעגט אין זיין קעשענע און האט זיך אויפגעהויבען.

— עס איז שוין שפעט, האט ער געזאגט, קענט איהר מיר ניט לייהען א רעוואלווער, א מעסער אדער עפעס אנאנדערע וואפע? — איך האב מורא צו געהן ביינאכט אונבעוואפענט אין אן אונבעקאנטער שטאדט.

דער דייטשער יעזואיט האט אויפגעעפענט א קאסטען און האט אנגעהויבען צו זוכען. ער האט ארויסגענומען א שארפען, קרומען טערקישען יאטאגאן.

— אייגענטליך איז עס גאנץ איבעריג, האט הערר באלטמאן געזאגט, האמבורג איז ניט מאדריד. דייטשלאנד איז ניט שפאניען. עס מאכט זיך אפט, אז מאטראזען טרינקען זיך אן און צושלאגען זיך. דיא האמבורגער פאליציי אבער איז זעהר שטרענג, זיא ארעסטירט באלד דיא שלעגער און בעווארענט זיי.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, אויב דער פלאץ עלבהעה איז ביי נאכט וועניג בעזוכט?

— עס איז שווער צו זאגען. א מאל געפינען זיך דארט מענשען א גאנצע נאכט. א מאל איז דער פלאץ גאנץ לעדיג.

דער שפאניער האט געמאכט א גרויסען קרייץ איבערן טיש און איבער דער טהיר און איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

49טער קאפיטעל.

צווייא אלטע בעקאנטע.

דעם 5טען מאי. עס איז נאכט. דיא אוהר אויף דער ניקאלאי קירכע האט געשלאגען האלב נאך צעהן. קיינער האט ניט געקענט וויסען, אז דיא אוהר שלאגט צום לעצטען מאל. — א מאן איינגעהילט אין א שווארצען מאנטעל איז אריבערגעגאנגען דעם שאאר מארק, איז אריינגעגאנגען אין געסעל בלייכערגאנג און האט זיך געשטעלט

קוקען אויפ'ן ברייטען און שעהנעם טייך עלבע. טויזענדער דאמפפער, שיפען, בארקען און באאטע זיינען געשטאנען פוןביידע זייטען פון'ם ברייטען טייך.

אויפ'ן טייך האט נאך געהערשט לעבען און בעוועגונג. אין דיא קאיוטען האבען נאך געברענט ליכט. אין דיא שענקען און ביער הייזער ביים פארט האט מען געטרונקען, געזונגען און געלאכט. ווילדע געזיכטער זיינען ארומגעגאנגען, ארומשפאציערט ביים פארט און ביז אין דיא גאסען פון דער פארשטאדט סאנקט פאולי האט מען געהערט ווילדע געשרייען און שאללענדען געלעכטער.

דער פרעמדער האט געזעהען פאר זיך דיא גאנצע אלטע האנדעלסשטאדט האמבורג, וועלכע איז זייט דיא אלטע, אלטע צייטען אזוי בעריהמט מיט איהר וועלט האנדעל.

— זיא מוז אונטערגעהן, דיעזע אלטע שטאדט! האט ער געזאגט. זיא האט זיך פערזינדיגט געגען גאט און זיינע הייליגע! זיא מוז אונטערגעהן!

ער האט זיך איינגעהילט פעסטער אין זיין מאנטעל און איז ווייטער געגאנגען. געגען איהם איז געלעגען א גרויסעס ענגלישעס שיף. אויפ'ן שיף איז אלעס געווען פינסטער. פלוצלונג האבען זיך געוויזען איינינע געשטאלטען. מען האט אראפגעלאזען א באאט. מענשען זיינען געפאהרען צום ברעג — אין שטאדט אריין.

דער מאן אין מאנטעל איז אראפגעגאנגען פון'ם בערגעל און האט זיך געלאזען געהן צו דער עלבע. א מאן איז איהם ענטגעגען געקומען און האט געזאגט שטילערהייט:

— דוראננא און העלגאלאנד!

דער יעזואיט איז געבליעבען שטעהן.

— איך בין דא! האט ער געזאגט, איך ווארט אויף אייך פירסט ליכנאווסקי.

— הערט אויף צו רופען מיך פירסט און צו געבען מיר טיטולען, האט דער באראן רהיינסבערג אבער פירסט ליכנאווסקי געענטפערט. — מיר האבען אפגערעדט, איך זאל קומען קיין האמבורג דעם 5טען מאי. איך בין געקומען היינט ביי טאג און בין גלייך געגאנגען אין האטעל שטרייט. איך האב אייך דארט ניט געפונען. א דיענער האט מיר איבערגעגעבען א בריעף, אין וועלכען עס שטעהט, אז איך וועל אייך טרעפען דא ל'צבען דער עלבע, היינט ביי נאכט האלב נאך עלף. — איך מוז אייך זאגען, אז עס קומט מיר פאר זעהר זאנדערבאר, וואס איהר האט אויסגעקליעבען אזא צייט און אזא ארט פאר אונזער צוזאמענקומען. — אבער איך בין אויך דערמיט צופריעדען. איהר האט מיר געזאגט, אז איהר וועט מיר געבען דיא בעווייזע, אז קסימענע איז מיין געזעצליכע פרוי. — גיט זיי מיר!

דער יעזואיט האט פערגלאנצט דיא אויגען צום הימעל און האט געזאגט מיט א פרומער הייליגער שטימע:

— ווער עס האט געזינדיגט, דער דארף טראגען דיא שטראפע פאר זיינע זינד! אזוי לערנט אונז דיא הייליגע רעליגיאן.

— מיין הערר! יעצט איז ניט דיא צייט צו רעדען פון פרומקייט און פון רעליגיאן, האט פירסט ליכנאווסקי געזאגט ערנסט און שטרענג. וואו זיינען אייערע בעווייזע, אז קסימענע לעבט נאך?

— מיט צוויא יאהר צוריק, ווען איך בין אוועקגעפאהרען פון שפאניען, איז זיא געוועזען אין א מאנאסטיר אין פראנקרייך. ווען איך בין געוועזען אין האוואנא, האב איך ערהאלטען בריעף פון דיעזען מאנאסטיר, אז זיא לעבט נאך און איז געזונד און פריש.

— אלזא, איז זיא געווארען א נאָנע (מאָנאשקע)? האט דער פירסט געפרעגט.

— דאָניא קסימענע איז פרום, זיא וויים אבער, אז א פרוי, וועלכע האט א מאן, קען ניט ווערן א נאָנע.

— דאניא קסימענע איז אבער גאר ניט מיין פרוי! האט דער פירסט אויסגערופען. איך האב זיא געהייראטהעט נור צום שפאס, נור אום זיא צו רעטען פון איהרע פערפאלגער!

— איהר האט א טעות, פירסט! — דאָניא קסימענע איז אייער געזעצליכע פרוי. איהר האט זיא געהייראטהעט דעם 25טען מערץ 1837 אין שטעדטעל אזקאָ-איטיא אין שפאניען. דערביי זיינען געוועזען צוויא צייגען, א פראנצויזישער באראן און אייער דייטשער דיענער.

— דאס איז וואהר. דאס איז אבער געוועזען נור א קאמעדיע!

— האט איהר געקענט דעם גייסטליכען, וועלכער האט אייך געטרויט? האט דער יעזואיט געפרעגט.

— מיין פריינד, דער פראנצויזישער באראן, האט מיר געזאגט, אז דאס איז געוועזען א מענך, וועלכער האט איינגעוויליגט צו מאכען א פאלשע צערעמאניע פאר א גוטע בעלוינונג.

— האט איהר עס געזאגט דאניא קסימענע? ווייס זיא דערפון, אז דיא גאנצע צערעמאניע איז געוועזען נור אן אנשטעל?

דער פירסט האט געשוויעגען. אויף דיעזע פראגע האט ער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— ביידע צייגען, וועלכע זיינען געוועזען ביי דער טרויאונג, לעבען נאך. דער פראנצויזישער באראן דע קאוועניאק איז גוט בעקאנט אין דער וועלט. אייער דייטשער דיענער, קאנראד, לעבט אויך. דאניא קסימענע האט א ברודער, וועלכער וועט געוויס פערטהיידיגען זיין שוועסטער.

דער פירסט איז אויפגעשפרונגען.

— זייט איהר קסימענעס ברודער? האט ער געפרעגט.

— ניין, הערר פירסט! קסימענעס ברודער האט זיא ניט געזעהן, זייט איהר האט איהם גערעטעט פון טויט.

— ווער זייט איהר דען, וועלכער ווייס אלע מיינע געהיימניסע? האט דער פירסט אויסגערופען אויסער זיך.

— איהר ווילט וויסען, ווער איך בין? — גוט! איך וועל אייך זאגען. — איך בין געוועזען א פרעהליכער און גליקליכער יונגער מאן. איך האב מיך פערליעבט אין א מעדכען, וועלכע איך האב געקענט פון קינדהייט אן. וויא אזוי איך האב זיא געליעבט? דאס קענט איהר ניט פערשטעהן, איהר קאלטע מענשען פון קאלטע געגענדען.

וואס ווייסט איהר פון ליעבע? וואס פערשטעהט איהר פון ראכע? — איהר זייט געקומען און האט ביי מיר צוגענומען מיין געליעבטע. יעצט איז געקומען דיא צייט, ווען איך קען מיך רעכנען (מיך נוקם זיין) אן אייך. — גאט איז גערעכט!

— ווער זייט איהר אבער? — ענטפערט! — איך קען דאך אייך גאר ניט!

— איך בין דיעגא קארפאס, דער זוהן פון דאן עמאנועל קארפאס. געדענקט איהר, וויא איהר האט ארויסגעריעסען ביי מיר פון דיא הענד דעם ברודער מיט דיא שוועסטער?

דער פירסט האט א ציטער געטאן. יעצט האט ער שוין געוואוסט, וועמען ער האט פאר זיך.

— איך בין דער גייסטליכער, וועלכען דער פראנצוזישער באראן האט געבראכט דאמאלס ביי נאכט אום אייך צו טרויען.

דער פירסט האט איהם אנגעחאפט בייביידע הענד און האט איהם צוגעהאלטען, וויא מיט אייזערנע צוואנגען.

— דאן ביסט דוא דער מערדער, וועלכער האט דאמאלס ביי נאכט דערשטאכען מיין דיענער קאנראד! דאן ביסט דוא דער רויבער, וועלכער האט אוועקגערויבט דאניא קסימענע! — ווען דוא ביסט א רויבער און א מערדער, ביסט דוא קיין גייסטליכער, דאן איז מיין טרויאונג מיט דאניא קסימענע ניט גילטיג און אננא איז מיין געזעצליכע פרויא.

דער יעזואיט האט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און האט אנגעהויבען צו לאכען איהם גלייך אין דיא אויגען.

— איך האב געמיינט, אז איהר זייט א קלוגער, פירסט ליכנאווסקי, האט ער געלאכט, יעצט זעה איך, אז איהר זייט א גרויסער נארר! — קענט איהר דען בעווייזען, אז איך האב אוועקגערויבט דאניא קסימענע? — קענט איהר דען בעווייזען, אז איך האב דערשטאכען אייער דיענער קאנראד? — איהר קענט עס ניט בעווייזען. איך אבער קען בעווייזען, אז איהר האט געהייראטהעט א פרוי אין שפאניען און דאן האט איהר געהייראטהעט אנאנדערע אויף דער אינזעל העלגאלאנד. ביידע פרויען לעבען. — איהר קענט נאך וואהרשיינליך ניט דיא הייליגע געזעלשאפט פון יעזוס קריסטוס (דיא יעזואיטע) איהר ווייסט ניט, אז מיר זיינען שטארקער פון אייך. מיר וועט מען גלייבען, וויל איך טראג דאס הייליגע קלייד פון א מענך; אייך אבער וועט קיינער ניט גלייבען, וויל איהר האט אנגענומען אין העלגאלאנד א פאלשען נאמען. מען רופט אייך דארט באראן פאן רהיינסבערג.

דער ארימער פירסט האט אראפגעלאזען דיא הענד און האט אנגעבויגען דעם קאפ, וויא איינער, וועלכער איז פערארורטהיילט צום טויט. — איינינע אויגענבליקע האט ער געשוויעגען. ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט פראבירט אנאנדער וועג.

— לאז זיין, וויא איהר זאגט! האט ער אויסגערופען. וואס וועט איהר אבער האבען דערפון, וואס איהר וועט בענוצען מיין געהיימניס? — איך וויים, אז איהר האט מיך אין דיא הענד און קענט מאכען פון מיר, וואס איהר ווילט. — פערגעסט אבער ניט, אז איך האב אייך גערעטעט דאס לעבען, אז איך האב א רעכט צו פארדערן פון

אייך דאנקבארקייט. — פאר וואס זאלט איהר ביי מיר אוועקרויבען אלעס, וואס איך ליעב און וואס איז פאר מיר טהייער? — וואס האט איהר צו מיר? וואס האב איך אייך דען געטאהן?

דער יעזואיט האט זיך צולאכט מיט א ביטערן געלעכטער.

— אזוי? איהר האט מיר גארנישט געטאהן? — איהר פערגעסט, הערר פירסט, אז איהר האט ביי מיר אוועקגערויבט מיין ראכע! איך האב געוואלט, אז דיא שוועסטער זאל זעהן, וויא מען דערשיעסט דעם ברודער. — איהר האט זיך געשטעלט מיר אין וועג; איך האב געוואלט צווינגען יענע פרוי, זיא זאל מיך ליעבען, — איהר האט זיא ביי מיר אוועקגענומען! מיינט איהר, אז איך האב עס פערגעסען? — מיינט איהר, אז איך וועל עס פערשווייגען? — נו, דאן קענט איהר ניט דיא שפאניער!

— שורקע! טויגעניכטס! פערדאמטער יעזואיט! האט דער פירסט אויסגערופען אויסער זיך. איך הער דיך ניט! טהו, וואס דוא ווילסט, איך לאך פון דיר!

— לאכט ניט, מיין גנעדיגער פירסט! האט דער יעזואיט געענטפערט קאלט. פראבירט נור לאכען און מען וועט באלד געוואהר ווערן אין אלע לענדער, וואו מען קען אייך, אז איהר האט פערפיהרט אן אונשולדיגעס מעדכען אויף העלגאלאנד און האט פון איהר א באסטארד (א ממזר).

דער פירסט איז געווארען אזוי אויפגערעגט, אז ער איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן יעזואיט און האט געוואלט איהם אנהאפען ביים האלז. דער יעזואיט אבער האט ארויסגעהאפט דעם יאטאגאן, וועלכען ער האט גענומען ביי באלטמאן און האט איהם געוויזען דעם אויפגערעגטען פירסט.

— דיעזער יאטאגאן איז פערגיפטעט, האט ער געזאגט קאלטבליטיג. — איין קראץ מיט דיעזען אייזען און איהר זייט א טויטער!

דער פירסט האט באלד איינגעזעהן, אז מיט א יעזואיט איז ניט אזוי לייכט צו קעמפפען. ער איז אניעדערגעפאלען אויף א שטיינערנע באנק און האט אנגעהויבען צו זיפצען. — דער יעזואיט איז געבליעבען שטעהן רוהיג און קאלטבלוטיג לעבען איהם.

— וואס ווילט איהר פון מיר? האט דער פירסט ענדליך אנגעהייבען צו בעטען. זאגט מיר, וואס פערלאנגט איהר פון מיר? — איך וועל טאהן אלעס, וואס איהר וועט פון מיר פארדערן.

— איך קען אייך טייטען, איך קען אייך פערניכטען, האט דער יעזואיט געזאגט רוהיג און לאנגזאם. וואס איז אבער דער טויט? איינינע מינוטען שמערץ, ניט מעהר! — דאס טויג מיר ניט. — איך האב געליטען דורך אייך, יעצט מוזט איהר ליידען דורך מיר. איך קען ניט האבען דאס, וואס איך ליעב; איהר דארפט אויך ניט האבען דאס, וואס איהר ליעבט. איהר דארפט קיין מאל ניט וויעדערזעהן אייער געליעבטע אננא און איהר קינד. — איהר וועט מוזען טאהן אלעס, וואס אונזער היילינער ארדען וועט אייך הייסען.

— אויף קיין פאל! האט דער פירסט אויסגערופען: איך וויל ניט זיין דער ניעדעריגער דיענער פון דיא יעזואיטען!

— איהר ווילט ניט? — נו, דאן וועלען מיר אייך צווינגען! זאגט נור, אז איהר ווילט ניט און מארגען פריה ליעגט געגען אייך א קלאגע אין געריכט פון דער שטאדט האמבורג, אז איהר האט אנגענומען א פרעמדען נאמען און האט פערפיהרט אן אונ־שולדיגעס מעדכען.

דער פירסט האט געבראכען דיא הענד פאר פערצווייפלונג.

— עס איז אונמעגליך! האט ער געוויינט. איך קען עס ניט!

— איהר מוזט, מיין גנעדיגער פירסט! איהר מוזט און ווערט מוזען טאהן אלעס, וואס מען ווערט אייך הייסען. דערווייל טארט איהר ניט צוריקפאהרען אויף דיא אינזעל העלגאלאנד; איהר טארט ניט וויעדערזעהן אננא מיט איהר קינד, זא לאנג איהר ווערט לעבען. זיא דארף ניט וויסען, ווער איהר זייט און וואו איהר זייט אהינגעקומען. שפעטער ווערט מען אייך שוין זאגען, וואס איהר זאלט ווייטער טאהן.

דער אונגליקליכער פירסט האט איינגעזעהן, אז ער איז יעצט ביי דיא יעזואיטען אין דיא הענד. ער האט שוין לאנג געלעזען זעהר פיעל און געהערט זעהר פיעל איבער דיא יעזואיטען; ער האט זיי אבער ניט געקענט. ערשט יעצט האט ער געזעהן, אז מיט יעזואיטען טאר מען ניט שפאסען.

— גוט! איך וועל טאהן אלעס, וואס איהר ווערט מיר הייסען, האט דער פירסט געזאגט, וויא אזוי אבער איז עס מעגליך, איך זאל פערשווינדען? — אננא ווערט ניט שווייגען. זיא ווייס, אז איך בין געפאהרען קיין האמבורג. זיא ווייס, אין וואס פאר א האטעל איך בין אפגעשטיעגען אין האמבורג; זיא ווייס ענדליך, אז איך דארף זיין אין האטעל שטרייט. זיא ווערט אויפרופען דיא גאנצע האמבורגער פאליציי. זיא ווערט צושיקען מיין פארטרעט אין אלע צייטונגען. זיא ווערט איבערקעהרן דיא וועלט. זיא ווערט ענדליך געוואהר ווערן אז איך לעב נאך.

דער יעזואיט האט א קוק געטאהן אויף דיא הייזער, וועלכע שטעהן ארום פארט און האט פערגלאצט דיא אויגען צום הימעל.

— גאט און דיא הייליגע מאריע וועלען אייך ווייזען וואס צו טאהן.

ער האט געמאכט א גרויסען קרייץ איבער'ן פירסט'ס געזיכט.

50טער קאפיטעל.

פייער! פייער!

דער פירסט איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. פלוצלונג האט זיך געוויעזען א העלער שיין ערגעץ ביים פארט. — עס איז געווארען העלער און העלער. דער גאנצער הימעל איז געווארען רויט וויא בלוט.

— וואס איז דאס? האט דער פירסט געפרעגט.

— פייער! פייער! האט מען געהערט שרייען פון אלע זייטען.

ווייא וויט דער פירסט איז געוועזען בעקאנט מיט דער שטאדט, האט זיך איהם אויסגעוויעזען, אז דאס פייער האט אויסגעבראכען אויף דער דייך שטראסע, אויפ'ן האפען מארק. באלד אבער האט זיך געוויעזען פייער אין א גאנץ אנדערער געגענד. מענשען זיינען געלאפען, וויא דיא וואהנזיניגע. אויף אלע קירכען האבען דיא גלאקען געקלונגען.

דאס פייערוועהר איז געלאפען. — וואוהין אבער? — דאס האבען זיי אליין ניט געוואוסט. עס האט אנגעהויבען צו ברענען אין פינף ערטער, אין צעהן ערטער מיט א מאל. דער שטארקער ווינד, וועלכער איז גראדע אנגעקומען פון'ם מעער, האט צו־בלאזען דאס פייער און האט עס צושליידערט איבער דער גאנצער שטאדט. פון אלע גאסען האט מען געהערט געשרייען, געוואלדען, יאמערן און וויינען.

דיא דערשראקענע איינוואהנער זיינען ארויסגעלאפען אין דיא העמדער אויף דער גאס. פרויען האבען געזוכט זייערע קינדער, ברידער — זייערע שוועסטער; קינדער — זייערע עלטערן.

דער פירסט האט זיך אומגעקוקט. — דער שפאניער איז פערשוואונדען! — אלס מענש האט עס איהם פערקלעמט ביים הארצען און ער האט געוואלט לויפען העלפען רעטען. — וואוהין אבער זאל ער לויפען? — ער האט אקוק געטאהן אויף דיא זייט שטאדט, פון וואנען ער איז נור וואס אוועקגעגאנגען — דארט ברענט אויך!

— איז דאס א צופאל, אדער האבען עס מענשען געטאהן? האט ער געמור־מעלט. — עס איז קיין צופאל! עס ברענט פון אלע זייטען. — קענען זיך געפינען אויף דער וועלט אזעלכע שלעכטע מענשען, וועלכע זאלען צוליעב געלד אדער אנאנדערן נוצען אונטערצינדען א גאנצע שטאדט און ברענגען טויט, עלענד, נויט, הונגער און ארימקייט טויזענדער אונשולדיגע מענשען?

פירסט ליבנאווסקי האט נאך ניט געקענט דיא יעזואיטען.

„דער צוועק הייליגט דיא מיטעל," איז דאס מאטטא, דער שפרוך פון דיא יעזו־איטען. אלע מיטעל זיינען ערלויבט, ווען זיי פיהרען נור צו זייער צוועק. גאנצע שטעדט מעגען פערברענט ווערן, מיליאנען מענשען מעגען אונטערגעהן! — וואס הארט עס דעם יעזואיט? ווען גאט און דיא הייליגע קירכע וועט נור דערביי געווינען, איז אלעס ערלויבט.

דאס פייער האט זיך אנגעהויבען אויפ'ן האפען מארק און א ציגארען געשעפט. דיא פייער־וועהר איז באלד געלאפען אהין, עס איז אבער נאך ניט אנגעקומען אויפ'ן ארט, ווען מען האט שוין געקלונגען און געשריען פייער אין אנאנדערער גאס. דיא פייער־וועהר האט זיך צוטהיילט. אייניגע זיינען געלאפען צום ציגארען געשעפט, דיא אנדערע זיינען געלאפען צום צווייטען פייער, ווען מען האט דערזעהן רויך און פלאמען אין א דריטען, אין א פירטען און אין א פינפטען ארט. — וואוהין מען האט זיך אומ־געקוקט, האט מען געזעהן שווארצע וואלקען רויך און רויטע פלאמען ארויפגעהען צום הימעל.

דאס איז געוועזן דאס שרעקליכע פייער פון האמבורג!*) דאס פייער־וועהר איז

*) איך בעשרייב דא א וואהרען פאקט פון דער וועלט געשיכטע. אין דער נאכט פון'ם פינפטען אויפ'ן זעקסטען מאי 1842 איז אויסגעבראכען אין האמבורג א פייער, וועלכער האט געדויערט גאנצע דרייא טעג. — דרייא טעג נאך אנאנד האט דיא שטאדט געברענט. פאר דעם מענשען, וועלכער איז בעקאנט מיט דער שטאדט האמבורג וויל איך בעשרייבען, וועלכע גאסען און וועלכע טהיילען שטאדט זיינען דאמאלס אפגעברענט געווארען. פון איינס אוהר ביי נאכט דעם זעקסטען מאי ביז זיעבען אוהר אין דער פריה זיינען אפגעברענט געווארען: דער האפפען

ענדליך געווארען אזוי מיעד און אזוי שוואך, אז דיא פייער=לייטע זיינען געפאלען אין אהנמאכט און זיינען געבליעבען ליעגען, וויא טויט. דיא איינוואהנער פון דער שטאדט האבען איינגעזעהן, אז מען קען פון זיי מעהר ניט ערווארטען און יעדער איז געווארען א פייערמאן. יעדער האט געשעפט וואסער און האט געגאסען, וואו עס איז איהם אויסגעקומען. — עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. קוים האט מען אפגעלאשען דאס פייער אין איין ארט, האט זיך אנגעצונדען א גאנצע רייהע הייזער אין אנאנדער ארט.

דעם 6טען מאי אום צוועלף אוהר האבען דיא פייערפערזיכערונגס=געזעלשאפטען ארויסגעגעבען צירקולארע, אז זיי קענען ניט צאהלען דיא פערזיכערטע געלדער. דאס איינציגע וואס זיי קענען טאהן, איז נור אז יעדער, וועלכער האט ביי זיך געלד אדער טהייערע זאכען, זאל עס ברייגנען צו זיי און זיי וועלען עס בעהאלטען אין זייערע שטארקע, געוועלבטע קעללערס.

דיעזע ערקלערונג פון דיא פייערפערזיכערונגס=געזעלשאפטען האט נאך מעהר

מארק, דאס ראַטה=הויז מיט אלע געסלעך ארום, דיא אלטע בעריזע, דיא בערזענהאללע מיט אלע גאסען ארום ביז צו דער קליינער אַלסטער.

דיא בעריהמטע סאנקט=ניקאלאַי קירכע, דיא בעריהמטע אלטע סאנט=גערטרוד קירכע, דיא אלטע, וועלט=בעריהמטע אידישע סינאגאָגע און נאך פיעלע אנדערע מערקווירדיגע געביידען זיינען אין א קורצע צייט געווארען א הויפען אַש. הונדערטער מענשען האבען פערלארען זייער לעבען. אייניגע זיינען פערברענט געווארען אין זייערע הייזער, אנדערע זיינען דערהרגעט געווארען אין דער צייט, וואס זיי האבען געוואלט לעשען דאס פייער. צעהנער טויזענדער מענשען האבען פערלארען זייער גאנצעס פערמעגען און האבען דעם אנדערן טאג ניט געהאט קיין ראק צו בעדעקען זייער נאקעטען קערפער.

דאס מערקווירדיגע ביי דיעזעס פייער איז געוועזן, אז דאס פאלק, דיא מאסע, האט געפיהלט, אז דאס פייער איז אויסגעבראכען ניט דורך א צופאַל, זאנדערן דורך מענשען הענד. דאס פאלק האט ניט געוואוסט, ווער עס האט אונטערגעצונדען דיא שטאדט. — עס האט אבער געפיהלט — עס האט דערשמעקט, ווער עס האט עס געטאהן.

דעם זעקסטען מאַי אין דער פריה זיינען ארומגעלאפען אין דיא גאסען פערווילדערטע, דערשראקענע, פון רויך און רוס (סאזשע) פערשווארצטע מענשען און האבען געשריען: טויטעט דיא ענגלענדער! זיי האבען אונטערגעצונדען האמבורג! — זיי ווילען פערניכטען דעם האנדעל און דעם רייכטהום פון אונזער שעהנער שטאדט האמבורג!

אזוי וויא אין האמבורג געפינען זיך שטענדיג פיעלע ענגלענדער און דאמאלס זיינען פיעלייכט געוועזן מעהר ענגלענדער אין שטאדט, וויא געוועהנליך, וואלט זיך געוויס אנגעהויבען א שרעקליכע מערדעריי. מען וואלט געוויס געוועזן געטויטעט יעדען ענגלענדער, וועלכען מען וואלט געטראפען אין דיא גאַסען.

דער סענאט פון האמבורג האט זיך פערזאמעלט גאנץ פריה אין א קירכע. זיי האבען אויסגעקליעבען א דיקטאטאר, א מענשען, וועלכען זיי האבען געגעבען דיא מאכט צו טאהן, וואס ער וועט וועלען.

דער דיקטאטאָר האט באלד ארויסגעשיקט קוריערן קיין בערלין, קיין ברעמען און קיין מאגדעבורג. ער האט געפאָדערט, אז מען זאל איהם שיקען מיליטער.

ווען איך זאל וועלען בעשרייבען דאס פייער פון האמבורג מיט אלע זיינע שרעקליכע סצענען, וואלט איך געדארפט אנשרייבען א גאנצעס בוך דאריבער. איך וועל עס בעשרייבען נור אזוי ווייט, וויא פיעל עס איז נעטהיג פאר מיין ערצעהלונג.

א. טאנענבוים.

אויפגערייצט דאס פאלק. עס האבען זיך אנגעהויבען שלעגערייען און מערדערייען אין די גאסען. בעזאנדערס בייז איז דאס פאלק געווען געגען די פרעמדע. קוים האט מען דערזעהן א פרעמדען, אן אויסלענדער, א מענשען, וועלכער האט ניט געקענט רעדען דייטש, האט מען איהם געשלאגען געהרג'ט.

דער בירגערמייסטער און דער סענאט פון האמבורג האבע געטאהן, וואס זייא האבען געקענט. זיי האבען צושיקט עסטאפעטען און קוריערען אין אלע גרויסע שטעדט מיט א געבעט, מען זאל זיי קומען העלפען. קיינע אייזענבאהנען און קיינע טעלעגראפען זיינען נאך דאמאלס ניט געווען.

ערשט פארנאכט זיינען אנגעקומען ארטילעריע און פייערלייט פון ברעמען, בערלין און מאגדעבורג. דער דעקטאטאָר האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז קוים וועט זיך אנצינדען אגרויס הויז, זאל מען עס צושיעסען מיט קאנאנען, אום דאס פייער זאל זיך ניט פערברייטען ווייטער.

אין די גאסען זיינען ארומגעגאנגען פאטרולען פון פרייסישע סאלדאַטען, וועלכע האבען געדארפט האלטען ארדנונג אין די גאסען. דאס פאלק איז אבער געווען אזוי גערייצט און אזוי אויפגערעגט, אז קוים זיינען די פאטרולען אוועקגעגאנגען פון אן ארט, האט זיך באלד אנגעהויבען א געשלעג.

אין אבערדארפער שטראסע האט דאס פאלק געחאפט צווייא ענגלישע מאט־ראזען און האט זיי אריינגעווארפען אין די פלאמען פון א ברענענדעס הויז. די אונ־גליקליכע זיינען פערברענט געווארען.

א שרעקליכעס פייער איז פלוצלונג אויסגעבראכען אויפ'ן יונגפרענשטעג לעבען דעם בעריהמטען באסען. (ווער עס איז געווען אין האמבורג, דער האט געוויס געזעהן, אז אין דער מיט שטאדט געפינט זיך א גרויסער טייך (אן אַזיערא) דער באסען. דאס איז איינער פון די שעהנסטע פלעצע אין האמבורג).

אלע זיינען געלאפען לעשען און רעטען די הייזער ארום באסען. טויזענדער מענשען האבען זיך געדרענגט ארום באסען. מייסטענס זיינען עס געווען מענשען, וועלכע האבען געוואלט העלפען לעשען אדער רעטען, וואס מען האט געקענט. עס האבען זיך אבער אויך געפונען מענשען, וועלכע זיינען געקומען רויבען און מארדען.

פירסט ליכנאווסקי איז דעם גאנצען טאג ארומגעלאפען, ווייא א וואהנזיניגער. ער האט געהאלפען וואו ער האט געקענט, האט געראטעט, וואס ער האט געקענט און האט געטאהן אלעס, וואס ער האט נור געקענט טאהן. ער האט פערגעסען אן דעם שפאנישען יעזואיט; ער האט פערגעסען אן זיין פרוי, דאניא קסימענע; ער האט פערגעסען זיין צווייטע פרוי, אננא שווארץ. — ער האט פערגעסען אלעס אין דער וועלט. ער האט געוואוסט נור איין זאך — העלפען און רעטען די אונגליקליכע.

פאר נאכט איז ער געווארען אזוי מיעד, אז ער האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס. ער האט געטראפען ערגעץ א רעסטאראן, איז אריינגעגאנגען און האט גע־הייסען זיך געבען עפעס עסען. קוים האט ער אראפגעשלונגען עטליכע ביסען, האט מען דערהערט א שרעקליכעס געשריי:

— פייער! פייער! רעטעט! העלפט!

דער רעסטאראן, אין וועלכען ער האט געגעסען, האט זיך אנגעצונדען. אלע זיינען ארויסגעלאפען. פירסט ליבנאווסקי האט געלאזען שטעהן דעם טעלער אויפ'ן טיש און איז אויך ארויסגעלאפען אין דרויסען. דער רעסטאראן איז גראדע געשטאנען אין א ווינקעל פון דעם יונגפערנשטעג. פון דיעזען ווינקעל זיינען זיך צוגאנגען צוויא גאסען. דער גאנצער ווינקעל האט געברענט, מען האט געמוזט לעשען פון ביידע גאסען.

עס זיינען אנגעלאפען מיליטער און א גרויסע מענגע מענשען. דיא אפיציערן פון דער פרייסישער ארטיללעריע האבען זיך בעראטהען איינגע מינוט און האבען בעשלאסען צו שיעסען אויף דיא צוויא ברענענדע הייזער מיט קאנאנען. דערמיט האבען זיי געוואלט פערהיטען, אז דיא אנדערע הייזער זאלען ניט ברענען.

פירסט ליבנאווסקי האט געזעהן, אז ער האט דא מעהר ניט וואס צו טאהן און האט געוואלט אוועקגעהן, אבער איידער ער האט זיך אומגעקוקט, איז ער געווען ארומגערינגעלט פון א גרויסען הויפען מענשען. אלע האבען געשריען און געליארמט:

— מערדער! אונטערצינדער! ענגלישע הינט! ווארפט זיי אריין אין פייער!

ער האט זיך אומגעקוקט און האט געזעהן, וויא צוויא מענשען לויפען און א באנדע פון עטליכע הונדערט מענשען לויפען זיי נאך און שרייען:

— מערדער! ווארפט זיי אריין אין פייער!

אזוי וויא עס איז שוין געווען פינסטער און דער רויך פון דיא ברענענדע הייזער האט פארשטעלט און פעדעקט אלעס, איז עס געווען אונמעגליך צו זעהן דיא געזיכטער פון דיא צוויי מענשען, וועלכע דיא מענגע האט פערפאלגט.

איינער פון דיא צוויי איז אריינגעלאפען ערגעץ אין א טויער און איז פערשוואונדען געווארען, דער אנדערער אבער איזווירקליך ניט געווען בעקאנט אין שטאדט און איז געלאפען, וויא א וואהנזיניגער. א שטארקער מאטראז איז איהם פערלאפען פאראויס און האט איהם פערשטעלט דעם וועג. דיא מענגע איז איהם נאכגעלאפען.

דער פרעמדער האט געזעהן, אז ער איז פערלארען. ער האט זיך אנגעשפארט אן א וואנד פון א הויז, האט ארויסגעכאפט א שארפען, קרומען שווערד (יאטאגאן) פון אונטער זיין מאנטעל און האט אנגעהויבען זיך צו וועהרן מיט איהם.

— אוועק פון מיר, איהר שורקען! האט ער געשריען אויף ענגליש. איהר וואגט עס אנצוגרייפען אן אונשולדיגען מענשען? — איהר וועט מיך אזוי גיך ניט קריעגען! ניט איינער פון אייך וועט שטארבען פון דיעזען יאטאגאן!

דיא מענגע איז געבליעבען שטעהן. פאר א שארפען יאטאגאן האט מען דאך מורא. אין אנאנדער צייט וואלט זיך דיא פאליציי אריינגעמישט, יעצט אבער האט געהערשט דאס ווילדע, גערייצטע און אויפגערעגטע פאלק, דיא מאסע, וועלכע ווייס פון קיין שוינונג און קיין ערבארמען.

איינגע מינוטען איז דיא מענגע געבליעבען שטעהן פאר דעם שארפען, געשליפענעם יאטאגאן. באלד אבער האט זיך געפונען א מוטהיגער בעקער געזעלע, וועלכער האט זיך געשטעלט געגען דעם פרעמדען.

— ער איז אן ענגלענדער! האט דער יונגער קרעפטיגער בעקער אויסגערופען. ווארפט איהם אריין אין פייער!

ער האט פריהער אפגערעדט מיט נאך א פאר שטארקע קערלע, אז ער וועט פראבירען אנפאלען אויפ'ן ענגלענדער פון איין זייט. דער ענגלענדער וועט זיך וועלע פערטהיידיגען און וועט זיך אומקעהרען צו איהם. דאן זאלען זיי אויף איהם אנפאלען פון הינטען. אום זיך צו שיצען געגען יאטאגאן האט דער יונגער בעקער ערגעץ אויסגעזוכט א ברעט און האט זיא בענוצט אלס א פאנצער און אלס א וואפע.

דיעזער פלאן איז פאלקאמען געלונגען. דער בעקער גיזעלע, איז אנגעפאלען אויף איהם פון פארנט. דער פרעמדער האט געוואלט זיך פערטהיידיגען מיט זיין יאטאגאן, דערוויל זיינען אנגעפאלען אויף איהם עטליכע מאטראזען פון הינטען. אין א מינוט איז ער געלעגען אויף דער ערד געבונדען, וויא א שעפס.

דעם פירסט ליכנאווסקי האט עס פערקלעמט ביים הארצען. ער האט זיך דורכגעדרענגט דורך דיא מענגע און איז צוגעקומען צום אונגליקליכען.

— הייליגע מוטער גאטעס! רעטע מיך פון דיעזע אונגלויביגע! האט געקרעכצט דער אונגליקליכער.

— א קאטויליק! אן אירלענדער! האט געברומט דיא מענגע, ווארפט איהם אריין אין פייער!

דער אונגליקליכער האט אנגעהויבען צו רעדען עפעס אויף אנאנדערע שפראכע, אויף שפאניש. דער פירסט האט א ציטער געטאה. איהם האט זיך אויסגעוויעזען, אז דיעזע שטימע איז איהם בעקאנט. — זאל עס זיין דער שפאנישער יעזואיט? — איז עס פיעליייכט דער זעלבער מענש, וועלכער וויל צערשטערן זיין לעבען און פערניכטען זיין גליק? — ווער וויים? פיעלייכט איז עס אן אונגליקליכער, אונשולדיגער מענש, וועלכער וויים פון גאר נישט? — דאס פאלק איז אויפגערעגט, ווען מען וועט זיך שטעלען געגען איהם, וועט זיך עס פערהאלטען רוהיג; קוים אבער וועט מען דערלאזען אזעלכע שרעקליכע זאכען, וועט עס ווערען ווילד און קיינער וועט ניט זיין זיכער פאר איהם. דאס פאלק איז ווילד, דאס פאלק איז גראב.

ער האט זיך געווענדעט צו דער ווילדער מענגע און האט אויסגערופען.

— וואס טהוט איהר וואהנזיניגע מענשען? — זעהט איהר דען ניט, אז דיעזער מאן איז קיין ענגלענדער? הערט איהר דען ניט, אז ער רעדט שפאניש? — דאס איז א שפאניער! — לאזט איהם אפ! וואס האט איהר צו איהם? ווער האט אייך געזאגט, אז ער איז אן אונטערצינדער?

ער איז צוגעלאפען צום פרעמדען און האט זיך געשטעלט פאר איהם, וויא אן אייזערנע וואנד.

— ווער איז דער? האט געשריען דיא ווילדע מענגע. וואס וויל ער? — ווארפט איהם אויך אריין אין פייער! — ער האט אויך געהאלפען אונטערצינדען!

שטארקע הענד האבען זיך אויפגעהויבען. לאנגע מאטראזענמעסער האבען געפונקעלט אין דער לופט. שטיקער האלץ, שטיינער האבען זיך אויפגעהויבען. — דער פירסט האט געזעהן מיט שרעק, אז ער איז פערלארען. וואס קען טאהן איין מענש

געגען א ווילדע, אויפגערעגטע און אויפגערייצטע מענגע? — ער האט זיך אויסגעדרעהט מיט זיין געזיכט צום ברענענדען רעסטאראן.

— סטאפ! קאמעראדען! האט פלוצלונג אויסגערופען א יונגע פעסטע שטימע. איך קען דעם מאן! ער וואהנט אויף אונזער אינזעל העלגאלאנד! — עס איז קיין אונטערצינדער! — לאזט איהם אפ! ער איז א לאנדסמאן!

דער פירסט האט דערקענט דיא שטימע. דאס איז געווען טאם יאנסען, ער האט זיך געווענדעט צו איהם און האט אויסגערופען:

— איך דאנק דיר, טאם! — העלף מיר, גוטער טאם, רעטען דיעזען אונגליבען! איך וויים ניט, ווער ער איז. איך וויים אבער, אז ער איז אונשולדיג! ניט ער האט אונטערגעצונדען דיעזע הייזער!

טאם האט יעצט בעסער געקענט דעם באראן פאן רהיינסבערג — דעם פירסט ליבנאווסקי. —

— לאזט איהם אפ קאמעראדען! האט ער געשריעען מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע שטארקע לונגען. דער מאן איז קיין ענגלענדער! —

דיא מענגע האט אבער גאר ניט געוואלט הערן. זיא איז געווען אזוי גערייצט און אזוי אויפגערעגט, אז זיא האט פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען.

—ווארפט איהם אריין אין פייער! האבען געברומט הונדערטער שטימען. ער איז אן אונטערצינדער.

א הויכער און קרעפטיגער נארוועגער איז ארויסגעטרעטען און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— זעהט איהר דען ניט, אז ער איז א קאטויליק, א יעזואיט? — ער האט עס אליין אויסגעזאגט. דיא קאטויליקען זיינען אלע מערדער און אונטערצינדער! — ווארפט איהם אריין אין פייער!

— איך וועל עס ניט דערלאזען! האט טאם געשריען.

— האלט דאס מויל, אדער דוא וועסט מוזען אויפקלויבען דיינע בייסער (דיינע צעהנער) פון דער ערד! האט געשריען דער נארוועגער מאטראז.

עס וואלט געוויס געקומען צו א געשלעג. פלוצלונג אבער האט מען דערהערט דעם שלאג פון פויקען. עס איז אנגעקומען א ראטע פרייסישע ארטילעריע.

— צוגעהט אייך, מענער! האט קאמאנדירט דער אפיציער. — אים נאמען דעם געזעצעס! — רעכטס! מארש! — געוועהר האך!

לעבען אפיציער האט מען געזעהן א דיקען האמבורגער קויפמאן. דאס איז גער וועזן דער בעקאנטער באנקיר, העררן באלטמאן. ער האט געוויינט, אז דורכ'ן פייער האט ער פערלארען זיין גאנצעס פערמעגען. זיינע הייזער זיינען אפגעברענט און זיינע מאגאזינען זיינען צערשטערט און פערניכטעט.

דער פרייסישער אפיציער האט ניט געשפאסט. ער האט קאמאנדירט זיינע סאלדאטען:

— געוועהר — בע — רייט! שיעסט, ווען דאס פאלק וועט זיך ניט צוגעהן! דיא מענגע האט געזעהן, אז מען שפאסט ניט, און איז זיך צולאפען.

— יעצט איז דיא בעסטע צייט צו רעטען דיעזען קערל, האט טאם יאנסען געזאגט צו זיין פריינד, דעם באראן רהיינסבערג.

ער האט אנגעחאפט דעם פרעמדען מיט זיין שטארקער מאטראזען האנד און האט איהם אויפגעהויבען. עס איז געווען אונמעגליך איהם צו דערקענען. זיין געזיכט איז געווען אויסגעשמיערט מיט אש און רוס (סאזשע).

— שנעל, הערר באראן! האט טאם אויסגערופען. פיהרט איהם אוועק פון דאנען!

אין דיעזע מינוט איז צו זיי צוגעקומען א דיקער דייטשער קויפמאן.

— איך דאנק אייך, מיין הערר, וואס איהר האט גערעטעט דיעזען מאן. איך קען איהם, ער איז א שפאניער. ער איז אונשולדיג.

דאס האט געזאגט דער יעזואיט באלטמאן.

דער שפאניער איז געווען אזוי צושלאגען און אזוי שוואך, אז ער האט זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס. באלטמאן און פירסט ליבנאווסקי האבען געמוזט איהם נעהמען אונטערן ארים און איהם אוועקפיהרען פון דיעזען שרעקליכען ארט. פון קיין דראשקע, קיין אמניבוס האט אין אזא שרעקליכער צייט קיין רעדע ניט געקענט זיין. מען האט געמוזט געהן צופוס.

דער האמבורגער באנקיר האט זיי געפיהרט דורך דיא בעקער שטראסע, רייך שטראסע, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום יאהאנעאום. דא איז דער גערעטעטער געבליעבען שטעהן, האט אויפגעאטהעמט פרייער, האט זיך אפגעווישט דאס בלוט און דעם שמוץ פון'ם געזיכט און האט זיך געווענדעט צום פירסט!

— גענוג, פירסט פעליסיא! מעהר דארף איך אייך ניט. פון איצט אן צוגעהן מיר זיך אויף פערשיעדענע וועגען. האט איהר זיך ענטשלאסען? ווילט איהר טאהן, וויא איך האב אייך געהייסען?

דער פירסט האט א ציטער געטאהן. ער האט דערקענט דעם מענשען, וועלכען ער האט גערעטעט.

— ער איז עס! האט ער געמורמעלט. דאס איז דער יעזואיט, דאן אנטאניא קארפאס!

דער יעזואיט האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען.

— איהר האט יעצט דיא בעסטע געלעגענהייט, אייער נאמען זאל פערשווינדען, האט ער געזאגט רוהיג און קאלטבלוטיג צו זיין רעטער. הונדערטער מענשען זיינע, אומגעקומען אין פייער. דער נאמען רהיינסבערג דארף אויך פערברענט ווערן. איהר וועט מוזען צוריק ווערן פירסט ליבנאווסקי און טאהן, וואס נאט און זיין הייליגע קירכע וועט אייך הייסען.

— אונגליקליכער, וואס איך בין! האט דער פירסט אויסגערופען, איך האב איהם צום צווייטען מאל גערעטעט דאס לעבען!

— הערר פירסט, איהר שטאלצירט אומזיסט דערמיט, וואס איהר האט גערעטעט מיין לעבען. וואס פאר א ווערטה האט דאס לעבען פון אזא ניעדעריגען דיענער פון דער הייליגער רעליגיאן? — גאט האט אייך געהייסען מיך רעטען און איהר האט

מיך גערעטעט. דאס בעווייזט נור, אז גאט האלט זיין אויג אויף מיך, אז ער האט מיך בעשטימט צו טאהן זיין הייליגען ווילען — איך פאדרער נאך א מאל פון אייך, אייער נאמען זאל פערשווינדען און יענע פרוי אויף דער אינזעל, מיט וועלכער איהר האט געזינדיגט און פון וועלכער איהר האט א באסטארד (א ממזר), זאל קיין מאל ניט הערן פון אייך און ניט וויסען פון אייך.

דער אונגליקליכער פירסט האט אנגעבויגען דעם קאפ.

— מאן אהן הערץ און אהן מענשליכע געפיהלע! האט ער געענטפערט, איך מוז דיר פאלגען מיין גוטע אננא צוליעב און מיין טהייערעס קינד צוליעב!

דער יעזואיט האט אויף איהם געווארפען א בייזען, ווילדען בליק, פול מיט שפאט און פעראכטונג.

— איהר רעדט עפעס פון א קינד, הערר פירסט? האט ער געפרעגט, וואס פאר א קינד מיינט איהר דען? — ווייסט איהר, וואו אייער קינד איז?

דער פירסט האט איהם געקוקט אין דיא אויגען. ער האט ניט געוואוסט, וואס ער מיינט.

— אייער קינד געפינט זיך אין שפאניען, אין א קלויסטער אין דער פראווינץ אנדאלוזיען, ניט אויף דער אינזעל העלגאלאנד.

דער פירסט האט איהם אנגעהאפט ביי דער האנד.

— יעזואיט! מענש! פון וואס פאר א קינד רעדסט דוא? זאג מיר!

— איך רעד פון קסימענעס קינד, פון אייער זוהן, האט דער יעזואיט געענטפערט גאנץ רוהיג.

— אזוי? קסימענע האט געהאט א קינד? א זוהן? האט דער פירסט אויסגע־רופען פערצווייפעלט. — וואו איז ער?

— נוא! דאס וועט איהר שוין ניט וויסען! האט דער יעזואיט געענטפערט פינסטער. — גאט האט געזאגט, אז ער בעשטראפט דיא קינדער פאר דיא זינד פון זייערע עלטערן. אייער זוהן מוז ווערן א דיענער פון אונזער הייליגען גלויבען; ווען ניט וועט ער מוזען ליידען פאר זיינע עלטערן. — וועה אייך און וועה אייער זוהן, ווען איהר וועט זיך אמאל אונטערשטעלען צו זוכען איהם און צו געבען איהם אייער נאמען! — אונזער הייליגע רעליגיאן האט שארפע אויגען. דער הייליגער ארדען וועט וואכען איבער אייך. וואו איהר וועט זיין און וואו איהר וועט זיך קעהרען, וועט איהר שטענדיג זיין בעוואכט פון דיא פרומע ברידער פון אונזער ארדען. איהר מעגט פאהרען צווישען דיא ווילדע אין אפריקא, אדער צווישען דיא עסקימאסען ביים נארד פאל, אונזער ארדען וועט אייך שטענדיג געפינען און וועט אייך בעשטראפען, ווען איהר וועט ניט אויספאלגען אונזערע בעפעהלע.

— שורקע! שלאנג! אונדאנקבארע שלאנג! האט זיך ארויסגעריסען פון פירסט'ס ברוסט. וויא קען עס א מענש זיין אזוי אונדאנקבאר?

— דאנק? — דוא ווילסט א דאנק, מיין פירסט? — דיא הייליגע רעליגיאן וויים נור פון פפליכט, אבער ניט פון דאנק. ווער עס וויל האבען א דאנק פון'ם הייליגען

אָרדען יעזו (פון דיא יעזואיטען) דער מוז טאהן עפּעס פון זיינעט וועגען. דוא אבער מיין פירסט, האסט נאך גאר ניט געטאהן פאר אונז.

דער אונגליקליכער פירסט איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. איידער ער האט זיך אומגעקוקט, איז דער יעזואיט ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען.

ער האט געטאהן, וואס ער האט געדארפט. זיין אויפגאבע האט זיך געענדיגט. קוים איז ער אוועקגעגאנגען עטליכע הונדערט שריט ווייט פון'ם ארט, וואו ער האט געלאזען דעם פירסט, איז ער געבליעבען שטעהן און האט געמורמלט אונטער דער נאז.

— דער נארר! ער האט ניט געקענט דיא גוטע און ליעבע קסימענע! ער פערשטעהט נאך יעצט ניט, וויא קסימענע האט איהם געליעבט! זיא האט ניט געקענט לעבען אהן איהם. זיא איז טויט! איהר קינד אבער לעבט! — איך וועל זעטיגען מיין ראכע אן דיעזען זוהן. — איך האב איהם א נאמען געגעבען פעליסיא, וויא דער פאטער הייסט. ווען איך וועל איהם זעהן, וועל איך מיך דערמאנען אן דעם פאטער.

ער האט זיך דאן געווענדעט צום דייטשען יעזואיט און האט איהם געזאגט אויף פראנצויזיש.

— איך האב שוין געענדיגט אלע מיינע געשעפטע אין האמבורג. איך קען שוין אוועקפאהרען. ווען איהר ווילט, הערר באָלטמאן, שאפט מיר א וואגען מיט פערד און איך וועל אוועקפאהרען נאך היינט ביי נאכט.

— קומט נור מיט מיר, האט באלטמאן געענטפערט, אין א האלבע שטונדע וועט אלעס זיין פערטיג.

ביידע יעזואיטען זיינען יעצט אוועקגעגאנגען אין א וויטען קווארטאל פון דער שטאדט, וועלכער איז נאך ביז אהער געבליעבען פערשוינט פון'ם פייער. — — —

דער פירסט איז געשטאנען איניגע צייט, וויא פערשטיינערט. א שווערע האנד האט זיך אניעדערגעלעגט אויף זיין פּלייצע. דער פירסט האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן טאָם יאנסען.

— האט קיין פּעראיבעל, הערר באראָ, האט דער איינפאכער מאטראז געזאגט מיר דאכט, אז דער מאן איז דאך א שורק!. ווען איהר ווילט, וועל איך איהם נאכלויפען, וועל צונויפרופען מיינע קאמעראדען און וועל איהם ארייגשמייסען אין פייער. ער איז עס ווערטה.

— ווען פאהרסט דוא אוועק, טאם? האט דער פירסט געפרעגט.

— איך האב א בעפעהל ארויסצופאהרען איבערמארגען, האט טאָם [illegible] אונזער שיף ליעגט אין קיקס-האווען. אונזער קאפיטאן האט אונז געהייסען פאהרען קיין האמבורג העלפען לעשען דאס פייער.

דער פירסט האט איהם אנגענומען ביי ביידע הענד און האט איהם צוגעדריקט צו זיין הארץ.

— פאהר געזונדערהייט, גוטער, עהרליכער טאָם! — קום צוריק געזונדערהייט און הייראטהע דאס מעדכען, וועלכעס דוא ליעבסט. דוא וועסט זיין גליקליך, ווייל דוא

וועסט וויסען, אז נור דאס מעער קען דיר אוועקרייסען פון דיין געליעבטער פרוי, אבער ניט דיא שלעכטע מענשען! זיי געזונד, גוטער, עהרליכער טאט!

מיט דיעזע ווערטער איז דער פירסט פערשוואונדען געווארען. ווען טאם איז געקומען צו זיך, האט ער געפיהלט, אז ביי איהם אין דער האנד ליעגט א שווערער בייטעל מיט געלד.

דעם 30טען מאי 1842 איז אין דער צייטונג „האמבורגער נאכריכטען" געווען געדרוקט פאלגענדע אנצייגע.

„אלע מענשען, וועלכע האבען געזעהן אדער געהערט פון'ם באראן פאן רהיינס־בערג, אדער וועלען פון איהם עפעס געוואהר ווערן און וועלען עס מעלדען אין האטעל שווארץ אויף דער אינזעל העלגאלאנד, וועלען בעקומען א גוטע בעלוינונג. ער איז געווען אין האמבורג, ווען דאס פייער איז אויסגעבראכען. דעם 6טען מאי פאר נאכט האט מען איהם נאך געזעהען ניט וויט פון דעם יונגפערן שטעג. זייט דאמאלס האט מען איהם מעהר ניט געזעהן און מען האט פון איהם מעהר ניט געהערט".

51טער קאפיטעל.

אין פראנקפורט אם מיין.

עס איז דער 18טער סעפטעמבער 1848. אין פראנקפורט האבען זיך פערזאמעלט דיא פערטרעטער פון'ם־ דייטשען פאלק אום זיך צו בעראטהען, וויא אזוי איינצוריכטען א פאלקס־רעגיערונג אין דייטשלאנד.

אנפאנגס האט מען גערעדט נור פון א קאנסטיטוציאן, דיא קעניגע זאלען טאקע בלייבען הערשען, וויא פריהער; זיי זאלען אבער ניט טארען טאהן אלעס, וואס זיי ווילען. זיי זאלען מוזען פאלגען דעם געזעץ, דיא קאנסטיטוציאן.

באלד אבער האט מען אנגעהויבען זיך צו איבערלעגען, אז קוים וועט דער קעניג מוזען פאלגען דיא קאנסטיטוציאן, וויא יעדער אנדערער, דארף מען דאך גאר קיין קעניג. עס איז גענוג צו האבען א קאנסטיטוציאן, וויא אין אמעריקא און גענוג.

מען האט דאריבער גערעדט, געשטריטען, דעבאטירט, זיך געקריעגט, ביז מען איז געקומען צו אן אבשטימונג. דיא פראגע איז געווען: אויב דייטשלאנד זאל ווערן א רעפובליק אדער נור קאנסטיטוציאנעלע רעגיערונגען? דיעזע פראגע איז גע־שטעלט געווארען אין דעם בעריהמטען, לעבערליכען דייטשען פארלאמענט אין פראנק־פורט.

מען האט אנגעהויבען צו צעהלען דיא שטימען. 258 שטימען האבען געפאדערט, אז דיא קעניגע און דיא הערשער אין דייטשלאנד זאלען בלייבען, וויא ביז אהער. 237 שטימען האבען געפאדערט, אז מען זאל אבשאפען אלע קעניגע און הערשער. דייטשלאנד זאל ווערן א רעפובליק, וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא. אלזא איין און צוואנציג שטימען זיינען געווען מעהר פאר דיא קעניגע און הערשער.

קוים האט מען געמעלדעט, אז עס זיינען דא מעהר שטימען פאר דיא קעניגע, האבען זיך דיא פרייהייטסקעמפפער, וועלכע האבען געשטימט פאר דער רעפובליק, אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און האבען אויסגערופען:

— צו דען וואפען! מיר וועלען פערטיידיגען דיא פרייהייט מיט אונזער לעבען!
מיט דיעזע ווערטער זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון׳ם פערזאמלונגסזאל.

זייט צוויי מאנאטע, זייט דיא פערטרעטער פון׳ם דייטשען פאלק האבען זיך פערזאמעלט קיין פראנקפורט, זיינען זיך צונויפגעפאהרען קיין פראנקפורט הונדערטער טויזענדער מענשען פון אלע עקען און שטרעקען פון דייטשלאנד.

אלע האטעלס, אלע גאסטהייזער און אַלע פריוואט הייזער זיינען געוועזען פול געפאקט מיט פרעמדע מענשען. מען פלעגט שלאפען אין דיא קארידארען, אויף דיא דעכער, אויף דיא ביידימער, אין דיא קירכען, אין דיא גערטנער און גאנץ איינפאך אין דיא וועגען אויף דער גאס.

עסטעררייך און פרייסען, דיא גרעסטע הערשער פון דייטשלאנד, האבען זיך שטארק דערשראקען, ווען זיי האבען געהערט, וואס אין פראנקפורט טהוט זיך. זיי האבען געשיקט איינינע רעגימענטער סאלדאטען מיט א שטרענגען בעפעהל אונטערצודריקען יעדע רעוואלוציאן.

דיא רעפובליקאנער האבען אבער אויך ניט געשוויעגען. קוים האט מען ניט אנגענומען זייער מיינונג, אז דייטשלאנד זאל ווערן א רעפובליק, האבען זיי געגעבען א בעפעהל צו אלעמען פון זייער פארטיי, אז מען זאל זיך פארבערייטען צום קאמפף.

זייער פלאן איז געוועזען אן איינפאכער. זיי האבען געוואלט ארויסטרייבען פון פארלאמענט אלע מיטגליעדער, וועלכע האבען געהאלטען פאר דיא קעניגע, און בלייבען אליין. דאן וועלען זיי פאסען א בעשלוס, אז מען זאל אפשאפען אלע קעניגע.

ארימע דייטשען! זיי האבען פערגעסען, אז ניט אזוי לייכט רייסט מען אראפ דיא קראנען פון דיא קעפ פון דיא הערשער. ניט אזוי לייכט מאכט מען רעוואלוציאנען!

דעם 18טען סעפטעמבער אין דער פריה האט זיך פערזאמעלט א מענגע מענשען ארום דיא סאנקט פאולס קירכע. יעדער איז געוועזען בעוואפענט, וויא ער האט געקענט. איינינע האבען געטראגען העק, אנדערע מעסערס, אנדער לאנגע, גראבע שטעקענס; איינינע האבען געטראגען ביקסען און פיסטאלעטען.

דער פארלאמענט האט געהאלטען זיין זיצונג אין דער פאולס קירכע. דאס מיליטער האט געדארפט פערטהיידיגען דעם פארלאמענט. דיא מענגע האט געשריען, געליארמט, זיך געדרענגט און געשימפפט אויפ׳ן מיליטער. אין דיא גאסען האט מען אנגעהויבען צו בויען בארריקאדען, וואו מען זאל קענען זיך שיצען און זיך פערטהיידיגען אין פאל, ווען דאס מיליטער וועט וועלען צוטרייבען דאס פאלק.

דיא שטאדט פראנקפורט אם מיין האט אויסגעוויעזען, וויא א פעלד לאגער פאר א קריעג.

לעבען דעם ראטהויז זיינען געשטאנען עטליכע מענשען און האבען גערעדט.

— צום טייפעל! האט אויסגעריפען א הויכער, שטארקער מאן. — צום טייפעל! זיי וועלען דארט אוועקפלוידערן יאהרען לאנג! וואס וועט ווערן דערפון? — לאמיר זיי שלאגען! מיר זיינען גענוג שטארק.

— וואו איז דיא רויטע פאהן? האט אנאנדערער געפרעגט.

— איך האב זיא. איך האלט זיא אנגעגרייט.

— גוט; ראבערט בלום האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט אונז מעלדען, וואס עס טהוט זיך אין פארלאמענט. ער מעלדעט אונז אבער ניט. וואהרשיינליך קען ער עס ניט. ראבערט בלום איז א הייסער רעפובליקאנער.

— אט קומען זיי! האט געשריען א פערטער און האט געוויעזען אויף איינינע פרייסישע אפיציערן, וועלכע האבען זיך דורכגעשטופט דורך דיא מענגע. — אט זיינען זיי, דיא קנעכט פון טיראנייא און דעספאטיזמוס. — דוא האסט א גוטע ביקס, יאהאן! ציעל אויף זיי! דערשיעס זיי, וויא דיא הינט!

— לאז זיך עס פריהער אנהויבען, האט יאהאן געענטפערט. — וואס האבען מיר פון דיעזע ניעדעריגע קנעכט? מיר מוזען האבען צו ערשט דיא גרויסע.

— וועמען מיינסט דוא?

— איך מיין דעם פערדאמטען יעזואיטען, דעם עסטרייכישען פירסט ליכנאווסקי. ער שטעהט עס פאר זיין קייזער, וויא שטאהל און אייזען. — ער איז א פעררעטהער! ער מוז פאלען!

אין דיעזע מינוט האט א יונגער מאן זיך דורכגעדרענגט דורך דיא מענגע. ער איז געוועזען אנגעטאהן, וויא א סטודענט, האט אבער געטראגען א לאנגען שווערד.

— ווער איז דער? האט יאהאן געפרעגט.

— דאס איז א בערלינער סטודענט. ער הייסט מייסנער און איז א גאנץ גוטער רעפובליקאנער. ער האט זיך געשלאגען אין בערלין אויף דיא בארריקאדען און האט אונז נעכטען געוויעזען, וויא צו מאכען בארריקאדען. — אבער שטילל! — אט קומט דער מאן, וועלכען מיר ערווארטען.

א שטארקער ארבייטער אין א בלוזע איז אריבערגעשפרונגען דיא בארריקאדע און איז צוגעקומען צו זיי.

— נו? וואס הערט זיך?

— מען וויל אונז ניט הערן. פירסט ליכנאווסקי לאכט אונז אויס. ער זאגט, אז זיין קייזער, פערדינאנד דער ערשטער וויל נאך גאר ניט זיך אפזאגען פון זיין קרוין נור דערפאר, וואס עטליכע נאררען אין פראנקפורט פערלאנגען עס.

— אלזא, וואס טהוט מען? וואס האבען בעשלאסען דיא אנפיהרער פון דער רעפובליקאנישער פארטיי?

— ראבערט בלום האט געשיקט אייך זאגען, אז אין צעהן מינוטען ארום זאלט איהר אנהויבען צו שיעסען. דיא טיראנען האבען געשיקט א קיריער קיין דארמשטאדט אז מען זאל זיי שיקען קאנאנען. מיר מוזען איינגעהמען דיא שטאדט, איידער דיא ארטילעריע וועט אנקומען. קוים וועט פראנקפורט זיין אין אונזערע הענד, וועט זיך אויפהויבען דאס פאלק אין שטוטגארט, מאנהיים, קאסעל און פיעלע אנדערע דייטשע שטעדט. דיא פאלען פון פאזען און ברעסלוי וועלען צוקומען צו אונז. מיר ערווארטען פיעלע פראנצויזען. דיא רעוואלוציאן וועט זיעגען און דיא פאהן פון פרייהייט וועט וועהן הויך אין דער לופט! — וואס דיא בערלינער האבען ניט אויסגעפיהרט אין פערגאנגענעם מערץ, דאס וועלען מיר אויספיהרען אין פראנקפורט.

דיא מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען ארום איהם, האבען איהם אויסגעהערט ערנסט און ענטשלאסען. ער האט געוואלט אוועקגעהן, האט זיך אבער אומגעקעהרט צוריק:

— אויף א ווילא (דאטשא) ליבען באקענהיימער טויער וואהנט דיא פאמיליע פון'ם עסטרייכישען ערצהערצאג. שיקט אהין פופציג — זעכציג קרעפטיגע און זיכערע מענשען, אז מען זאל געפאנגען נעהמען דיא גאנצע פאמיליע. אין פאל, מען וועט אונז בעזיעגען, וועלען מיר האבען א גייסעל (א משכון) אין דיא הענד. — אויף וויעדערזעהן הייטע אבענד!

קוים איז דער מאן אוועקגעגאנגען עטליכע שריט, האט מען געהערט פויקען און טראמפעטען. דער עסטרייכישער גענעראל גענרעלל, האט אנגעהויבען צו צוטרייבען דאס פאלק. דיא רעוואלוציאן האט זיך אנגעהויבען.

25טער קאפיטעל.

דיא שלאכט.

עס איז געוועז פונקט איינס אוהר, ווען דער עסטעררייכישער גענעראל האט קאמאנדירט צו זיינע אָפיציערן:

— שיעסט אויף דיא רעבעלען! — שוינט ניט קיינעם! אים נאמען פון אונזער גנעדיגען קייזער, פערדינאנד דער ערשטער!

דיא רעפובליקאנער זיינען געוועז פארבערייטעט דארויף. זיי האבען זיך בעהאלטען הינטער דיא בארריקאדען און האבען אנגעהויבען צו ענטפערן אויף דיא בעפעהל פון'ם עסטערייכישען גענעראל מיט ביקסען שיעסע. מען האט געשאסען פון דיא בארריקאדען, מען האט געשאסען פון דיא פענסטער פון דיא הייזער.

ווער עס האט ניט געהאט קיין ביקס, דער האט געווארפען אויף דאס מיליטער שטיינער, שטיקער האלץ, שטיקער אייזען און זאגאר שטיקער בליי.

דיא רעפובליקאנער זיינען געוועז גוט פארבערייטעט. זיי האבען געטייטעט עטליכע עסטעררייכישע און פרייסישע אפיציערן. עס זיינען געפאלען טויטע און פערוואונדעטע פון ביידע זייטען. דאס מיליטער אבער האט מעהר געליטען אלס דאס פאלק. דאס מיליטער איז געשטאנען אויף דער גאס און איז ניט געוועז געשיצט. דאס פאלק האט זיך געשיצט הינטער דיא באריקאדען און אין דיא הייזער.

דריי שטונדען האט געדויערט דער שרעקליכער קאמפף. דיא מיטגליעדער פון'ם פארלאמענט האבען אנגעהויבען צו בעטען דעם עסטעררייכישען און פרייסישען מיניסטער, ער זאל הייסען דאס מיליטער ארויסגעהן פון שטאדט. דער עסטעררייכישער מיניסטער שמערלינג האט געענטפערט, אז ער וועט הייסען דאס מיליטער ארויסגעהן נור דאן, ווען דאס פאלק וועט צונעהמען דיא בארריקאדען און וועט אוועקלעגען דיא וואפען.

דאס פאלק האט ניט געוואלט הערן דערפון און דיא רוהיגע מיטגליעדער פון פארלאמענט האבען קוים איינגעבעטען ביידע פארטייען, אז זיי זאלען זיך רוהיג פער־האלטען אויף איין שטונדע. ביידע האבען געהאפט, אז אין דער צייט פון דיעזער שטונדע וועלען זיי קענען זיך בעסער פארבערייטען.

פערציג מיטגליעדער פון פארלאמענט, מאנארכיסטען — מענשען, וועלכע האבען פערלאנגט, אז דיא קעניגע זאלען בלייבען; זיי זאלען אבער פאלגען, וואס דיא קאנסטיטוציאן וועט זיי הייסען, זיינען געגאנגען יעצט צום עסטערדייכישען ערצהערצאג איהם בעטען, ער זאל הייסען דאס מיליטער ארויסגעהן פון פראנקפורט.

— ווען עס וועט ניט זיין קיין מיליטער, וועט דאס פאלק ניט האבען מיט וועמען זיך צו שלאגען, האבען זיי געזאגט.

אין דער צייט, וואס דיא מיטגליעדער פון פארלאמענט זיינען געגאנגען צום באקענהיימער טויער, וואו דער עסטערדייכישער ערצהערצאג האט געוואהנט, איז אנגעקומען אויפ'ן פלאץ פאר דער פאולס קירכע א רייטער. ער איז אנגעקומען גראדע געגען דיא מיטגליעדער פון פארלאמענט. פיעלע אפיציערן און בעאמטע האבען איהם בעגריעסט.

— וואוהין ווילט איהר פאהרען, פירסט? האט איהם אן עסטרייכישער מאיאר געפרעגט דעם רייטער. — וואס וועט איהר טאהן לעבען דיא בארריקאדען?

פירסט ליכנאווסקי — דאס איז געוועזען דער רייטער — האט א שמייכעל געטאהן.

— דיא קוגעלן און איך זיינען אלטע בעקאנטע. איך גלויב ניט, אז זיי זאלען מיר שאדען.

איך מוז אבער פאהרען.

— וואוהין, פירסט? האט דער אפיציער געפרעגט.

— איך מוז זיין ביים ערצהערצאג; האט פירסט ליכנאווסקי געענטפערט.

— אום גאטעס ווילען! פאהרט ניט! האט דער אפיציער אויסגערופען. מען קען אייך. אלע ווייסען, אז איהר זייט א טרייער און ערגעבענער פריינד פון'ם קייזער. זיי וועלען אייך ניט פערשוינען, דיא לומפען!

דער פירסט האט זיך צולאכט.

— איך זאל מורא האבען פאר שניידער, שוסטער, וועבער און שטיין קלאפער? דאס פאסט ניט פאר א פירסט ליכנאווסקי.

— דוכבלויכט! האט אויסגערופען א יונגער אדיוטאנט, וועלכער איז נור וואס אנגעקומען פון ערגעץ. — איך קום פון דער פאסט. עס ליעגען דארט בריעף פאר אייך. איך האב זיי געוואלט נעהמען און אייך ברענגען. דער פאסט מייסטער אבער האט זיי מיר ניט געוואלט געבען. ער האט מיר געזאגט, אז ער מוז זיי איבערגעבען אייך אין דער האנד.

— גוט! איך וועל פארביירייטען און וועל אפנעהמען מיינע בריעף.

ער האט זיך געווענדעט צום גענעראל נעגרעלל, און האט איהם געזאגט:

— דאס מיליטער מוז בלייבען אין שטאדט! שיעסט זיי, וויא דיא הינד! קיין שוינונג און קיין ערבארמען פאר דיא רעפובליקאנער!

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעלאפען אויף זיין אראבישעס פערד. אין דער זעלבער צייט זיינען צוויא מענער ארויסגעקראכען פון דער בארריקאדע און זיינען לאנגזאם אוועקגעגאנגען אין דער זייט, וואו דער פירסט איז פערשוואונדען געווארען.

אזוי וויא עס איז געוועזען דיא שטונדע, אין וועלכע ביידע פארטייען האבען אויפגעהערט

צו שיעסען, זיינען זיי זיך נעגאנגען גאנץ רוהיג און קיינער האט זיי ניט אויפגעהאלטען.

עס איז שווער יעצט צו זאגען, וואס עס איז דאמאלס געשעהן. האט א פריי־סישער אָפיציער צופעליג געשאסען, אדער האט ער אומיסטען געשאסען אויף א רעפובליקאנער, וועלכען ער האט געקענט און האט איהם אומיסטען געוואלט טייטען.— קורץ, א פריוסישער אָפיציער האט אויסגעשאסען און האט געטראפען א מאן, וועל־כער האט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער באררייקאדע.

דאס האט אזוי אויפגערעגט דאס פאלק, אז מען האט באלד אנגעהויבען צו שיעסען פון אלע זייטען. יעצט איז שוין קיין רעדע ניט געווען פון רוהע און שטיל זיין.

אין דיעזע מינוט איז אנגעלאפען אן אפיציער. ער איז געווען בעדעקט מיט בלוט און שטויב.

— וואס איז געשעהן? האט געפרעגט דער עסטעררייכישער גענעראל.

— עטוואס שרעקליכעס!

— רעדט! דערצעהלט! האט דער גענעראל בעפוילען שטרענג.

— מען זאגט, אז פירסט ליכנאווסקי איז געפאלען!

— פאר וואס? וויא אזוי? האט דער גענעראל געפרעגט.

דער אָפיציער האט ניט געקענט ענטפערן, ווייל אין דיעזע מינוטע זיינען אנגע־לאפען דיא רעבעלען מיט געשרייען:

— עס לעבע דיא פרייהייט! ניעדער מיט דיא טיראנען!

איידער דער גענעראל האט זיך אומגעקוקט, איז שוין געפלויגען א קוגעל און האט איהם דורכגעשאסען דעם הוט. פון דיא באררייקאדען און דיא פענסטער פון דיא הייזער האט מען געשאסען אויף יעדען, וועלכער האט נור געטראגען דעם מונדיר פון א סאלדאט אדער פון א בעאמטען.

דיא רעוואָלוציאן האט ניט געשפאסט. מיט יעדער מינוט זיינען צו געקומען אלס מעהר מענשען. ארבייטער, בויערן, סטודענטען און פיעלע אונבעקאנטע מענשען זיינען אנגעקומען און האבען זיך געשטעלט אין דיא רייהען פון דיא רעוואלוציאנערן. איינינע זיינען געווען גוט בעוואפענט מיט ביקסען און פיסטאלעטען. דיא רעוואלווערס זיינען דאמאלס געווען נאך אזוי ניי, אז ניט אלע האבען געוואוסט פון זיי.

דאס פאלק האט געשריען, געליארמט, געשאסען און פערדרענגט דיא סאל־דאטען. הויך אין דער לופט האט געוועהט א רויטע פאהן מיט אן אויפשריפט: פריי־הייט און גלייכהייט! — דיא קעניגע און הערשער האבען געציטערט.

53טער קאפיטעל.

אלטע בעקאנטע.

אין איינע פון דיא שעהנסטע גאסען פון פראנקפורט געפינט זיך דער האטעל „שוואן", איינער פון דיא שעהנסטע און רייכסטע האטעלס אין דער שטאדט.

פארן האטעל „שוואן" שטעהט יעצט א קארעטע. לאקייען און דיענער פון'ם האטעל טראגען ארויס רענצלעך און קעסטלעך און פאקען זיי איין אין דער קארעטע. צוויי דאמען זיינען ארויס געקומען פון האטעל און האבען זיך ארייגעזעצט אין קארעטע.

א הויבער, נאך גאנץ קרעפטיגער אלטער מאנן מיט א הוט פון א פרייסישען אָפיציער שטעהט לעבען דער קארעטע און רעדט מיט א פרייסישען גענעראל.

— באראָן פאן רעעבעל, איהר ווערט גלייבער טאהן, ווען איהר ווערט הייסען אויסשפאנען דיא פערד און ווערט צוריקגעהן אין האטעל. האט דער פרייסישער גענעראל געזאגט צו אונזער אלטען בעקאנטען, דעם באראָן פאן רעעבעל. — עס איז יעצט גע־פעהרליך ארויסצופאהרען פון שטאדט. דאס פאָלק איז ווילד און אויפגערייצט. מען וועט דערקענען, אז איהר זייט א פרייסישער אָפיציער. אונזערע מונדירען זיינען יעצט זעהר א שלעכטער שוץ געגען דיא קוגעלן פון דיעזער ווילדער מענגע. — מיר ערווארטען מיט יעדער מינוט פרישעס מיליטער. עס וועט באלד אנקומען פרייסישע אדער עסט-רייכישע ארטיליעריע. דאן וועלען מיר וויזען דיא שורקען, וואס עס הייסט פרייהייט.

— מיר קענען ניט בלייבען דא, האט דער באראן פאן רעעבעל געענטפערט. עס רייסט מיר דאס הערץ צו זעהן, וויא דיעזעס ניעדערטרעכטיגע פאלק, דיעזע ארבייטער, דיעזע בויערן און דיעזע אונגליקליכע היצקעפּ, דיא סטודענטען, שענדען אזוי דעם נא־מען פון אונזער גנעדיגען קעניג. — איהר ווייסט ניט, גענעראל, וויא עס קרענקט מיך, ווען איך זעה, אז א הויפען ארבייטער שטעלט זיך געגען אונזערע אָפיציערען. מיינע פרוי און מיינע טאכטער קענען עס אויך ניט איבערטראגען. זיי וועלען קראנק ווערן.

— וויא קומט איהר אבער אהער, הערר פאן רעעבעל?

— מיין טאכטער איז קראנק, זייט עס האט אונז געטראפען דאס אונגליק דעם 18טען מערץ. דיא דאקטוירים האבען איהר געהייסען, זיא זאל פאהרען קיין זאָדען אין ווארם באד. מיין פרוי איז געפאהרען מיט איהר. זיי האבען מיר געשריעבען, אז דיא קור האט זיך געענדיגט, איך זאל קומען זיי אפּנעהמען. מיר זיינען היינט אין דער פריה גע־קומען קיין פראנקפורט און האבען ניט געוואוסט, וואס דא קומט פאר. איך זאל געוועז וויסען, אז אין פראנקפורט וועט אויסברעכען א רעוואלוציאָן, וואלט איך ליעבער געבליעבען נאך א טאג אין זאָדען. אלענפאלס קען איך דא ניט בלייבען. מען קען דאך ניט וויסען, וואס אין בערלין קען פארקומען אין אזא צייט.

— זייט רוהיג, באראן פון רעעבעל! האט דער גענעראל אויסגערופען. איך האב ערשט ניט לאנג ערהאלטען א בריעף, אז דאס פאלק האט בעגריעסט מיט פרייד דאס מיליטער. דער קעניג האט א קוש געטאהן דעם גענעראל ווראנגעל אין שטער, און האט איהם געמאכט פאר אָבערקאמאנדירענדען פון דער גאנצער פרייסישער ארמעע.

— אהה! דאן איז אלעס גוט! האט דער באראן פאן רעעבעל אויסגערופען. דער אלטער ווראנגעל האט פיינט צו שפאסען מיט אזעלכע ניעדערטרעכטיגע רעבעלען. ווען מען זאל איהם שיקען אהער און מען זאל איהם געבען דיא מאכט צו טאהן, וואס ער וויל, וואלט אין איין האלבע שטונדע געווארען אין שטאדט שטיל און רוהיג. איהר זייט ניט שולדיג, ליעבער גענעראל! מען לאזט אייך ניט. דא קאמאנדירט דער עסט־רייכישער גענעראל נעגרעללי. — זייט געזונד, גענעראל! צוטרייבט דיא הינט, דיא רעבעלען! ווייזט זיי, וואס א פרייסישער גענעראל קען!

ער האט געגעבען דעם גענעראל דיא האנד, האט זיך פערנייגט און איז אריינגעגאנגען אין דער קארעטע. קוים האט ער זיך אניעדערגעזעצט לעבען דיא דאמען, האט מען געהערט פויקען און פייפען. דיא פרייסישע ארטילעריע פון דארמשטאדט איז אנגעקומען.

איינינע מינוטען איז געווארען שטיל, וויא אויף א טויטען פעלד.ביידע פארטייען האבען זיך פארבערייטעט צום שרעקליכען קאמפף. באלד האט מען געהערט דאס שרעקליכע קנאקען פון קארטעטשען. דער פרייסישער גענעראל האט געהייסען שיעסען אויף דאס פאלק מיט קארטעטשען און מיט גראנאטען.

דער באראן פאן רעעבעל האט געהייסען דעם קוטשער פאהרען, וויא אם שנעלסטען. — אנטלויפען פון דער אונגליקליכער שטאדט.

עס איז שוין געווארען דונקעל אין דרויסען, ווען דיא קארעטע מיט דער פאמיליע פאן רעעבעל איז צוגעקומען צום פריעדבערגער טויער.

— ענדליך! האט אויסגערופען דער אלטער באראן. ענדליך זיינען מיר וויט פון דיא רעבעלען.

אין דיעזע מינוטע אבער איז אנגעלאפען א הויפען ארבייטער און סטודענטען און האבען ארומגערינגעלט דיא קארעטע.

— דער ערצהערצאג! האט געשריען דיא ווילדע מענגע. דער עסטערר״יכישער ערצהערצאג וויל אנטלויפען! האלט איהם אויף! ער איז פעראנטווארטליך פאר דאס פערגאסענע בלוט! ער האט געהייסען שיעסען אויפ׳ן פאלק מיט קארטעטשען! יעצט וויל ער אנטלויפען! האלט אויף דיא קאנאליע!

דער קוטשער האט אנגעהויבען צו שלאגען דיא פערד אונבארמהערציג. ער האט געהאפט, אז ער וועט זיך אויסדרעהן פון דיא רעבעלען און וועט אנטלויפען. צוואנציג קרעפטיגע הענד אבער האבען אנגעהאפט דיא פערד ביי דיא ציגעל; אנדערע צוואנציג האבען אראפגעשלעפט דעם קוטשער פון זיין הויכען זיץ.

דיא מענגע האט געשריען און געליארמט. דער באראן פאן רעעבעל האט ארויסגעהאפט זיינע פיסטאלעטען און האט זיי געהאלטען בערייט צו שיעסען. זיין פרוי און זיין טאכטער האבען זיך צוריק געווארפען אין דער קארעטע און האבען געוויינט. א יונגער סטודענט מיט א לאנגען שווערד און מיט א רעפובליקאנישע קאקארדע אויפ׳ן הוט איז ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן טריט פון דער קארעטע, האט אויפגעריסען דאס טהירעל און האט אויסגערופען:

— ניט אייך אונטער, קייזערליכע האהייט! עס וועט אייך גאר ניט העלפען! איהר מעגט זיין זיכער, אז מען וועט אייך גאר ניט טאהן, ווען איהר וועט זיך אליין אונטערגעבען. מיר ווילען אייך האלטען נור אלס גייסעל (א משכון), אז דיא סאלדאטען זאלען ניט דערשיעסען דיא געפאנגענע.

— אוועק פון מיר, שורקען! האט געשריען דער באראן פאן רעעבעל. איך וועל דערשיעסען, וויא א הונד יעדען, ווער עס וועט זיך ערלויבען אנצוריהרען אן מיר.

— טויטעט דעם הונד! האט געשריען דיא ווילדע מענגע. ניעדער מיט אלע

קעניגע און מיט אלע הערשער! — מיר דארפען קיין ערצהערצאג! — טויטעט איהם, וויא מיר האבען געטויטעט יענע צוויי אריסטאקראטען.

עס האבען זיך אויפגעהויבען שטארקע, גראבע, פון דער ארבייט הארט געוואָרענע הענד מיט פיסטאלעטען, שטיינער, שטעקענס, שטיקער האלץ און שארפע מעסערס.

— דיעזע שטימע איז מיר בעקאנט! האט אויסגערופען דער סטודענט. — האלט איין, מענער! דאס איז ניט דער ערצהערצאג! דאס איז גאר אן אנדערער! איך קען איהם!

א פאר פיסטאלעטען האבען אויסגעשאסען און האבען געטראפען אין דער שטארקער דעק פון דער קארעטע. ביים שיין פון דיא פיסטאלעטען האט דער סטודענט דערזעהן, ווער עס זיצט נאך אין דער קארעטע.

— ראזאמונדע! האט ער אויסגערופען ניט מיט זיין קול.

— רודאלף! דוא ביסט עס? האט א מעדכען שטימע אויסגערופען אין דער קארעטע.

דיא מענגע איז געווארען ווילד און אונרוהיג. מען האט ארומגערינגעלט דיא קארעטע, וויא מיט אן אייזערנער מויער.

— רודאלף! אים נאמען פון אונזער ליעבע בעשווער איך דיך! — רעטע דעם פאטער! האט ראזאמונדע געשריען.

דאס איז ווירקליך געוועזן דער סטודענט מייסנער, וועלכען מיר האבען שוין א מאל בעגעגענט אין בערלין. ער האט גענומען זיין לאנגעס שווערד און האט זיך געווענדעט צו דער מענגע.

— ריהרט איהם ניט אן! האט ער געשריען. וואס האבען מיר צו טאהן מיט אונשולדיגע מענשען? אוועק פון דאנען! לאזט זיי פאהרען זייער וועג!

— וואס וויל דער פרייסישער הונד? האט געשריען דיא מענגע. ער פערשטעלט זיך נור, אז ער איז א רעפובליקאנער. ער איז א פעררעטהער! טויטעט איהם אויך!

מייסנער האט געוואלט זיך פערטהיידיגען מיט זיין שווערד. א הויבער, קרעפטיגער ארבייטער אבער האט איהם א זעץ געטאהן מיט א שטעקען איבער דער האנד אנאנדערער האט איהם געטראפען מיט א שווערד איבערן קאפ. דאס בלוט האט אנגעהויבען צו רינען איבער זיינע אויגען. ער האט ניט געזעהן מעהר, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. ער האט זיך אבער דאך אריינגעווארפען אין דער קארעטע און האט געוואלט פערטהיידיגען דעם באראן מיט זיין פאמיליע מיט זיין אייגענעם לעבען.

דער באראן מיט זיין פאמיליע וואלט געוויס געטויטעט געווארען, ווען עס זאל ניט געוועזן אנקומען ראבערט בלום, איינער פון דיא אנפיהרער פון דיא רעפובליקאנער און זאל ניט געוועזן אויסרופען:

— וואס שטעהט איהר דא? — זעהט איהר דען ניט, אז דיא פרייסישע רייטער שטעהן ביים טויער? — שנעל! אויף זיי! לאמיר זיי ניט אריינלאזען!

דיא מענגע איז זיך צו לאפען אין אלע זייטען. באלד איז אנגעלאפען אן עסקאדראן עסטעררייכישע הוסארען. דער אלטער באראן פאן רעעבעל איז יעצט ארויסגע־

שפּרונגען פון דער קארעטע. ווען ער האט רערזעהן, אז מייסנער האלט דיא האנד פון זיין טאכטער, איז ער געווארען פול מיט צארן.

— לאזט אפּ דיא האנד פון מיין טאכטער. הערר מייסנער! האט ער אויסגע רופען, לויפט נאך אייערע קאמעראדען! — איך וויל ניט וויסען פון קיין רעוואלוציאָנער!

— פאטער! וואס רעדסט דוא? האט ראזאמונדע אויסגערופען, — ער האט דאך דיר גערעטעט דאס לעבען?

— מיין לעבען איז אין גאטס האנד! האט דער באראן געענטפערט פינסטער.— איך זאג אייך צום לעצטען מאל, געהט אוועק פון דאנען — —

— איך וועל ניט אפּטרעטען פון אייך, ביז איך וועל ניט וויסען, אז איהר זייט אין זיכערהייט, האט מייסנער געענטפערט. — אזוי וויא עס האט זיך שוין אזוי גע־טראפען, אז מיר האבען זיך בעגעגענט, וויל איך בענוצען דיעזע געלעגענהייט אום אייער פאמיליע און נאך איינעם אן אונגליקליכען —

— איך דארף ניט אייער הילף! האט געשריעען דער באראן.

— דיעזע דאמען אבער בעדארפען מיין הילף, זיי זיינען דא ניט זיכער. עס איז דא נאך איינער, וועלכער קען מיך דארפען.

— וואס מיינט איהר? וועמען מיינט איהר?

— איך מיין דעם פירסט ליכנאווסקי.

— ליכנאווסקי? ער איז טויט! איהר האט איהם ערמארדעט!

— ער לעבט נאך, האט מייסנער געזאגט, עס איז פיעלייכט מעגליך, אז מען קען איהם נאך רעטען.

— מערדער! האט זיך געבייזערט דער באראן, פארוואס האט איהר ערמארדעט דעם פירסט?

— ניט איך האב עס געטאהן, האט מייסנער געענטפערט. איך קעמפּף פאר דיא פרייהייט; איך קעמפּף פאר דיא רעכטע פון מיין פאלק, איך מארדע אבער ניט.— עס איז יעצט ניט דיא צייט דאריבער צו רעדען. — דער פירסט איז שווער פערוואונ־דעט. — ער ליעגט דא ניט ווייט אין א הויז. — פיעלייכט קען מען נאך רעטען זיין לעבען, — יעדע מינוט איז טהייער. — ווען איהר זאלט איהם נעהמען אין אייער קא־רעטע, וואלט מען איהם געקענט ברענגען צו א דאקטאר. —

— קומט שנעל, מיין הערר! האט דער אלטער באראן געזאגט צום סטודענט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי און טאכטער.

— איהר קענט דא בלייבען. קיינער וועט ניט וואגען צו בעאונרוהיגען צוויא פרויען.

— אום גאטעס ווילען, רודאלף! דוא ביסט פערוואונדעט, לאז מיר פערבינדען דיין וואונד, האט ראזאמונדע געבעטען.

דער קוטשער איז אונטערדעסען צוריק געקומען. דער באראן פאן רעעבעל האט איהם געהייסען נאכפאהרען נאך איהם. ראזאמונדע האט אונטערדעסען פערבונדען מייסנערס וואונד מיט איהר טאשענטוך.

יעצט איז מייסנער מיט'ן באראן געגאנגען פאראויס און דיא קארעטע מיט דיא

דאמען איז זיי נאכגעפאהרען. אויפ'ן וועג האבען זיי בעגעגענט פיעל מענשען, מייסטענס רעפובליקאנער. דאס מיליטער האט געהאט גענוג צו טאהן אין דיא ערטער, וואו דיא רעפובליקאנער זיינען געשטאנען פעסט און האבען געקעמפפט פאר זייער פרייהייט. אין דיזע געגענד איז יעצט געווען שטיל. מען האט צוואר געהערט פון דער ווייטען שיעסען, שרייען און ליארמען און פון צייט צו צייט איז געלאפען אן אדיוטאנט אויף א ווילדעס פערד, אדער עס זיינען דורכגעלאפען עטליכע ארבייטער מיט פיסטאלעטען אין דיא הענד. געגען דעם וואס עס האט זיך יעצט געטאהן אין שטאדט, האט מען גע־קענט זאגען, אז דא איז שטיל.

דער סטודענט און דער באראן זיינען אוועקגעגאנגען א געוויסע שטרעקע, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א גארטען. ביים אריינגאנג אין גארטען איז געשטאנען א הויז.

— אט דא איז עס, האט מייסנער געזאגט. אין דיעזעם הויז ליעגט פירסט ליכ־נאווסקי.

— אלזא, קומט! לאמיר אריינגעהן! האט דער באראן אויסגערופען.

— ניין, הערר פאן רעעבעל! מיין וועג איז אנאנדערער! — זייט געזונד, הערר פאן רעעבעל! זאגט מיין פאטער, אז איך האב געקעמפפט פאר דאס פאלק, איך בין אבער קיין מערדער! — האט קיין מורא ניט, הערר פאן רעעבעל! זאלאנג איהר און אייער פאמיליע געפינט זיך אין פראנקפורט, וועל איך אייך בעוואכען און וועל ניט דערלאזען, אז מען זאל אייך בעליידיגען.

איידער דער באראן האט צייט געהאט עפעס צו ענטפערן, איז מייסנער פער־שוואונדען געווארען ערגעץ צווישען דיא ביימער אין גארטען.

54טער קאפיטעל.

דיא אפפער.

מיר מוזען זיך אומקעהרן מיט א פאר שטונדען צוריק און דערצעהלען, וואס עס האט פאסירט.

געגען פיער אוהר נאך מיטאג זיינען צוויי רייטער צוגעקומען צום באקענהיימער טויער. דאס זיינען געווען פירסט פעליקס ליכנאווסקי און דער פרייסישער גענעראל־מאיאר פאן אויערסוואלד. דער פירסט האט געהאט א פולע קעשענע מיט בריעף. ער האט געעפענט איין בריעף נאכ'ן אנדערן און האט איהם דורכגעלעזען זיצענדיג אויפ'ן פערד. דיא קאנווערטען האט ער אוועקגעווארפען. וואלט ער ניט געווען אזוי פערטראכט, וואלט ער פיעלייכט בעמערקט, מיט וואס פאר א נייגיערדע מענשען האבען אויפגע־הויבען דיעזע קאנווערטען און האבען זיי איבערגעלעזען.

עס זיינען געווען בריעף פון שפאניען, פון איטאליען, פון בערלין און פון וויען. איינינע בריעף האט דער פירסט באלד צוריסען אויף קליינע שטיקעלעך און האט זיי צו ווארפען אין דער גאס. אייניגע אבער האט ער בעהאלטען אין בוזעם קעשענע.

ווען ער האט איבערגעלעזען אלע זיינע בריעף, האט ער זיך געווענדעט צום גענעראל אויערסוואלד און האט איהם געזאגט אויף פראנצויזיש:

— דא איז אלעס רוהיג. מיר האבען דא ניט וואס צו טאהן. לאמיר פאהרען צו דער ווילא, וואו דער ערצהערצאג וואהנט.

זיי האבען אויסגעדרעהט זייערע פערד און זיינען געפאהרען צום פריעדבערגער טויער. דא איז שוין דיא געגענד געווען לעבעדיגער. עס זיינען געשטאנען רעדלעך מיט מענשען, איינינע האבען גערעדט אין דער הויך. אנדערע זיינען געשטאנען פינסטער, בייז און פערדראסען.

דיא דייטשען האבען אנגעהויבען צו פיהלען, אז אזא קליינעס לאנד, וויא דייטש־לאנד, קען דאך ניט אויסהאלטען זעקס און דרייסיג קעניגע און פירסטען. זיי האבען אבער נאך ניט געוואגט ארויסצוטרעטען אלע מיט א מאל.

ווען דיא רעוואלוציאן האט יעצט געקאכט אין פראנקפורט און דאס פאלק האט זיך געשלאגען אזוי מוטהיג געגען זייערע טיראנען, איז דאס נור געווען דערפאר, וואס קיין פראנקפורט זיינען זיך דאמאלס צונויפגעקומען דיא בעסטע, דיא פעהיגסטע און דיא עהרליכסטע מענער פון דייטשלאנד. פון אלע שטעדט זיינען אנגעקומען דעפוטא־טען פון דיא ארבייטער ארגאניזאציאנען און פון דיא פערשיעדענע פעראיינען.

דער פירסט מיט זיינע בעגלייטער זיינען געריטען לאנגזאם אין דיא גאסען. דער גענעראל פאן אויערסוואלד האט געפיהלט, אז דאס איז דער לעצטער טאג פון זיין לעבען. ער האט שוין איינינע מאל געבעטען דעם פירסט, זיי זאלען רייטען שנעלער און צו קומען צום מיליטער.

זיי זיינען אריינגעפאהרען אין א שמאל געסעל. לעבען א רעדעל מענשען איז גע־שטאנען דיא פרוי פון אן ארבייטער מיט'ן נאמען העגריעטע צאבעל. זיא האט דער־קענט דעם פירסט און האט אויסגערופען:

— אט איז ער! דאס איז דאך דער ליכנאווסקי, וועלכער וויל אונטערדריקען דאס פאלק! דאס איז דער יעזואיט! דער אנדערער איז געווים א פרייסישער שפיאן!

קוים האט זיא ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, האט זיך א הויפען פון עטליכע הונדערט מענשען א ווארף געטאהן אויף ביידע רייטער.

— דאס איז דער יעזואיט ליכנאווסקי! האט מען געשריען. — טייטעט איהם! ניעדער מיט דיא אריסטאקראטען! ניעדער מיט דיא יעזואיטען!

פון וואנען דאס פאלק האט געוואוסט, אז פירסט ליכנאווסקי שטעהט אזוי ענג פערבונדען מיט דיא יעזואיטען, איז אונמעגליך צו וויסען.

מען האט אנגעהויבען צו שיעסען אויף דיא צוויא רייטער און צו ווארפען אויף זיי שטיקער האלץ, שטיינער און וואס מען האט נור געקענט קריעגען. דיא קוגעלן האבען ניט געטראפען, אבער א שטיין האט געטראפען דעם גענעראל אויערסוואלד אין דער רעכטער פלייצע און האט איהם געגיבען אזא שטארקען זעץ, אז ער האט געמוזט ארויסלאזען פון דיא הענד דיא ציעגעל פון זיין פערד.

זיי האבען אנגעהויבען צו אנטלויפען. דיא מענגע איז זיי נאכגעלאפען. וואלטען זיי געלאפען אין שטאדט אריין, וואלטען זיי פיעלייכט געטראפען אן עסקאדראן הוסארען אדער דראגאנער, וועלכע וואלטען זיי פערטהיידיגט. זיי זיינען אבער געלאפען פון דער שטאדט און זיינען באלד אריינגעלאפען צווישען דיא גערטנער. דא זיינען זיי געבליעבען שטעהן און זיינען אראפ געקראכען פון זייערע פערד. זיי האבען גערעכענט אריבערצו שפרינגען איבער א פארקען און זיך בעהאלטען ערגעץ אין א גארטען אדער אין א וויללא.

דיא מענגע איז זיי נאכגעלאפען מיט ווילדע געשרייען: טייטעט דיא אריסטא־קראטען! טייטעט דיא שפיאנען! — ניעדער מיט דיא יעזואיטען!

דער פירסט האט אויפגעריסען דיא ברעטער פון'ם פארקען פון'ם בעריהמטען קונסטגערטנער שמידט און ער מיט'ן גענעראל זיינען אריינגעלאפען צום גערטנער אין שטוב.

— רעטעט אונז! בעהאלט אונז! האט דער גענעראל אויערסוואלד געקייכט.

דער גערטנער שמידט איז ניט געווען אין דער היים. זיין פרוי האט זיך אזוי דערשראקען, אז זיא האט ניט געוואוסט וואס צו מאהן.

— טייטעט דיא אריסטאקראטען! ניעדער מיט דיא יעזואיטען! האט אינטער־דעסען געשריעען דיא מענגע.

דיא פרוי איז ענדליך געקומען צו זיך. זיא האט געהייסען איהר דיענסטמעדכען, זיא זאל ארויפפיהרען דעם גענעראל אויערסוואלד אויפ'ן בוידים און זאל איהם דארט פערשליעסען. זיא אליין האט אריינגעלאזען דעם פירסט אין א קעללער, וואו איהר מאן פלעגט האלטען בלומען צו פערקויפען און האט איהם פערדעקט מיט ברעטער. אזוי וויא דער פירסט האט זיך געאיילט, האט זיך אן עק פון זיין ראק פערטשעפעט אן א נאגעל אין א ברעט.

באלד איז אנגעלאפען דיא ווילדע מענגע און האט ארומגערינגעלט דאס הויז פון אלע זייטען. מען האט געשריעען, געליארעמט און געפאדערט, אז מען זאל ארויסגיבען דיא צוויא אריסטאקראטען, דיא שפיאָנען, דיא יעזואיטען. אין דרויסען פארן הויז האט זיך פערזאמעלט אן אונגעהייערע מענגע מענשען. א מאן פון א יאהר עטליכע און דרייסיג מיט א ווילדעס געזיכט איז צו געלאפען צו א פענסטער און האט איהם געוואלט אויסרייסען. פליצלונג האט איהם איינער אנגעחאפט ביי דער האנד און האט אויסגערופען:

— וואס איז דאס? וויא קומסט דוא אהער, פראנץ גינטהער?

— איך קעמפף פיר דיא פרייהייט, הערר מיסנער, האט דער ווילדער מענש געענטפערט.

דער סטודענט האט איהם אוועקגעשלעפט פון פענסטער.

— מיר דארפען ניט אזעלכע פרייהייטס קעמפפער, וויא דוא! האט געשריען דער סטודענט. געה דיר אוועק, אדער איך וועל אלעמען דערצעהלען, ווער דוא ביסט.

— איך בין אן ארימער ארבייטער, האט פראנץ גינטהער געענטפערט.

— ניין, דוא ביסט א טויגעניכטס! דוא ביסט א שורקע! דוא האסט בערויבט דיין אונגליקליכע שוועסטער אמאליע, דיא געליעבטע פון'ם דערשאָסענעם אפיציער, פערדינאנד פאן רעבעל. איך ווייס אלעס. אזעלכע מענשען, וויא דוא זיינען דאס אונ־גליק פון'ם ארימען, אונטערדריקטען פאלק. זיי שטעלען זיך פאר אלס קעמפפער פאר דאס פאלק און זיי דענקען נור צו רויבען און מארדען. — געה דיר אוועק און לאמיך דיך מעהר ניט זעהן.

דער ווילדער מענש איז אוועקגעגאנגען פון איין זייט שטוב און האט זיך געשטעלט לעבען דער אנדערער זייט.

דיא מענגע האט אויפגעריסען דיא טהיר און האט געפרעגט דיא דערשראקענע פרוי שמידט:

— וואו זיינען דיא שפיאנען? גיט זיי ארויס!

פרוי שמידט און איהר דיענסט מעדכען האבען געענטפערט, אז זיי האבען קיי־נעם ניט געזעהן און קיינער געפינט זיך ניט ביי איהר אין הויז.

— דיא ווילדע, אויפגערעגטע און אויפגערייצטע מענגע האט אנגעהויבען אויפ־צורייסען אלע שלעסער, אויסצוברעכען אלע טהירען און צו זוכען דיא אנטלאפענע. אויפ'ן בוידעם האט מען געפונען דעם אלטען גענעראל אויערסוואלד. מען האט איהם אראפגעשלעפט פון'ם דריטען שטאק, מיט ווילדע, אונמענשליכע געשרייען:

— טויטעט דעם הונד! טויטעט דעם פרייסישען!

מען האט איהם געשלעפט דורכ'ן גארטען ביז צום גראבען ארום גארטען. א פרוי האט איהם געווארפען א שטיין אין קאפ. אן אונבעקאנטער ארבייטער האט איהם געשאסען אין רוקען.

אין איינגע מינוט איז פון'ם שטאלצען פרייסישען גענעראל, באראן אדאלף ערדמאן פאן אויסערסוואלד, געבליעבען א צוטרעטענע, צוקוועטשטע, צוריסענע מאסע פלייש. עס איז געווען אונמעגליך צו דערקענען זיין געזיכט. אזוי איז עס געווען צוריסען און צושלאגען.

מען האט איהם געלאזט ליגען אין גראבען און מען האט זיך אומגעקעהרט אין הויז פון'ם גערטנער שמידט.

— וואו איז דער אנדערער? האט מען געשריען.

פרוי שמידט און איהר דיענסט מעדכען האבען געוויינט און האבען גאר ניט געענטפערט.

— גיט אונז ארויס דיא יעזואיטען! גיט אונז ארויס דיא שפיאנען! האט גע־ליארמט דיא מענגע. איינעם האבען מיר שוין! ער וועט שוין קיינעם ניט שאדען. יעצט מוזען מיר האבען דעם אנדערן! מיר מוזען מאכען, אז ער זאל אויך קיינעם ניט שאדען!

מען האט אנגעהויבען צו זוכען נאך א מאל, מען האט אבער גאר ניט געפונען. פלוצלונג האט איינער פון דער מענגע דערזעהן א שטיקעל פון א ראק אויף א נאגעל.

— איהר נארען! אט איז ער דאך! האט ער אויסגערופען.

ווי א ווילדער, פון פיעלע רענענס אנגעשוואלענער טייך, האט זיך דיא מענגע אווארף געטאהן אויף דעם ארט, וואו פירסט ליכנאווסקי איז געלעגען בעהאלטען.

— אט איז ער! מיר האבען איהם! האט געשריען דיא מענגע. — שלעפט איהם ארויס! — טייטעט דעם יעזואיט!

דער פירסט איז געווען בלייך און האט געציטערט. ער האט געבעטען, מען זאל איהם ניט טייטען. ער ליעבט דאס פאלק און, ווען ער האט געטאהן עפעס געגען דאס פאלק, האט ער עס געמוזט טאהן: מען האט איהם געצוואונגען דערצו. — עס איז זעהר מעגליך, אז ווען ער זאל געווען דערצעהלען זיין לעבענסגעשיכטע; ווען דאס פאלק זאל געווען וויסען, וויא אזוי דיא יעזואיטען האבען איהם געהאלטען אין דיא

הענד און האבען איהם געצוואונגען צו טאהן אלעס, וואס זיי האבען פון איהם פערלאנגט, וואלט דאס פאלק געהאט מיטלייד מיט איהם.

דאס פאלק האט ניט געקענט האבען קיין מיטלייד מיט'ן גענעראל אויערסוואלד, ווייל ער האט געהייסען שיעסען אויפ'ן פאלק; געגען פירסט ליכנאווסקי אבער איז דאס פאלק געווען פיעל ווייכער, פיעל מילדער. מען האט אנגעהויבען זיך צו איבערלעגען, וואס מען זאל טאהן מיט איהם. עס האט זיך געפונען איינער, א געוויסער דאקטאר האדשעס, וועלכער האט זיך זאגאר געשטעלט פאר'ן פירסט און האט אויסגערופען:

— וואס טהוט איהר, מענער? הייסט דאס פרייהייט, ווען איהר ווילט טייטען אן אונבעוואפענטען, א געפאנגענעם? — פיהרט איהם אוועק אין אונזער הויפט קווארטיר! לאמיר איהם דארט האלטען געפאנגען, ביז דער קאמפף וועט זיך ענדיגען!

— ער איז א יעזואיט! ער איז דער פיינד פון'ם פאלק! האבען אנדערע געשריען! — ער מוז שטארבען!

עטליכע ווילדע געזעלען האבען זיך אויף איהם ארויפגעווארפען. איינער האט איהם געשאסען אין פלייצע. דיא איבעריגע האבען איהם געשלאגען מיט שטיינער, מיט שטעקענעס און מיט וואס זיי האבען געקענט.

דער פירסט איז געלעגען אויף דער ערד. ער האט זיך נאך קוים, קוים גערירט. דיא מענגע האט מעהר ניט געהאט וואס צו טאהן און האט אנגעהויבען זיך צו געהן. עס זיינען געבליעבען לעבען דעם אונגליקליכען נור איניגע מענשען. איינער האט זיך אנגעבויגען צו איהם. דאס איז געווען פראנץ גינטהער, דער ברודער פון דעם אונגליקליכען מערדער, אמאליא גינטהער, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין איינעם פון דיא פאריגע קאפיטלעך.

ער האט געוואלט ארויסנעהמען ביים פירסט זיין גאלדענע אוהר.

— ביסט דוא א פריסישער? האט דער פירסט געפרעגט שטילערהייט.

— דעם בריעף — נעהם דעם בריעף — פון — מיין בוזים קעשינע. — איך קען ניט. —

מעהר האט ער ניט געקענט רעדען. ער איז געפאלען אין אהנמאכט. ווען ער האט געעפענט דיא אויגען, איז קיינער ניט געווען לעבען איהם. באלד אבער איז אנגעקומען דער סטודענט מייסנער און דאקטאר האדשעס. זיי האבען געבראכט צוויא ברעטער, האבען ארויפגעלעגט דעם פירסט אויף דיא ברעטער און האבען איהם אוועקגעטראגען צום גערטנער אין שטוב.

— דען בריעף! — דען בריעף! האט קוים, קוים געהויכט דער פירסט.

מייסנער האט געזוכט ביי איהם אין דיא קעשינעס און האט גאר ניט געפונען. דער בריעף, דיא גאלדענע אוהר און דאס געלד, וואס דער פירסט האט געהאט ביי זיך — אלעס איז פערשוואונדען.

ווען מען האט אניעדערגעלעגט דעם פירסט אויף א בעט, האט מייסנער געהערט גאנץ דייטליך, וויא דער פירסט האט געזאגט:

— שפאניען — קסימענע! דאן קארפאס. העלגאלאנד — אננא — מיין קינד — קארפאס — יעזואיטען.

מייסנער האט ניט פערשטאנען, וואס דער פירסט האט געמיינט דערמיט. ער האט געדעבענט, אז דער פירסט רעדט עס אין דער אגאָניע (גסיסה).

באלד זיינען זיך אלע צוגאנגען און דער שטאלצער פירסט ליכנאווסקי איז געבליעבען ליעגען אליין. — אליין! פערבלוטינט, צוריעסען פון'ם פאלק. — ווייט, ווייט ערגעץ ווייזען זיך צוויי שעהנע, עדעלע פרויען געשטאלטען: קסימענע! אננא!*)

55טער קאפיטעל.

דער בריעף.

פירסט ליכנאווסקי איז געבליעבען ליעגען אליין. דאקטאר האדשעס איז געלאפען אין אן אפטהעק ברענגען אייניגע זאכען, וועלכע ער האט געדארפט אום צו פערבינדען דעם פערוואונדעטען און אייניגע מעדיקאמענטע. ער איז באלד צוריקגעקומען, האט געבראכט מיט זיך אלעס, וואס ער האט געדארפט ער האט מיטגעבראכט מיט זיך נאך א דאקטאר און א בעקאנטען, א געוויסען העררן לעווע. — מייסנער איז ניט צוריקגעקומען. מיר האבען שוין דערצעהלט, וואס׳עס האט אויפגעהאלטען דעם סטודענט.

דאקטאר האדשעס מיט זיינע בעקאנטע האבען געטאהן אלעס, וואס זיי האבען געקענט טאהן אין אזא פאל. ער האט איהם געגעבען א לעפעל מעדיצין, פון וועלכע דער פירסט האט זיך געפיהלט עטוואס בעסער און האט געעפענט דיא אויגען.

— איך וויל מאכען — מיין — טעסטאמענט (צואה), האט געמורמעלט דער אונגליקליכער.

דאקטאר האדשעס האט איהם איינגעגעבען נאך א לעפעל מעדיצין. דאן האט ער זיך געהייסען געבען טינט און פעדער און האט זיך געזעצט לעבען בעט פון'ם שטערבענדען מאן און האט געוואלט שרייבען זיין טעסטאמענט.

— וואס ווילט איהר זאגען, פירסט? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— מיין גאנצעס פערמעגען איבערלאָז איך מיין ברודער, קארל — ניין! דער פרינצעסין פאן סאגאן, אבער — ווער וועט אבער אויספיהרען מיין לעצטען וויללען?

— פירסט, איך גיב אייך מיין עהרנוואָרט אלס אָפיציער און אלס עדעלמאן, אז איך וועל טאהן אלעס, וואס איהר וועט מיר הייסען! האָט אין דיעזע מינוט אויסגערופען א פעסטע מענער שטימע.

— ווער זייט איהר, מיין הערר? האט דער פירסט געפרעגט.

— איך בין אן אָפיציער פון דער פרייסישער ארמעע, האט דיא שטימע געענטפערט, איך הייס באראן פריעדריך פאן רעעבעל.

— איך האב געהערט דיעזען נאמען, האט דער פירסט געענטפערט, איך בין געווען אין בערלין, ווען דאס ווילדע פאלק האט געטייטעט אייער זוהן. — איך דאנק אייך, הערר פאן רעעבעל! בייגט אייך צו צו מיר. איך וויל אייך עפּעס זאגען.

דער באראן האט זיך צוגעבויגען צו איהם.

---

*) אַלעס וואָס איך האָב בעשריעבען אין פאָריגען קאַפּיטעל איז היסטאָריש וואַהר. אַלע נעמען זיינען וואַהר און ריכטיג. דיא ערמאָרדונג פון גענעראַל אָויערסוואַלד און פירסט ליכנאָווסקי אין פראַנקפורט דעם 18טען סעפּטעמבער 1848 קען מען געפינען אין יעדער ענציקלאָפּעדיע.

— פערלאזט אייך אויף מיר, פירסט! האט ער איהם געזאגט. אלעס, וואס איך קען נור, וועל איך טאהן פון אייערטוועגען.

— עס איז מיר שווער צו רעדען, האט דער פירסט געזאגט. — זוכט אין מיינע קעשינעס. איהר האב דארט א בריעף. — איך מוז האבען דעם בריעף!

דער באראן פאן רעעבעל האט אנגעהויבען צו זוכען אין אלע קעשינעס. — זיי זיינען געווען לעדיג! ער האט געפרעגט דעם דאקטאר און פרוי שמידט, אויב זיי האבען ערגעץ ניט געפונען קיינע פאפיערען. זיי האבען געענטפערט, אז זיי האבען גאר ניט געפונען. דער פירסט האט דערקענט אן זייערע בליקען, אז דער בריעף איז ניטא.

— מען האט מיך בעגנב'עט. האט ער געזאגט. — איך דערמאן מיך. — ווען איך בין געליעגען אין גארטען, איז צו מיר צו געקומען א מאן און האט געזאגט, אז ער איז א פרייסישער און ער קען מיך. — דער בריעף איז זעהר וויכטיג. — ער ענטהאלט א געהיימניס. — אך! דיעזער בריעף דארף ניט אנקומען אין שלעכטע הענד.

— איך גיב אייך מיין עהרנווארט, אז איך וועל טאהן אלעס מעגליכע אום אויסצוגעפינען דעם בריעף! האט דער באראן פאן רעעבעל געזאגט. ווען דער מאן איז ווירקליך א בערלינער, וויא ער האט אייך געזאגט, וועל איך איהם שוין געפינען. — איך קען אייך אבער ניט לאזען דא, איהר זייט דא ניט זיכער, דיא ווילדע מעננע קען אנלויפען נאך אמאל. איך האב א קארעטע ניט ווייט פון דאנען. מען מוז אייך ברענגען אין א זיכערן ארט, וואו דיא דאקטוירים זאלען קענען רוהיג אייך בעהאנדלען.

ער האט זיך געווענדעט צו דאקטאר האדשעס און האט איהם געפרעגט, אויב מען קען איבערטראגען דעם פערוואונדעטען. — דאקטאר האדשעס האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

דער באראן פאן רעעבעל און דאקטאר האדשעס האבען באלד געהייסען מאכען א טראגבאהרע (נאסילקע). דער באראן האט צוגערופען זיין קארעטע. זיין פרוי און זיין טאכטער האבען געמוזט ארויסגעהן פון דער קארעטע. פרוי שמידט האט געגיבען אלע קישענס און אלע דעקען, וועלכע זיא האט געהאט אין שטוב. מען האט דערמיט אויסגעבעט דיא טראגבאהרע, (נאסילקי) וויא גוט מען האט געקענט. מען האט ארויפגעלעגט דעם קראנקען אויף דיא טראגבאהרע און מען האט זיא אניעדער געשטעלט אין דער קארעטע און מען איז אוועקגעפאהרען פון'ם אונגליקס הויז.

דער באראן און דאקטאר האדושעס זיינען געשטאנען פון ביידע זייטען פון דער קארעטע אויף דיא טריט טרעפ. באלד אבער איז דער באראן אראפגעגאנגען פון זיין ארט און איז צוגעגאנגען צו זיין טאכטער ראזאמונדע.

— הער מיך אוים, טאכטער, האט ער געזאגט ערנסט און שטרענג, איך האב מיט דיר עפעס צו רעדען וועגען דעם סטודענט מייסנער.

— מייסנער? האט דאס יונגע מעדכען געפרעגט ערשטוינט.

— דענק ניט, טאכטער, אז איך' בין צופריעדען מיט דיין ליעבע צו דיעזען טויגעניכטס. איך דארף איהם אבער יעצט האבען. איך וויל אז דוא זאלסט איהם אויפזוכען און זאלסט איהם ברענגען צו מיר.

— איך וועל טאהן, וואס דוא הייסט מיר, פאטער, האט דאס מעדכען געענטפערט טרויעריג.

זיא האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. זייט דיא קארעטע איז אוועקגעפאהרען פון׳ם גערטנערס הויז, האט זיא געזעהן, אז איינער דרעהט זיך ארום דער קארעטע ער קומט צו נעהנטער, גיט א קוק און געהט ווידער אוועק. אזוי וויא עס איז שוין געוועזן שטארק פינסטער און דיא שטראסען לאנטערנען האבען דיעזע נאכט ניט געבּרענט. איז עס געוועזן שווער צו דערקענען א מענשען אין אזא פינסטערניס. נור דיא ליעבע האט געקענט דערראטהען, ווער עס איז.

ראזאמונדע איז געבּליעבען שטעהן איינינע מינוט און האט געלאזען דיא קארעטע מיט איהרע בעגלייטער געהן פאראן. דאן האט זיא גערופען שטילערהייט:

— רודאלף? — דוא ביסט עס?

דער סטודענט איז צו געקומען צו איהר און האט איהר אנגענומען ביי דער האנד.

— ראזאמונדע! ליעבע, טהייערע ראזאמונדע! דוא ביסט געבּליעבען אומיסטען שטעהן אום מיט מיר צו רעדען?

— ניין, רודאלף, האט ראזאמונדע געענטפערט. מיין פאטער דארף דיך האבען. ער וויל עפּעס רעדען מיט דיר. געה צו איהם, רודאלף! ער איז נור שטאלץ, ער איז א געבּראטענער אריסטאקראט, ער איז אבער קיין שלעכטער מענש.

דער סטודענט האט זיך פערטראכט. ער האט געוואוסט, אז דער באראן פאן רעעבעל איז זעהר שטרענג און האט פיינט דאס פאלק, וויא דיא פעסט. ראזאמונדע האט איהם פערשטאנען.

— געה צו איהם, רודאלף! איך בעט דיך!

— גוט, ראזאמונדע! איך געה צו איהם, האט דער סטודענט געענטפערט.

זיי האבען זיך אנגענומען ביי דיא הענד און זיינען נאכגעגאנגען דיא קארעטע.

56טער קאפּיטעל.

פראנץ גינטהער.

מיר מוזען זיך אומקעהרען מיט א קורצע צייט צוריק און דערצעהלען, וואס עס האט פּאסירט אין דער צייט, ווען דער באראן פאן רעעבעל האט זיך געפונען ביים בעט פון׳ם שטערבענדען פירסט.

עס איז שוין געוועזן רעכט דונקעל, ווען דער סטודענט האט געבעטען דעם באראן, ער זאל אריינגעהן אין אונגליקס הויז. איך האב שוין דערצעהלט, אז מייסנער האט איהם געזאגט: „זייט רוהיג, איך וועל וואכען איבער אייך“.

מייסנער איז ווירקליך ניט אפּגעטרעטען פון׳ם הויז, וואו דער אונגליקליכער פירסט איז געלעגען. ער איז געשטאנען אונטער א בוים און האט זיך פערטראכט. ער איז געוועזן א פייעריגער רעפּובּליקאנער, א הייסער פרייהייטס קעמפּפער. ער האט אבער ניט געקענט ליידען אומזיסטע גרויזאמקייטען. איהם האט עס געקרענקט, וואס מען האט געמארדעט דעם גענעראל אויערסוואלד און דעם פירסט ליכנאווסקי. מען האט זיי געמארדעט אין צארן, אין אויפרעגונג, אהן נוצען און אהן איבערלעגונג.

אזוי וויא ער איז אזוי געשטאנען און האט געטראכט, האט ער דערהערט, וויא א שטיקע שטימע רופט איהם:

— העדר מייסנער!

— ווער זייט איהר? האט מייסנער געפרעגט.

— איהר דערקענט מיך ניט, הערר מייסנער? — איך בין דער פראנץ גינטהער, אמאליע'ס ברודער. איך האב געזעהן, וויא איהר האט גערעטעט דעם אלטען הונד, דעם שלעכטען באראן. ווייסט איהר דען ניט, וויא ער האט בעליידיגט מיין שוועסטער, ווען ער האט צוגענומען דעם טויטען קערפער פון'ם ליעטענאנט?

— איך וויים אלעס, האט מייסנער געענטפערט קורץ. וואס ווילסט דוא דען פון מיר?

— איך וויל אייך עפעס בעטען, הערר מייסנער, האט פראנץ געזאגט, מיר זיינען אלטע בעקאנטע און מיר דארפען אויסהעלפען איינער דעם אנדערן.

— אויסהעלפען? איז שוין ווייטער עפעס נייעס?

— ניין, הערר מייסנער, איך האב א געשעפט צו אייך.

— א געשעפט? מיט מיר?

— ניין, הערר מייסנער! איך האב עפעס געפונען און וויל עס אייך ווייזען.

— געפונען? מיר ווייזען? ערקלער דיך, פראנץ! זאג שנעל! וואס ווילסט דוא פון מיר?

— איך האב געפונען א בריעף.

— געפונען אדער געשטאהלען?

— וואס איז אייך דער אונטערשיעד, הערר מייסנער? איך האב א בריעף.

— צו וועמען איז דער בריעף אדרעסירט?

— צו יענעם, וועלכער ליעגט דארט אין שטיבעלע פון'ם גערטנער.

— צום פירסט ליכנאווסקי? דאן האסט דוא בערויבט דעם פירסט?

— שעהמט אייך, הערר מייסנער! וואס רעדט איהר? וויא אזוי קענט איהר עס זאגען, אז איך האב בערויבט דעם פירסט? — דער פירסט איז געוועזן א פעררעטהער און א יעזואיט. איך אבער בין דאך אן ארימער ארבייטער.

— זאג מיר קורץ און שארף, וואס ווילסט דוא פון מיר? האט זיך מייסנער געבייזערט.

— דער ליכנאווסקי איז א יעזואיט און א פעררעטהער; ער איז אן אריסטא-קראט און האט פיינד דאס פאלק.

— אלזא, וואס ווילסט דוא?

— איהם שרייבען בריעף אנדערע אריסטאקראטען און יעזואיטען, האט פראנץ געזאגט לאנגזאם, אזעלכע בריעף קענען זיין זעהר וויכטיג פארן פאלק. איך וויל אייך בעטען, איהר זאלט מיר איבערלעזען דעם בריעף. ער איז געשריעבען אין פראנצויז. איהר ווייסט דאך, הערר מייסנער, אז איך בין ניט קיין געבילדעטער. איך קען ניט קיין פראנצויז. לעזט איבער דעם בריעף, הערר מייסנער, און ערקלערט מיר, וואס דארט

שטעהט. איך וויל עס וויסען. עס שאדעט קיין מאל ניט צו וויסען א געהיימניס, בעזאנדערס פון אזא יעזואיט און פעררעטהער, וויא יענער דארט.

ער האט געוויזען אויף דאס הויז, וואו דער שטארבענדער פירסט ליבנאווסקי איז געלעגען.

מייסנער איז געוועזען אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן. ער האט געוואוסט, אז מיט בייזען וועט ער גאר ניט מאכען. ווען ער וועט זיך אפזאגען צו לעזען דעם בריעף, וועט פראנץ גינטהער געפינען אנאנדערען, וועלכער וועט איבערלעזען דעם בריעף און אויסניצען דאס געהיימניס. פראנץ גינטהער איז פעהיג צו פערקויפען דעם בריעף דער פאליציי; ער איז פעהיג אויסצוניצען דעם בריעף פיר זיינע ניעדעריגסטע צוועקע.

עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז פראנץ גינטהער איז אויך א רעפובליקאנער, א פריינד פון'ם פאלק; ער זאגט אויך, אז ער קעמפפט פיר דאס פאלק. ער וויל בעפרייען דאס פאלק.

— וועה דעם פאלק, וועלכע האט אזעלכע פערטהיידיגער און אזעלכע קעמפפער! האט מייסנער אויסגערופען אין דער הויך.

— ווילט איהר מיר פערדייטשען דעם בריעף, הערר מייסנער? האט פראנץ געפרעגט.

— גיב איהם אהער! האט מייסנער אויסגערופען בייז. — עס איז דאך אבער פינסטער! וויא קען איך איהם לעזען?

— איך האב פייער, האט פראנץ געענטפערט. איך האב גענומען א ליכט אין א ציגארען געשעפט. ווייסט איהר, הערר מייסנער, דיא קויפלייטע זיינען געווארען גוטע מענשען, זיי גיבען אלעם אומזיסט.

ער האט איהם אוועקגעפיהרט אונטער א בוים, האט אנגעצונדען א ליכט און האט דערלאנגט דעם סטודענט דעם בריעף.

עס איז מערקווירדיג, וויא דיא שורקען און טוגענטהאפטע ווייסען, וויא אויסצוניצען דיא עהרליכע לייט! זיי ווייסען, דיא שורקען, זיי פיהלען, אז דעם גוטען, דעם ערנסטען, דעם עהרליכען מענשען איז לייכט צו פערפיהרען, צו בעטריגען, צו בעשווינדלען און צו בערויבען.

פראנץ גינטהער האט געהאלטען דאס ליכט און מייסנער האט געלעזען דעם בריעף. ער האט איהם אנפאנגס דורכגעלעזען פאר זיך. ער האט צוואר געקענט זעהר גוט פראנצייזיש. ער איז אבער דאך ניט געוועזען געוואינט צו לעזען פראנצייזישע בריעף. עס איז דאך ניט געוועזען זיין מוטער שפראכע.

דער בריעף איז געוועזען געשריעבען פון א פרויען האנד, אבער גאנץ ריין און גאנץ דייטליך. אנפאנגס האט מייסנער געפונען גאנץ געוועהנליכע נאכריכטען, וועלכע בעקאנטע גיבען איבער איינער דעם אנדערן. וואס וויי‍טער אבער ער האט געלעזען, אלס ערנסטער איז ער געווארען. דער בריעף איז ווירקליך געוועזען זעהר וויכטיג. אין איהם האט זיך געהאנדעלט פון א רעוואלוציאן אין פאלען, וועלכע דיא יעזואיטע האבען געוואלט אנמאכען. דער פירסט ליבנאווסקי זאל זיך שטעלען אן דער שפיצע

פון דיא פאלנישע רעוואלוציאנערן. עס איז געווען אויסגעארבייט דער גאנצער פלאן, וויא דיא יעזואיטען וועלען מיטהעלפען דער רעוואלוציאן.

טיפע קנייטשען האבען זיך אויסגעלעגט אויף מייסנערס שטערן, ווען ער האט דורכגעלעזען דעם בריעף. דער באנדיט האט עס בעמערקט.

— דער בריעף מוז זיין זעהר וויכטיג, האט ער געזאגט. מען קען מאכען פון איהם געלד. ווילט איהר מיר זאגען, וואס אין בריעף שטעהט?

— הער נור, פראנץ! אין בריעף שטעהן נארישקייטען. לאמיר איהם פער־ברענען און מאכען אן ענדע.

— ניין, הערר מייסנער! לעזט מיר פאר, וואס דארט שטעהט, אדער גיט מיר צוריק דעם בריעף און איך וועל שוין געפינען אן אנדערן, וועלכער וועט זאגען, וואס דא שטעהט.

— און ווען איך וועל דיר ניט געבען דעם בריעף?

— דאן וועל איך אלעמען דערצעהלען, אז איהר האט ביי זיך א בריעף פון'ם פעררעטהער און יעזואיט ליבנאווסקי און ווילט איהם ניט געבען קיינעם. דער אלטער באראן וועט אויך וויסען פון'ם בריעף.

דעם ארימער מייסנער האט שוין פערדראסען, וואס ער האט גאר אנגעהויבען צו רעדען מיט דיעזען טויגעניכטס. ער האט געטראכט איינינע אויגענבליקע און האט געזאגט:

— גון גוט, פראנץ! ווען דוא ווילסט וועל איך דיר פארלעזען דעם בריעף, דוא וועסט איהם אבער דאך ניט פערשטעהן: אין בריעף האנדעלט זיך וועגען פאָליטיק.

— מיר פערשטעהען שוין אביסעל פאליטיק, האט פראנץ געענטפערט. זייט מיר האבען זיך געשלאגען אויף דיא באררוקאדען אין בערלין, האב איך אויסגעלערנט אביסעל פאָליטיק. זאגט מיר הערר מייסנער! איך פערשטעה יעצט אלעס.

מייסנער האט איהם איבערגעגעבען אין קורצע ווערטער, ויאס אין בריעף שטעהט.

איך פערשטעה צוואר ניט אלעס, וואס איהר האט מיר דערצעהלט, איך וויים אבער, אז דער בריעף איז זעהר וויבטיג. איך האב אליין געהערט, וויא דער פירסט האט געמורמעלט: דעם בריעף! דעם בריעף. —

ביי דיא לעצטע ווערטער פון'ם טויגעניכטס, איז מייסנערן געקומען אין קאפ א גליקליכער געדאנק.

— הער נור, פראנץ, ווען דער פירסט האט אזוי פערלאנגט נאכ'ן בריעף, וועט ער געוויס בעצאהלען פאר איהם זעהר טהייער, ווען מען וועט איהם ברענגען דעם בריעף. — לאז מיר דעם בריעף, איך וועל איהם אפגעבען דעם פירסט און וויעפיעל ער וועט מיר געבען פאר איהם, וועל איך דיר אפגעבען. — דוא גלויבסט מיר דאך, פראנץ?

— יא, הער מייסנער! איהר זייט א גוטער מענש, נור א קליין ביסעל משוגע. איהר ווייסט ניט, וואס עס הייסט מאכען א געשעפט. געלד איז דאך בעסער פון אלע אייערע רעדען און אידעען פון פרייהייט, פאלק, גלייכהייט און נאך אזעלבע פלוידערייען.

איך האב אויך ליעב דאס פאלק, ווייל איך ווייס, אז דאס פאלק דארף האבען געלד. איך דארף אויך האבען געלד און איך זוך צו פערדיענען געלד, וואו איך קען נור.

— גוט, פראנץ! גוט! דוא וועסט האבען געלד פאר דיעזען בריעף! האט מייסנער אויסגערופען און איז אוועקגעלאפען.

ער איז געלאפען צום שטיבעלע פון'ם גערטנער און איז אנגעקומען גערדע אין דער מינוט, ווען מען האט ארויסגעטראגען פון דארט דעם פירסט ליבנאווסקי און מען האט איהם אריינגעלעגט אין דער קארעטע. ער האט אנגעהויבען נאכצוגעהן נאך דער קארעטע פון דער ווייטען. ער האט געזעהן, אז דער באראן פאן רעעבעל שטעהט אויפ'ן טריט פון דער קארעטע אדער געהט גאנץ נאהענט לעבען דער קארעטע, און ער האט ניט געוואלט צוגעהן צו זיי.

פלוצלונג האט ער דערהערט א בעקאנטע שטימע רופען:

— רודאלף! דוא ביסט עס, רודאלף?

— ראזאמונדע! ליעבע, טהייערע ראזאמונדע! דוא ביסט עס?

ביידע יונגע לייט האבען זיך געהאלטען ביי דיא הענד.

— איך בין גליקליך, וואס איך זעה דיך ווידער, רודאלף, האט ראזאמונדע געזאגט שטילערהייט. איך האב פריהער געמיינט, אז דוא ביסט שטארק פערוואונדעט. אך! וויא שרעקליך איז דער קריעג! קענען דיא מענשען ניט לעבען רוהיג און פריעדליך און זיך ניט שלאגען? פאר וואס זאל אויפשטעהן א ברודער געגען א ברודער?

— ליעבע ראזאמונדע! לאמיר יעצט ניט רעדען פון קריעג און פון פיינדשאפט צווישען אריסטאקראטען און פאלק. אונזער צייט איז צו קורץ יעצט פאר אונזער ליעבע. איך וויל ניט ארויסרייסען דיך פון דעם קרייז, אין וועלכען דוא ביסט געבארען געווארען, און אויפגעוואקסען געווארען. איך זאג נור, אז איך האב אויך דיא זעלבע רעכטע, וואס דוא. ווען איך ליעב דיך, האב איך געוויס א רעכט דיך צו ליעבען.

— איך האב צו דיר פאלעס צוטרויען, רודאלף. איך גלויב, אז דוא קעמפפסט געוויס פאר א גוטע זאך און איך וואלט געוועז דיא גליקליכסטע אויף דער וועלט, ווען דוא זאלסט זיעגען, אבער.... רודאלף, דער פאטער דארף דיך, ער וויל מיט דיר עפעס רעדען.

— דיין פאטער? דער באראן? וויל רעדען מיט מיר? האט מייסנער געפרעגט ערשטוינט.

— יא, רודאלף, מיין פאטער. ער אליין האט מיר געהייסען, איך זאל דיך אויפזוכען און זאל דיך שיקען צו איהם. עס מוז זיין זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— קום צו איהם, ראזאמונדע!

ער האט זיא אנגענומען אונטערן ארים און ביידע זיינען יעצט געלאפען נאך דער קארעטע. דאקטאר האדשעס האט געפיהרט דיא קארעטע צו דער קליניק פון פראפעססאר בעטהמאן. דארט איז דער פערוואונדעטער זיכער און דארט האט מען אלע מעדיצינען און אינסטרומענטען, וועלכע זיינען נעטהיג אין אזא פאל.

ביים טויער פון'ם הויז, וואו דיא קליניק איז געוועזן, איז געשטאנען דער באראן

און רעבעל און האט געוואָרט אויף זיין טאָכטער. קוים האט ער דערזעהן דיא יונגע לייט פון דער וויטען, האט ער אויסגערופען קאלט און שטרענג:

— קומט נור אהער, הערר מייסנער! איך האב מיט אייך צו רעדען עטליכע ווערטער.

ער האט איהם אריינגעפיהרט אין הויף און האט איהם צוגעפיהרט צו א בוים.

— וויא איך זעה, הערר מייסנער, איז אונז שוין בעשערט זיך צו בעגעגענען ניט איין מאל אין אונזער לעבען, האט דער באראן געזאגט. — איהר ווייסט דאָך, אז מען האט יענעם אונגליקליכען ערמאָרדעט. ווייסט איהר אבער אויך, אז מען האט איהם בעשטאהלען? — ווייסט איהר, אז מען האט ביי איהם צוגענומען אלעס, וואס ער האט געהאט ביי זיך?

— איך האב געהערט דערפון.

— קענט איהר דיא מענשען, וועלכע האבען עס געטאהן?

— דיא מערדער קען איך ניט, דעם גנב קען איך.

— איך האב עס פריהער געוואוסט, האט דער באראן געזאגט ביטער.

— הערר באראָן, איך בין ניט געקומען אהער אום צו הערן פון אייך בעליידיגונגען! זאגט מיר, וואס איהר דארפט.

— איהר האט רעכט, הערר מייסנער! איך בין געווען צו ראש. — הערט מיך אלזא אויס. ווען דער פירסט איז געלעגען אין גאָרטען אהנמעכטיג און פערוואונדעט, האט מען ארויסגענומען ביי איהם פון דיא קעשענעס זיין געלד, זיין גאָלדענע אוהר און זיינע בריעף טאַשע, אין וועלכער עס האט זיך געפונען א זעהר וויכטיגער בריעף. דער פירסט ווייס, אז א מאַן אין אן ארבייטער בלוזע האט עס געטאהן. — דער בריעף איז זעהר וויכטיג. דער דיעב מעג זיך צונעהמען דאס געלד מיט דער אוהר, ווען ער זאל נור אפגעבען דעם בריעף, וועלכער קען איהם גאר ניט ניצען. — הערר מייסנער, איך בעט אייך אים נאמען פון אייער אלטען פאטער, אים נאמען פון יענעם אונגליקליכען, וועלכען איהר אליין בעדויערט אזוי שטאַרק! העלפט מיר אויסגעפינען דעם בריעף!

— איך דארף אייך ניט פיעל העלפען, האט מייסנער געענטפערט, אָט איז דער בריעף!

ער האט ארויסגענומען דעם בריעף און האט איהם געוואלט דערלאנגען דעם באראן.

— פון וואנען ווייסט איהר, אז דאס איז דער ריכטיגער בריעף?

— איך האב איהם געלעזען.

— דאס נאָך אויך, הערר מייסנער? איהר האט זיך ערלויבט צו לעזען א פרעמדען בריעף?

— קיינע בעליידיגונגען, הערר באראן! איך האב געמוזט לעזען דיעזען בריעף! ווען איך זאל איהם ניט געווען לעזען, וואלט איך איהם ניט געהאט יעצט ביי מיר און וואלט ניט געקענט איהם אייך איבערגעבען.

— אלזאָ, וויים נאך איינער, וואס אין בריעף שטעהט?

— נור איך און דער מאן, וועלכער האט גענומען דעם בריעף פון'ם פירסט. וויא אזוי ער האט איהם גענומען ביים פירסט, ווייס איך ניט, איך קען אייך אבער פערזיכערן, אז נור מיר ביידע וויסען דעם אינהאלט פון דיעזען בריעף.

— וויא אזוי קען איך זיכער זיין, אז איהר וועט ניט ארויסגעבען דעם אינהאלט פון דיעזען בריעף?

— הערר באראן, איהר פעראכטעט מיך, איהר קענט מיך אבער ניט. איך קעמפף געגען דיא אריסטאקראטען און געגען דיא העררשער, פערראטהען אבער וועל איך זיי ניט. איך וועל ניט אויסזאגען קיינע פרעמדע געהיימניסע. — עס איז וואהר, אז עס געפינען זיך שלעכטע מענשען אין פאלק, אזוי וויא עס געפינען זיך שלעכטע פערדארבענע מענשען צווישען דיא אריסטאקראטען.

ער האט איהם דערלאנגט דעם בריעף, האט זיך פערניינט און האט געוואלט אוועקגעהן. דער באראן האט איהם צוריק געהאלטען.

— קומט אהער, הערר מייסנער, האט ער געזאגט ווייכער און מילדער. — איך האב אייך געקענט פון קינדהייט אן. איך האב אייך ליעב געהאט, ווען איהר זייט נאך געווען א קינד און פלעגט זיך שפיעלען מיט מיינע קינדער צוזאמען. גלויבט מיר, הערר מייסנער! עס טהוט מיר וועה צו זעהן, וויא איהר זייט אראפ פון וועג און קעמפפט געגען אונזער גנעדיגען קעניג. עס טהוט מיר אזוי וועה, גלייך וויא איך וואלט פערלא־רען מיין אייגענעם קינד. — איך ווייס, אז איהר ליעבט מיין טאכטער. איך האב פייגד, אז א מענש זאל איבערשפרינגען דיא גרענעץ, וועלכע גאט אליין האט געצויגען צווי־שען דער אריסטאקראטיע און דעם פאלק. דעננאך וואלט איך פיעלייכט געמאכט אן אויסנאהמע פאר דעם זוהן פון מיין פריינד. איך וועל עס אבער קיין מאל ניט טאהן פאר א רעוואלוציאנער.

דער סטודענט האט איהם אויסגעהערט ערנסט און אויפמערקזאם און האט איהם גאר ניט געענטפערט.

— קים צוריק, רודאלף! האט דער באראן געזאגט נאך פריינדליכער, נאך ווייכער און נאך מילדער, — דיא טראהנען פון דיא קעניגע זיינען הייליג. גאט האט ארויפגעזעצט אויף זייערע קעפ דיא קרוינען —

— נון, הערר באראן! האט איהם מייסנער אונטערבראכען, דאס איז ניט וואהר! דיא קעניגע אליין נעהמען זיך דיא קראנען אום צו בעהערשען דאס פאלק, אום צו אונטערדריקען דאס פאלק. איך קען ניט האנדלען געגען מיינע איבערצייגונגען! זא לאנג איך וועל אטהעמען, וועל איך קעמפפען געגען דיא העררשער, געגען דיא אונטער־דריקער!

דער אלטער באראן האט זיך אויסגעצויגען, האט אויפגעהויבען דעם קאפ אין דער הויך און האט געזאגט שטאלץ:

— מיר האבען מעהר ניט וואס צו רעדען! — זייט אזוי גוט און גיט איבער דיעזעם געלד אייער קאמעראד, ביי וועלכען איהר האט גענומען דעם בריעף.

— איך בין ניט אייער דיענער, האט מייסנער געענטפערט, ווען איהר ווילט איינעם בעצאהלען, קענט איהר עס אליין טאהן.

— איך ווייס ניט וועמען, האט דער באראן גענטפערט.

— איך וועל איהם אייך שיקען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויסגעדרעהט און איז אוועקגעגאנגען.

דער באראן איז געגאנגען אין דער קליניק און איז צוגעגאנגען צום פירסט.

— האט איהר נאכריכטען פון דעם בריעף? האט דער פירסט געפרעגט.

— דיא בעסטע נאכריכטען. איך האב דעם בריעף אליין.

אויף דעם בלייכען געזיכט פון'ם שטערבענדען פירסט האט זיך געוויעזען א פונק פון פרייד.

— ווייזט מיר איהם, האט ער געשטאמעלט.

דער באראן האט איהם געוויעזען דעם בריעף.

— דאס איז ער! האט דער פירסט אויסגערופען און איז געפאלען אין אהנמאכט.

דיא דאקטורים האבען זיך יעצט בעמיהט צו טאהן אלעס מעגליכע אום צו ער־לייכטערן זיינע ליידען. זיי האבען שוין פריהער געוואוסט, אז ער קען ניט לעבען.

נענען צעהן אוהר האט ער וויעדער געעפענט דיא אויגען און האט געבעטען, אז מען זאל איהם ברענגען א גייסטליכען. אזוי וויא ער איז געווען א קאטוילי‍ק, האט ער געבעטען מען זאל איהם ברענגען א קאטוילישען גייסטליכען. א דיענער איז ארויסגע־לאפען אין דרויסען און האט צופעליגערווייזע געטראפען א מענך שטעהן ניט ווייט פון דער קליניק. ער האט איהם געבעטען, ער זאל געהן צו א שטערבענדען און דער מענך האט ערקלערט, אז ער איז בערייט צו טאהן זיין פפליכט.

ווען ער איז געקומען אין צימער, וואו דער פירסט איז געלעגען, האט ער געהייסען אלעמען ארויסגעהן. אלע זיינען ארויסגעגאנגען. דער מענך האט אראפגענומען זיין קאפוצע.

— דאן אנטאניא קארפאס! דוא ביסט עס? האט דער פירסט אויסגערופען מיט זיינע לעצטע קרעפטע. וויא קומסט דוא אהער?

— אפנעהמען ביי דיר דעם בריעף, וועלכען דער הייליגער ארדען יעזו (יעזואיטען) האט דיר היינט געשיקט. — וואו איז דער בריעף?

דער פירסט האט שוין ניט געקענט ענטפערן. דער אנבליק פון'ם יעזואיט האט איהם געטייטעט. דער יעזואיט האט געפונען דעם בריעף ביים פירסט צוקאפענס און האט איהם צוגענומען.

— קסימענע! אננא! האט ער געזאגט דעם פירסט אין אויער.

אין איינינע מינוטען ארום האט דער יעזואיט געעפענט דיא טהיר און האט אריינגערופען דיא דאקטוירים און אלעמען, וועלכע זיינען דערביי געווען.

— גאט האט איהם גענומען צו זיך! האט דער פרומער מאן אויסגערופען. ער איז געשטארבען, וויא א גוטער און פרומער קריסט דארף שטארבען.

57טער קאפיטעל.

רעוואלוציאן אין עסטעררייך.

מאצציני האט געהאלטעןווארט. אין גאנץ עסטעררייך קאכט, רוישט און זידעט די רעוואלוציאן. די אונגארן האבען זיך אויפגעהויבען, וויא איין מאן. לודוויג קאשוט שטעהט מיט א גרויסער ארמעע לעבען דער גרענעץ פון זיעבענבירגען אין דער וואלאכיי.

עסטעררייך ציטערט. קייזער פערדינאנד דער ערשטער, א שוואכער כאראקטער, אן אונפעהיגער הערשער, א פרומער יעזואיט, א פייגלינג (טרוס), וועלכער האט מורא געהאט פאר א פליעג אויף דער וואנט, האט זיך אזוי דערשראקען פאר דער רעוואלוציאן, אז ער האט איבערגעלאזען זיין הויפטשטאדט, וויען, און איז אנטלאפען קיין אלמיץ.

אין וויען האט זיך געבילדעט א לעגיאָן, אן ארמעע, פון סטודענטען. די ארבייטער האבען זיך ארגאניזירט און האבען געבילדעט א שרעקליכע מאכט. דער שרעקליכער מיניסטער מעטערניך, דער אריסטאקראט, דער יעזואיט, דער מאן פון בלוט און אייזען, וועלכער האט פיינט געהאט דאס פאלק, וויא א שפיען, האט געמוזט אנטלויפען פון וויען אנגעטאהן אין בויערן קליידער.

עסטערייך האט געציטערט. די פערשיעדענע פעלקער, וועלכע מאכען אויס דאס עסטערייכישע קייזער רייך, האבען זיך אויפגעהויבען און האבען געוואלט אראפווארפען פון זיך דעם יאך פון דער עסטערייכישער קייזער פאמילע — האבסבורג.

צום גליק פאר עסטערייך און צום אונגליק פאר די פעלקער, האט זיך דאמאלס געפונען אין עסטערייך א פרוי, וועלכע האט געהאט אזוי פיעל פערשטאנד און אזוי פיעל מוטה, אז זיא אליין האט אויפגעהאלטען די עסטערייכישע קייזער קראָנע. דאס איז געוועזען די ערצהערצאגין סאָפיע, די מוטער פון דעם איצטיגען עסטערייכישען קייזער, פראנץ יאזעף דעם ערשטען.

זי האט זעהר גוט געקענט דאס אלטע, לאטיינישע שפריכווארט: divido et impero צוטהייל זיי און בעהערש זיי. מאך אן קריעג צווישען די פארטייען און דו וועסט זיי געווינען איינע נאך דער אנדערער. דאס איז א גאנץ אלטעס מיטעל, אבער א זיכערעס. וויא קלוג די מענשען זיינען איצט, קען מען זיי דאך זעהר לייכט אויפהעצען און אויפרייצען איינעם אויף דעם אנדערן.

אין עסטערייך געפינען זיך פערשיעדענע פעלקער. די הויפט שטעמע (שבטים) זיינען: דייטשען, אונגארן און סלאווען. אונטער דעם נאמען סלאווען פערשטעהן מיר: פאליאקען, טשעכען, קראַאטען, חאָרוואטען, סלאָוואקען, רוטהענער און נאך איינינע קליינערע פעלקער. אלע דיעזע פעלקער רעדען די סלאווישע שפראכע, א שוועסטער פון דער רוסישער שפראכע. אלע דיעזע פעלקער רעכענען זיך פאר ברידער. זיי שטאמען אלע אפ פון דעמזעלבען פאלק, פון וועלכען די רוסען שטאמען אפ.

די ערצהערצאגין סאפיע האט געוואוסט, וויא אזוי צו צו ציעהן צו זיך דעם באנוס יעלאַטשיטש, דעם גענעראל גובערנאטאר פון איינינע סלאווישע פעלקער. לודוויג קאָשוט איז געשטאנען מיט א גרויסער אַרמעע אונגארן און האט ערקלערט, אז אונגארן

איז פריי. יעלאטשיטש מיט זיינע ווילדע קראַאטען און וואלאכען האבען ערקלערט, אז זיי האלטען זיך פעסט אן דער אלטער קראנע פון עסטעררייך.

לודוויג קאָשוט האט באלד דערקענט דיא געפאהר פון אזא מאכט, וועלכע יעלאטשיטש האט יעצט געהאט. ער האט ניט גערוהט, דער גרויסער פּאטריאָט און דער פרייהייטס קעמפפער. ער איז ארומגעפלויגען, וויא א שטורמווינד איבער אונגארן, האט איבעראלל געהאלטען פייערינע רעדען און האט אויפגעוועקט און אויפגערעגט דאס פאלק, עס זאל שוין אמאל אראפּווארפען פון זיך דעם יאָך פון זיינע הערשער און אונטערדריקער.

אין אלע גרויסע שטעדט האבען זיך געבילדעט רעגימענטען פון ארבייטער און סטודענטען, וועלכע האבען געפאָדערט פרייהייט און גלייכהייט. דיא רעוואלוציאָן האט געקאכט אין גאנץ עסטעררייך. קייזער פערדינאנד איז קוים אנטלאפען אין זיין אלטע און טרייע שטאדט אָלמיץ. דארט האט ער זיך בעהאלטען אין א קלויסטער אונטערן שוץ פון דיא גוטע און פרומע יעזואיטען.

לודוויג קאשוט, גענעראל גערגי און גראף סטעפען באַטהיאַני האבען געוואוסט, וויא אויסצוניצען דיעזע לאגע. וואלט ניט געווען דאמאלס דיא קלוגע און דורכגעטריע־בענע ערצהערצאגין סאפיע, וואלטען מיר יעצט געהאט אין עסטעררייך עטליכע רעפּובּ־ליקען. זיא איז געווען דיא איינציגע, וועלכע האט פערשטאנען, וויא גרויס דיא געפאהר איז פאר דער עסטרייכישער מאנארכיע; זיא איז געווען דיא איינציגע, וועלכע האט געוואוסט, אז עסטעררייך אליין קען גאר ניט העלפען. מען מוז האבען אנאנדערע מאכט, וועלכע זאל אונטערדריקען דיא רעוואלוציאָן. זיא איז געווען דיא איינציגע, וועלכע האט געוואוסט ביי וועמען צו בעטען הילף אין אזא נויט. זיא האט געוואוסט, אז עס איז דא אויף דער וועלט איין קייזער, וועלכער האט פיינט דיא פרייהייט, וויא דיא פּעסט, און דאס איז קייסער ניקאָלאַי דער ערשטער פון רוסלאנד.

דיא ערצהערצאגין סאפיע האט זיך געווענדעט צו איהם און קייסער ניקאלאי האט געהאלפען. ער האט גערעטעט דיא עסטערייכישע קראנע פאר'ן איצטיגען קייזער פראנץ יאזעף און האט אונטערדריקט אין עסטעררייך יעדען געדאנק פון פרייהייט*).

מיר קענען זיך יעצט אומקעהרן צו אונזער ערצעהלונג, און וועלכער מיר וועלען באלד בעגעגנען אונזערע אלטע בעקאנטע.

עס איז דער 5טער אקטאבער 1848. אין דיא גאסען פון וויען רוישען, קאכען, לויפען, רעדען, שרייען און ליארמען הויפענס מענשען. דיא מיניסטארען האבען ארויס־געלאזען א דעקרעט, אז זיי האבען שוין פערזאמעלט א גאנצע ארמעע און שיקען זיא נעגען אונגארן.

דיא ארבייטער האבען אנגעהויבען זיך צו פערזאמלען אין דיא שענקען און ביער הייזער. גראבע, שטארקע, הארטע, אויסגעארבייטעטע הענד האבען זיך צונויפגעלענט אין שרעקליכע פויסטען.

---

*) מיינע לעזער מוזען מיר ענטשולדיגען, וואס איך האב אונטערבראכען מיינע ערצעהלונג אויף א גאנץ קורצע צייט. איך האב געמוזט זיי ערקלערן אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון יענער צייט, דאן וועל איך מיך אומקעהרן צו מיין ערצעהלונג.

— פרייהייט און גלייכהייט! האט מען אנגעהויבען צו שרייען אין די גאסען.

מען האט געבראכט לעדיגע פעסער פון וויין און פון שנאפס און מען האט זיי אויפגעשטעלט אין דער מיט גאס. דייטשע, פראנצויזישע, איטאליענישע, אונגארישע, און סלאווישע רעדנער זיינען ארויפגעקראכען אויף דיעזע פעסער און האבען ערקלערט דעם פאלק, וויא עס ליידעט און פאר וואס עס ליידעט.

— ניעדער מיט דיא אריסטאקראטען! טויט דיא הערשער! האט געשריען און געברומט דאס פאלק. — עס לעבע אונגארן! עס לעבע דער העלד, לודוויג קאשוט!

פון פאליציי, מיליטער, ארדנונג, ארעסטירען און בעשטראפען האט קיינע רעדע ניט געקענט זיין. דיא פאליציי האט געציטערט. דיא וועניגע סאלדאטען, וואס זיינען געווען אין וויען, פלעגען טרינקען ברידערשאפט מיט'ן פאלק.

אין דער מאריאהילף שטראסע געפינט זיך א גרויסעס ביער הויז מיט'ן שילד'נעם נאמען „צום גאלדענעם הירש.“ אין דיעזעם ביערהויז פלעגען זיך צונויפקומען סאלדאטען פון דיא קאזארמעס, וועלכע זיינען דאמאלס געווען ניט ווייט פון דער מאריאהילף שטראסע.

דיא סאלדאטען האבען שוין געוואוסט פון דעם בעפעהל, אז איבערמארגען וועלען זיי ארויסמארשירען געגען דיא אונגארן, און זיי זיינען היינט געקומען זיך אנטרינקען פאר דער רייזע.

דער שענק איז פול געפאקט מיט מענשען. פאר איינעם פון דיא טישען זיצט א הויכער, שטארקער גרענאדיר מיט א פאר וואנצעס אויף אן ארשין דיא לענג און טרינקט ביער. ארום איהם זיצען קיראסירען, דראגאנער און ארטילעריסטען.

— צום טייפעל! האט פלוצלונג אויסגערופען דער גרענאדיר. — דיא אונגארן האבען דאך רעכט! מיר צאהלען און צאהלען שטייערן, פאר וועמען? פאר וואס? — מיר צאהלען און דיא גראפען, דיא פירסטען און דיא באראנען פרעסען עס אויף!

לעבען אנאנדער טישעל איז געשטאנען א הויכער יונגער מאן אין סטודענטען קליידער, אבער מיט א לאנגען שווערד אין גארטעל. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט זיך צוגעהערט וואס מען רעדט.

— בראווא! אלטער סאלדאט! האט ער אויסגערופען. רופט אויס מיט מיר: פרייהייט און גלייכהייט! אלע מענשען זיינען גלייך און אלע דארפען האבען גלייכע רעכטע.

ער האט ארויסגענומען פון דער קעשינע א לאנגעס פעקעלע מיט ווייסע שפאגעל נייע צוואנציגער און האט זיי אויסגעשאטען אויפ'ן טיש.

— האללא, ווירטה! ברענג ביער פאר דיא גוטע סאלדאטען! זיי דארפען ניט געהן! דא זאלען זיי בלייבען!

— דער סטודענט זאל לעבען! האבען אויסגערופען עטליכע סאלדאטען. מיר דארפען ניט געהן זיך שלאגען מיט דיא אונגארן. מיר בלייבען אין אונזער גוטען, ליעבען וויען.

דער סטודענט האט געהייסען דעם ווירטה געבען אלעמען ביער און האט זיי ערקלערט, וואוהין מען וויל זיי שיקען און צו וואס מען וויל זיי שיקען. ווען דיא סאלדאטען

זיינען שוין געוועזן גאנץ פרעהליך, האט זיך געוויעזען אויף דער טהיר דיא הויבע, קרעפטיגע געשטאלט פון א פעלדוועבעל. הינטער איהם איז געשטאנען זיין געפרייטער, א הויכער, שטארקער יונגער גרענאדיר. דער פעלדוועבעל האט באלד דערזעהן, וואס דא טהוט זיך און איז געווארען רויט, וויא פייער.

— וואס איז דאס, סאלדאטען? האט ער אויסגערופען פול צארן. — פערגעסט איהר, אז מארגען דארפען מיר געהן אין קריעג שלאגען דיא פיינד פון אונזער גנעדיגען קייזער? — וואס פאר א רעדען האלט איהר דאָ? — איהר האט דאך געשווארען צו דיענען דעם קייזער טריי און עהרליך?

וויא אויפגערייצט דיא סאלדאטען זיינען געוועזן, האבען זיי דאך געהאט אביסעל רעספעקט פאר זייער פעלדוועבעל. אייניגע האבען אנגעהויבען זיך ארויסצורוקען שטי־לערהייט פוק'ם שענק; אנדערע זיינען געבליעבען זיצען, אבער שטיל און רוהיג.

— א זיידעל ביער! האט געברומט דער פעלדפעבעל און האט זיך אניעדערגע־זעצט ביי א טיש.

ווען ער זאל געוועזן אויפהויבען דיא אויגען, וואלט ער געזעהן, וויא דער סטודענט ווינקט עפעס צום יונגען גרענאדיר, מיט וועלכען ער איז געקומען און ווייזט איהם אויף א גרויסע לעדערנע טאשע, אין וועלכע דער סאלדאט האט געטראגען צוגעבונדען צום גארטעל. אין דיעזער טאשע זיינען געלעגען פאפיערן.

קוים האט זיך דער פעלדוועבעל אניעדערגעזעצט, איז דער סטודענט צוגעקומען צו איהם און האט איהם ארויפגעלעגט זיין האנד אויף דער פלייצע.

— וואס דארפסט דוא? האט דער פעלדוועבעל געפרעגט ווילד און בייז.

ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דעם סטודענט.

— אה! איהר זייט עס? האט ער אויסגערופען. איך האב אייך ניט דערקענט.

— מיר האבען זיך שוין לאנג ניט געזעהן, האט דער סטודענט געזאגט. איך האב נור געהערט, אז איהר זייט געוועזן ביי דער גרעפין. אייער אנקעל איז ביי איהר פערוואלטער. איהר זייט געוועזן בעזוכען אייער אנקעל און דיא גרעפין האט אייך גע־שיקט רופען.

דער פעלדוועבעל איז רויט געווארען און האט אראפגעלאזען דעם קאפ. דער סטודענט האט זיך אנגעבויגען צו איהם:

— הער נור, פראנץ, דיא גרעפין דארף דיך האבען, געה באלד צו איהר.

— איך קען ניט יעצט, איך בין אין דיענסט, האט דער פעלדוועבעל געענטפערט. איהר זעהט דאך מיט וועמען איך בין געקומען. איך האב איבערצוגעבען דיא אָרדאָ־נאנצען (דיא בעפעהלע פון קאמאנדיר).

— וואס רעדט איהר, פראנץ? ווילט איהר, אז א דאמע זאל אויף אייך ווארטען? פעה, שעהמט אייך! דיא מיליטער קאנצעליי (קאנצעלאריע) קען ווארטען, דיא גרעפין אבער טאר ניט ווארטען א מינוט.

— אך, וואס ווילט איהר פון מיר? האט אויסגערופען דער פעלדוועבעל און איז ארויסגעגאנגען מיט'ן סטודענט פון ביער הויז. — וואס ווילט איהר פון מיר? איך האב

נאך צו דיענען א האלבעס יאהר. דאן האב איך געוואלט פאהרען אהיים און הייראטהען מיין ליעבע אננא.

— נו? ווער לאזט אייך דען יעצט ניט פאהרען אהיים און הייראטהען אייער אננא? — איהר מעגט עס טאהן, קיינער וועט אייך ניט אויפהאלטען. — יעצט אבער דארף איך אייך האבען. דיא גרעפין ערוואַרטעט אייך, זיא וויל אייך עפּעס זאגען.

דער פעלדוועבעל איז ווידער געווארען רויט און אויפגערעגט.

— איך וויים, וואס זיא דארף מיך, האט ער געברומט, איך וויים, וואס איהר דארפט מיך.

ער האט געוויעזען אויף דיא לעדערנע טאַשע, וועלכע דער יונגער סאלדאט הינטער איהם האט געטראגען.

— אט דאס דארפט איהר! איהר ווילט וויסען, וואס עס שטעהט אין דיא אָרדאָנאַנצען! — איך קען עס ניט טאהן. — איך וויל ניט פעררעטהען מיין קייזער! געהט אייך אוועק פון מיר! איך בין א טרייער סאלדאט!

— זיי ניט קיין נארר, פראַנץ! האט דער סטודענט געזאגט בייז. דיא גרעפין ווארט אויף דיר! וואס רעדסט דוא פון סאלדאטען? — עס איז שוין אוים מיט דיא סאלדאטען! זעהסט דוא דען ניט, אז דאס גאנצע פאלק וויל ניט דעם קייזער, ניט זיינע סאלדאטען? — דוא מוזט האלטען מיט'ן פאלק, ניט מיט'ן קייזער! דוא ביסט דאך אליין פון'ם פאלק.

דער פעלדוועבעל איז געווארען אויפגעקאכט און האט געוואלט אנטלויפען. דער סטודענט האט עפּעס א ווינק געטאהן דעם יונגען סאלדאט, וועלכער האט געטראגען דיא לעדערנע טאַשע, און האט איהם געזאגט עפּעס אויף אונגאַריש, א שפּראַכע, וועלכע דער פעלדוועבעל האט ניט פערשטאנען.

— קום סאַבאָ! האט דער פעלדוועבעל גערופען.

— איך געה! איך געה! האט סאַבא געענטפערט.

ער האט גערעדט נאך עפּעס מיט'ן סטודענט און א פּעקעל געלד איז געפלויגען פון'ם סטודענטס הענד אין דיא הענד פון'ם יונגען סאלדאט.

אונזערע לעזער וועלען איהם געוויס ניט דערקענען. דאס איז אונזער אלטער בעקאנטער, סאַבא פאלקאָ, דער ברייטיגאם פון דער אונגליקליכער האַנקאַ. ווען מיר האבען איהם געזעהן צום ערשטען מאל, איז ער געוועזען א שוויין הירט. יעצט איז ער א גאנץ שעהנער, אנשטענדיגער סאלדאט.

קוים האט דער סטודענט אפּגערעדט, וואס ער האט גענראַפט, מיט סאַבאָ פאלקאָ, איז ער ארויפגעשפּרונגען אויף א טיש און האט אנגעהויבען צו רעדען:

— בירגער און סאלדאטען! ענדליך האט איהר געעפענט דיא אויגען און האט דערזעהן, אין וואס פאר א שלעכטער, פערצווייפעלטער לאגע איהר געפינט זיך. ווער האט אייך געבראכט אין אזא לאגע? אייערע הערשער! ווער בעהערשט דען יעצט דיא נוטע און שעהנע שטאדט וויען? — דער שינדער, דער מענשענפרעסער, דער קריעגס־מיניסטער לאַטור! דער טויגעניכטס! ער איז איין הערץ און איין זעעלע מיט דעם ווילדען יעלאַטשיטש און מיט דעם בייזען ווינדישגרעץ. זיי הערשען יעצט אין וויען! זיי טהוען, וואס

זיי ווילען! — הערט זיי ניט, מענער! בויט בארריקאדען! שטעלט אייך נעגען דיעזע ווילדע אריסטאקראטען! — ברידער! פארדערט, אז מען זאל אונז ארויסגעבען דיא קאנאָנען! געבהויכט געוואלט געגען געוואלט: — סאלדאטען! איהר זייט אונזערע ברידער, העלפט אונז! לאמיר פערטרייבען דיא שורקען!

— ווער רעדט עס אזוי? האט פלוצלונג אויסגערופען א שטרענגע שטימע.

אלע האבען זיך אומגעקוקט און האבען דערזעהן אן אפיציער פון דיא גרענאדירען. דער פעלדוועבעל האט איהם געשיקט זאגען, אז אין ביער הויז „צום גאלדענען הירש“ געפינט זיך איינער, וועלכער רייצט אויף דאס פאלק.

— ארעסטירט איהם, דעם רעוואלוציאנער! האט געשריען דער אפיציער, שלעפט איהם אין דיא וואכט שטיבע! מארגען וועט מען איהם שיעסען! ער איז א שפיאָן! דער פעררעטהער קאשוט האט איהם געשיקט.

אין אנאנדערע צייט וואלט מען געוויס געווען געפאלגט דעם אפיציער און מען וואלט געווען ארעסטירט דעם סטודענט. היינט אבער האט זיך קיינער ניט געריהרט פון'ם ארט. דער אפיציער האט פערשטאנען, אז יעצט איז ניט דיא צייט צו געברויכען דיא אלטע מיטעל: צו בעפעהלען, צו הייסען, צו הערשען. דיא סאלדאטען זיינען געבליעבען זיצען בייז און פינסטער און האבען זיך זאגאר ניט אויפגעהויבען פאר זייער אפיציער.

— עס איז שוין שפעט! האט דער אפיציער ענדליך געזאגט צו דיא סאלדאטען, געהט אין דיא קאזארמעס! מארגען פריה געהן מיר ארויס קיין אונגארן.

— רעגט אייך ניט אויף, הערר ליעטענאנט! האט דער סטודענט געזאגט צום אפיציער, אייער מאכט איז געבראכען, דיא סאלדאטען וועלען אייך מעהר ניט פאלגען, וויא דיא מאשינען. זיי פערשטעהן שוין, וואס פרייהייט בעדייטעט. זיי ווילען שוין מעהר ניט זיין דיא שקלאפען פון טיראנען!

דיעזע ווערטער האבען אזוי אויפגערייצט דעם אפיציער, אז ער איז צוגעלאפען צום טיש, וואו דער סטודענט איז געשטאנען, און האט אנגעכאפט דעם סטודענט ביים ראָק.

— ווען קיינער פון אייך וויל מיר ניט העלפען, האט ער געשריען אויסער זיך, וועל איך אליין ארעסטירען דיעזע שורקען. — אים נאמען פון אונזער קייזער ארעסטיר איך דיעזען רעוואלוציאנער!

דער סטודענט האט זיך אנפאנגס א חאפ געטאהן ביי דער קעשינע און האט געוואלט ארויסחאפען א פיסטאלעט אדער א מעסער. באלד אבער האט ער זיך איבערלעגט, אז עס איז גלייכער, מען זאל איהם ארעסטירען, קיים וועט איהם דער אפיציער ארויספיהרען אויף דער גאס, וועלען צוקומען זיינע קאמעראדען און וועלען איהם בעפרייען. עס וועלען זיך צונויפלויפען פיעל מענשען און ער וועט האבען דיא געלעגענהייט צו האלטען א רעדע פאר א גרויסער מענגע.

— מאכט פלאץ! האט קאמאנדירט דער אפיציער. — לאזט מיך ארויספיהרען דעם פעררעטהער, דעם רעוואלוציאנער!

דער סטודענט האט זיך אומגעקוקט און האט געזעהן, וויא צווייא מענער שטעהן בערייט און ווילען איהם ארויסרייסען פון דיא הענט פון אפיציער.

— ביי דער צווייטער שטראסען עקע! האט ער זיי געזאגט אויף אונגאריש.

קוים האט איהם דער אפיציער ארויסגעשלעפט אויף דער גאס, האט דיא מענגע אנגעהויבען צו פייפען, צו זומען, צו ברומען, צו לאכען און צו שפעטען פון'ם אפיציער. מען האט געהערט שרייען: טיראנען קנעכט! הענקער! שווארץ־געלער הונט! (דיא עסטערייכישע פארבען זיינען שווארץ און געל.)

דער אפיציער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ער האט בעגאנגען א שרעק־ליכע נארישקייט, וואס ער האט ארעסטירט דעם יונגען מאן. עס איז שוין אבער געוועזן צו שפעט. דאס פאלק האט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און שטיקער בלאטע, פוילע אייער און זויערע אונערקעס האבען אנגעהויבען צו שיטען זיך אויף איהם פון אלע זייטען.

— מענער! בירגער! האט דער אפיציער אנגעהויבען צו שרייען, האט איהר פערגעסען דיא פפליכט צו אייער קייזער? צו אייער פאטערלאנד?

— אונזער קייזער איז דיא פרייהייט! האט געשריען דיא מענגע. — לאזט אפ דיעזען מאן! ער איז א פריינד פון'ם פאלק. ער האט גוט גערעדט. ער האט גערעדט פיר דאס פאלק. מיר וועלען עס ניט ערלויבען, אז מען זאל אונז אריינוואַרפען אין דיא געפענגניסע, וויא דיא שעפסען. מיר ווילען דאס פרייע ווארט! יעדער זאל מעגען רעדען און שרייבען, וואס ער וויל! מיר ווילען מעהר ניט זיין קיין קנעכט!

דיא מענגע איז געווארען אימער גרעסער, אימער שרעקליכער און אימער אויפ־גערעגטער. דער אפיציער האט זיי געוואלט איבערשרעקען, אדער ער האטווירקליך געוואלט זיך פערטהיידיגען; ער האט ארויסגעכאפט זיין שווערד און האט געוואלט צוטרייבען דיא מענגע.

— צוטרייבט דיא קאנאליע, גרענאדירע! האט ער געשריען צו דיא סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען פון דער וויטען.

אין דיעזע מינוט האט איהם אן ארבייטער אריינגעשטאכען א שארפען מעסער אין רוקען. דער אפיציער איז אומגעפאלען. דיא מענגע איז זיך צוגאנגען מיט געשרייען און מיט ליארמען. נור דער סטודענט איז געבליעבען. ער האט זיך געווענדעט צו צווייא מענשען, וועלכע האבען דיא גאנצע צייט ניט אפגעטראטען פון איהם, און האט זיי געזאגט:

— האלט אויף דיא מענגע. אום צוועלף אוהר ביי נאכט וועל איך ווידער קומען אהער. היינט ביי נאכט מוזען אללע באררייקאדען פערטיג זיין. — ווען עס איז מעגליך, זעהט, אז דיא סאלדאטען אין דיא קאזארמעס זאלען האבען צו טרינקען, וויא פיעל זיי וועלען נור קענען. זיי דארפען ניט ארויסגעהן פון ווין. זיי דארפען בלייבען דא און איבערגעהן צו אונז.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען.

דיא רעוואלוציאן האט אויסגעבראכען. דער אפיציער, א באראן פאן גאלדאהן, איז געוועזן איהר ערשטעס אפפער. עס האבען זיך קוים געפונען צווייא ארימע ארבייטער

פרויען, וועלכע האבען צוגערופען א פאר מענער און מען האט דעם שטארבענדען בארא ארייננגעטראגען אין א שטוב. מען האט געשיקט רופען א דאקטאר. ער איז אבער נעקומען צו שפעט. דער אפיציער איז שוין געווען טויט.

58טער קאפיטעל.

דיא ארדאנאנצען.

אין אן עקע אם פלאץ אם האף געפינט זיך א שעהנעס. דרייא שטעקיגעס הויז. עס איז נאכט, דיא פענסטער פון'ם ערשטען שטאק זיינען זעהר שוואך בעלייכטעט. ווען מען וויל ארייגעהן אין דיעזעס הויז, מוז מען פארבייגעהן דיא וואינונג פון'ם פער־וואלטער אדער הויזמייסטער. וויא מען רופט אזא מענשען אין וויען.

דיעזער הויז מייסטער, אן אלטער, דיקער מאן, מיט אפאר ברילען אויף דער נאז, זיצט יעצט אויף א שטיינערנע באנק פארן הויז און בעטראכט, וואס עס טהוט זיך אויף דער גאס. פאר איהם שטעהט א יונגער מאן, א סטודענט מיט א שווערד אויף זיינע לענדען.

— עס קאכט ווידער אין שטאדט, הערר מאטהיאס, האט געזאגט דער אלטער הויז מייסטער. ווערט איהר זיך ווידער שלאגען?

דער סטודענט האט ניט געענטפערט. עס איז ניט געווען וואס צו ענטפערן. דיא גאסען האבען גערוישט און געקאכט. מענשען זיינען געגאנגען, געלאפען, האבען גערעדט, געשריען און געליארמט.

— וואס איז היינט געשעהן מיט דער גוטער, אלטער שטאדט וויען? האט דער אלטער מאן ווידער געפרעגט. אמאל פלעגען געהן גראפען מיט גראפען און ארבייטער מיט ארבייטער. היינט איז עפעס א פערקעהרטע וועלט. דארט אויבען וואינט א גרעפין און צו איהר קומען סאלדאטען, בירגער, ארבייטער און סטודענטען. וואס טהוען זיי דארט? — איך וואלט אנטלאפען פון דאנען. וואס זאל איך דא טאהן, ווען דיא מענשען זיינען געווארען וואהנזיננינ?

— וויא לאנג זייט איהר שוין הויזמייסטער דא אין דיעזען הויז? האט דער יונגער מאן געפרעגט.

— אך! שוין לאנג, זעהר לאנג! האט דער אלטער געענטפערט. איך האב גע־דיענט אין דער ארמעע און האב מיך געשלאגען געגען דיא פראנצויזען. איך געדענק, ווען פיעלע קייזער און קעניגע זיינען געקומען אהער צופאהרען. דאמאלס איז אויך גע־ווען פרעהליך אין דיא גאסען, אבער ניט וויא היינט. דאמאלס האט מען געזעהן אפי־ציערן, גענעראלען, פירסטען און הערשער. היינט זעהט מען ארבייטער, בויערן און סטודענטען. עס איז געווען שעהן צו זעהן, וויא אונזער קייזער פראנץ איז אריינגעפאהרען מיט'ן רוסישען קייסער. היינט אבער האט אונזער קייזער געמוזט אנטלויפען פון זיין ליעבער שטאדט וויען און דיא ארבייטער קאמאנדירען. — שלעכטע צייטען! שלעכטע צייטען!

— שווייגט, אלטער מאן! האט דער סטודענט אויסגערופען. ווייסט איהר, אז מען קען אייך ארעסטירען פאר אזעלכע רעד?

— פאר אייך הערר מאטהיאס, מעג איך רעדען. איך ווייס, איהר זייט א גוטער מענש און וועט מיך ניט פערראטהען. איך קען עס אבער ניט לייד‏ען, אז דער איד וויל ווערן א קאוואליר און דער ארבייטער וויל ווערן א מיניסטער. דאס טויג ניט! דאס דארף ניט זיין! דער איד מוז בלייבען א איד און דער בויער דארף בעארבייטען דיא ערד.

אין דיעזער מינוט זיינען אנגעקומען צוויי סאלדאטען און האבען געוואלט אריינ־געהן אין הויז, דאס איז געוועזן דער פעלדוועבעל פון דיא גרענאדירען און דער יונגער סאלדאט סאבא פאלקא.

— גוטען אבענד, אנקעל! האט געזאגט דער פעלדוועבעל צום אלטען. איך האב אייך שוין לאנג ניט געזעהן.

— דוא דארפסט מיך אויך ניט, האט געברומט דער אלטער. ביסט שוין א פאר מאל דא געוועזן און האסט גאר ניט אקוק געטאהן צו מיר.

— איך האב קיין צייט ניט געהאט, אנקעל.

— פאר דיא אונגארישע גרעפין האסט דוא שוין צייט געהאט, האט דער אלטער געזאגט בייז. — מיר געפעלט ניט, וואס דוא געהסט דארט אויבען. דוא ביסט א בויער און דארט אויבען איז א גרעפין, וואס האסט דוא צו טאהן ביי דער גרעפין?

— מען שיקט מיך צומאל צו איהר, אנקעל. איהר ווייסט דאך, אז איך בין א סאלדאט און מוז פאלגען, וואס מען הייסט מיר. — איך האב אבער קיין צייט ניט, אנקעל, מיט דיר יעצט פיעל צו רעדען. איך מוז ארויפגעהן צו דער גרעפין.

— קומט, פראנץ! האט איהם דער סטודענט מאטהיאס געזאגט, דיא גרעפין ווארט אויף אייך.

ביידע מענער זיינען ארויפגעגאנגען אויף דיא טרעפ. סאבא פאלקא איז געבליעבען אין דרויסען מיט'ן אלטען הויזמייסטער. עס האט געדויערט גאר ניט לאנג און דער סטודענט איז צוריקגעקומען און האט געזאגט צום סאלדאט:

— קום דוא אויך ארויף, סאבא. דיא גרעפין דארף דיך אויך האבען. זיא האט מיר געהייסען, איך זאל דיך אריינפיהרען אין אנאנדער צימער. —

דער סטודענט האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט געפיהלט, אז דער סאלדאט ציטערט.

— וואס איז היינט מיט דיר, סאבא? האט ער געפרעגט. וואס ציטערסט דוא אזוי? וויא קומסט דוא אהער? — וואס איז מיט דיר היינט?

— לאמיר אריינגעהן אין הויף, מאטהיאס, האט סאבא פאלקא געבעטען, איך האב עפעס צורעדען מיט דיר, ברודער.

ביידע יונגע לייט זיינען אריינגעגאנגען אין הויף און האבען זיך אניעדערגעשטעלט ביי דער וואנד.

— ברודער מאטהיאס! האט סאבא פאלקא אויסגערופען, איך האב דיר שוין דערצעהלט, וויא אזוי איך בין געווארען א סאלדאט. איך האב דיר שוין דערצעהלט, וויא איך האב געבעטען דעם קריעגסמיניסטער, גראף דעלאטור, ער זאל מיר אפגעבען מיין האנקא. ער האט מיך צוריקגעשטויסען מיט דיא פיס. — יעצט איז געקומען דער

טאג דער ראכע (נקמה)! — ער האט דאמאלס ניט געוואלט אננעהמען מיין געשענק, דער שטאלצער גראף, ער וועט יעצט שטארבען פון מיינע הענד! — זיי וועלען אלע שטארבען, — אלע, וועלכע האבען קיין הערץ און קיין מיטלייד מיט אן ארימען און אונטערדריקטען!

— וואס רעדסט דוא, סאבא? דוא ווילסט טייטען דעם קריעגסמיניסטער, גראף דעלאטור? — ביסט דוא וואהנזיניג?

— יא, ברודער! אמאל דאכט מיר אליין, אז איך בין וואהנזיניג. איך זעה פאר מיר בלוט — בלוט — און בלוט. ווען איך ווער אנטשלאפען, זעה איך, וויא דער וואלף צורייסט מיין האנקא; איך זעה וויא איהר בלוט גיעסט זיך אויף דער ערד; איך הער, וויא זיא שרייט, וויא דער וואלף ברומט און וויא דער רויטער אפיציער רופט זיינע סאלדאטען. — איך חאפ מיך אויף פון מיין שלאף און לויף ארום, וויא א וואהנזינינער. איך בין אבער ניט וואהנזיניג, מאטהיאס. איך קען ניט פערגעסען דיא האנקא. זיא רופט מיך, זיא הייסט מיר קיהלען מיין הערץ אין בלוט פון יענע מענשען, וועלכע האבען מיך דאמאלס אזוי ערניעדריגט און אזוי געשענדעט. — איך בין שוין קלוג געווארען אין דער גרויסער שטאדט וויען. דער קאפאראל האט מיך געשלאגען מיט'ן שטעקען. ער האט ארויסגעשלאגען פון מיר פיעלע זאכען, ער האט אבער אריינגעשלאגען אין מיר אנדערע געפיהלע. — איך מוז קיהלען מיין הערץ. זיי האבען ניט געוואלט אננעהמען פון מיר דעם וואלף אלס געשענק. איך וועל זיי אלע איבערגעבען צו דיא וועלף.

— צו דיא וועלף? וואס רעדסט דוא, נארישער סאבא?

— יא, צו דיא וועלף. ערשט צו דיא וועלף אין מענשענגעשטאלט. זיי האבען ניט געהאט קיין מיטלייד מיט מיר, ווען איך בין געלעגען אויף דער ערד, האב געוויינט און געבעטען, זיי זאלען מיר אפגעבען מיין האנקא. מען וועט מיט זיי אויך קיין מיטלייד ניט האבען. ווען דיא וועלף אין מענשען געשטאלט וועלען זיי פערשרינען, וועל איך רופען דיא פיערפיסיגע וועלף.

סאבא פאלקא האט גערעדט אזוי ערנסט און אזוי פייערליך, אז דער סטודענט האט זיך פאר איהם דערשראקען. ער האט געזעהן, אז סאבא שפאסט ניט.

— וואס ווילסט דוא טאהן, סאבא? האט ער אויסגערופען. מיר קענען זיך פון קינדוויים אן, האנקא איז געוועזן מיין ניכטע, מיר טהוט אויך זעהר וועה, ווען איך דער־מאן מיך, מיט וואס פאר א שרעקליכען טויט זיא איז געשטארבען. וואס ווילסט דוא אבער טאהן? איבערלעג דיך! פערגעס ניט, אז דוא ביסט א סאלדאט. קיים וועסט דוא אויפהייבען א האנד געגען דיין אפיציער, וועט מען דיך באלד שיעסען.

— איך קען ניט, ברודער מאטהיאס! — אט דא זיצט עס! — ער האט גע־וויעזען אויפ'ן הארצען. — אך! עס איז אזוי רויט ביי מיר אין הארצען און אין קאפ. איך קען עס ניט פערגעסען! דיא האנקא קומט צו מיר און לעגט זיך לעבען מיר. זיא איז אזוי קאלט, וויא אייז. זיא קען ניט איינרוהען אין איהר קאלטען גראב. — דוא ווייסט דאך, מאטהיאס, אז ווען א מעדכען, א בראוט, שטארבט פאר איהר האכצייט, קען זיא ניט איינליעגען רוהיג אין גראב; זיא געהט ארום און קומט אפט צו איהר געליעבטען.

ער האט א ציטער געטאהן. דער סטודענט האט ניט געוואוסט, אויב ער האט פאר זיך א קלאָרען מענשען, אן אונגליקליכען, אדער א וואהנזיניגען.

— בערוהיג דיך, סאבאָ! האט ער געבעטען, רעד קיינע נארישקייטען! דיא טויטע ליגען רוהיג אין זייערע גרעבער. — הער אויף צו דענקען אן דער אונגליקליכער האנקאָ! זיי א מאן און טהו דיין פפליכט.

— סאבאָ רעדט קיין נארישקייטען, ברודער מאטהיאס! סאבא וויים, וואס ער טהוט. סאבאָ האט געלערנט, וויא אזוי צו ווארטען אויף דיא שטונדע, ווען ער וועט קענען זיך רעכנען (זיך נוקם זיין). איך האב געווארט, איך האב געציטערט און געווארט. איך האב בעקומען שלעק פון'ם פעלדוועבעל, פון'ם אונטער אפיציער, פון'ם יונקער, פון'ם אפיציער און האב געווארט. מיינסט דוא, אז איך וויים ניט, וואס עס טהוט זיך אין דער היים?

דער סטודענט איז געווארען אויפמערקזאם. דער שוויין הירט סאבאָ פאלקאָ איז אויסגעוואקסען אין זיינע אויגען. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען. אז פאר איהם שטעהט קיין געוועהנליבער מענש, — פאר איהם שטעהט א העלד, א ריעז, א שרעקליכער ריעז, וועלכער קען ניט פערגעסען און קען ניט פערגעבען.

— וואס האסט דוא געהערט עפּעס פון דער היים? האט מאטהיאס געפרעגט.

— ראָסא סאנדאָר האט געשאָסען דעם פערוואלטער פון'ם גראף פאלפי גלייך אין הארצען, האט דער יונגע גרענאדיר דערצעהלט. ראָסא איז מיין איינציגער פריינד. דוא, מאטהיאס, ביסט אויך מיין פריינד, דוא ביסט אבער א געלערנטער מאן, דוא לערנסט צו זיין א דאקטאר. דוא פערגעסט דיינע ארימע ברידער, דיא סלאוואקען פון דער פוסטא, ראָסא סאנדאָר טהוט עס ניט. ער געדענקט, ווער עס האט בעליידיגט אן ארימען מענשען און פערשווייגט איהם ניט. — ווייסט דוא, וואו ראָסא סאנדאר איז יעצט?

— איך וויים עס ניט. האט דער סטודענט געענטפערט.

— לודוויג קאָשוט האט איהם געמאכט פאר א קאפּיטאן און האט איהם געגיבען א גאנצען באטאליאן צו קאמאנדירען. — ווען איך וועל ענדיגען מיין ארבייט דא אין וויען, וועל איך געהן צו איהם, צו ראָסא סאנדאָר.

— וואס רעדסט דוא, סאבאָ? איך פערשטעה דיך ניט. וואס איז מיט דיר? וואס פאר אן ארבייט ווילסט דוא ענדיגען?

— קוק, מאטהיאס! קוק, ברודער! דארט אויבען וואינט אן אונגארישע גרעפין. זיא האט מיר פערשפּראכען, אז איך וועל זיין דער ערשטער, וועלכער וועט ארייגשיעסען א קוגעל אין הארצען דעם קריעגס מיניסטער, גראף לאטור. ער האט עס עהרליך פערדיענט, דער שטאלצער גראף! ער האט דעם סאבא געטרעטען מיט דיא פיס, ווען דער אונגליקליכער איז געלעגען פאר איהם אויף דער ערד און האט געוויינט. ער האט ניט געוואלט הערן דאס געוויין און דאס בעטען פון'ם ארימען סאבא. זיי זאלען אלע שטארבען! נור דיא יונגע גרעפין ניט. זיא האט געוואלט נעמען דיא האנקא צו זיך אין שלאס.

אייניגע אויגענבליקע האבעןביידע געשוויעגען. ביידע זיינען געוועז פערטיעפט אין זייערע פינסטערע געדאנקען.

— מארגען, ברודער מאטהיאס, ווען עס געשעהן, האט סאבא פאלקא געזאגט, מארגען ווען דער שטאלצער גראף, דער קריעגס־מיניסטער, שטארבען. דאן, ברודער, קום מיט מיר אין שעהנעם אונגארלאנד צו ראסא סאנדאָר. מיר וועלען זיך שלאגען פאר אונזער פרייהייט. איך וויים, אז דיא שטאָלצע אונגארישע גרעפין האט דיך מיט־געבראכט פון דער פוסטא אהער. איך וויים, אז זיא גיט דיר געלד, אז דוא זאלסט לערנען אין דער אקאדעמיע, דערפאר אבער ביסט דוא איהר שקלאף. זיא האט דיך געקויפט, וויא דער טערק קויפט א מעדכען, א שקלאפין, צו בעפריעדיגען זיינע ווילדע בעגיערדע. איך וויים, פאר וואס זיא האלט דיך.

— דוא האסט רעכט, סאבאָ! דוא ווייסט ניט, וויא שרעקליך איך לייד, האט דער סטודענט געענטפערט. וואס קען איך אבער העלפען? דוא ווייסט דאך, אז מיינע עלטערן זיינען ארימע סלאוואקען. עס איז געוועזן א הונגער אין אונגארלאנד, דער ארי־מער מאטהיאס וואלט געשטארבען פאר הונגער. דיא גרעפין האט איהם גענומען צו זיך. זיא האט איהם מיטגעבראכט קיין וויען און האט איהם געלאזען לערנען.

וואס האב איך געקענט טאהן, סאבאָ? איך האב געוואהנט ביי איהר אין הויז און האב געמוזט ווערן איהר ליעבהאבער. — איך מוז פאלגען, וואס זיא הייסט מיר. זיא שלאגט מיך, זיא צווינגט מיך צו טאהן זאכען, וועלכע איך דארף ניט טאהן. — ערשט זייט איינינע מאנאטע וואהנט ביי איהר אנאנדער סטודענט, א דאקטאר. זייט ער וואהנט ביי איהר, איז זיא בייז אויף מיר. דיין פעלדוועבעל, דער שטאָקהאמער קומט אויך אפט צו איהר. איך וויים ניט, וואס זיי טהוען דארט. — איך בין אבער אונגליקליך, סאבאָ!

דער יונגער מאן האט פערדעקט זיין געזיכט מיט דיא הענד. ער האט געוויינט. סאבאָ האט איהם בעטראכט מיט שטוינען. דער געוועזענער שווין הירט האט געמיינט, אז ווען מען לערנט, ווערט מען שטארקער, ווילדער, שרעקליכער און יעצט זעהט ער פאר זיך א שוואכען מענשען, וועלכער ציטערט פארן בליק פון א פערדארבענע, פער־וואָרפענע פרוי.

ער האט געוואלט נאך עפעס זאגען דעם סטודענט, אין דיעזע מינוט אבער איז אראפגעקומען א קאמערמעדכען און האט געזאגט:

— דיא גנעדיגע פרוי גרעפין וויל זעהן דעם גרענאדיר סאבאָ פאלקאָ.

סאבא איז ארויפגעגאנגען צו דער גרעפין. דער סטודענט איז געבליעבען שטעהן אין קאָרידאר. ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אן דעם געלענדער פון דיא טרעפ און האט זיך פערטראכט. שווערע, ביטער־געזאלצענע טראפען טרערין האבען זיך געגאסען איבער זיינע בלייכע באקען.

פלוצלונג האט ער דערהערט א פרישען, פרעהליכען, הערצליכען און פריינדליכען געלעכטער. א פרישע, פרעהליכע מעדכענ־שטימע האט אויסגערופען:

— אך, פאטער! אט זיצט דאך אונזער אָנקעל, איננאץ! גריס דיך גאט, אָנקעל! דוא קענסט מיך שוין ניט? דוא האסט פערגעסען דיין קליינע נאנעלע?

און אן עהרליכער, פייעריגער קוש פון יונגע, רויטע ליפען האט געברענט אויף

דיא צוקנייטשטע באקען פון'ם אלטען הויזמייסטער, וועלכער איז נאך אלין געזעסען אויף דער באנק און האט געקוקט אויף דער נאס.

— בראווא, שעהנעס מעדכען! האבען געשריען עטליכע מענער שטימען. — איך וועל דיר געבען פינף גולדען פאר אזא קוש! — דוא ביסט א נארר, וואס דוא קושט אזא אלטען, שוואכען מאן! קוש ליעבער א יונגען!

פאר דער טהיר האט זיך פערזאמעלט א רעדעל פרעהליכע, האלב בעטרונקענע מענשען. זיי האבען געזעהן, וויא דאס שעהנע דארפס־מעדכען האט אזא הערצליכען קוש געטאהן דעם אלטען מאן, און זיי האבען זיך געמאכט א שפאס. איינער איז צר נענאנגען נעהנטער צום מעדכען און האט געוואלט זיא ארומנעהמען, אבער א הויכער, קלינגענדער פאטש מיט דער גאנצער קראפט פון א דארפס־מעדכען האט פערהילכט דיא נאס.

— פעה! שעהמט אייך איהר שטאדטלייטע! האט אויסגערופען דאס שעהנע דארפס־מעדכען, וואס האט איהר צו לאכען, ווען איך קוש מיין גוטען ליעבען, טהייערן אנקעל, דעם ברודער פון מיין מוטער? וואס שטעהט איהר דא און גאפט? האט איהר קיין מאל ניט געזעהן קיין טיראלער מעדכען?

— מיר האבען געזעהן פיעלע טיראָלער מעדכען, אבער ניט אזא שעהנע, וויא דוא, האט געזאגט א יונגער מאן אין סטודענטען קליידער. — דוא מוזט אונז געבען יעדען א קוש, דערפאר וואס מיר האבען דיר געוויעזען, וואו דער אלטער דעללינגער וואהנט.

יעצט האט דער אלטער הויזמייסטער געפונען פאר נעטהיג זיך ארייןצומישען און מאכען אן ענדע דיעזען שפאס, וועלכען דיא שטאדט איינוואהנער ערלויבען זיך אזוי אפט איבער דיא דארפסלייט.

— קומט אריין צו מיר אין צימער, האט ער געזאגט און האט געוואלט אריינ־פיהרען דאס מעדכען מיט איהר אלטען פאטער צו זיך אין צימער.

דיא מענגע אבער האט זיך געוואלט מאכען א שפאס און האט ניט געוואלט אריינלאזען דאס יונגע מעדכען אין שטוב.

דער סטודענט מאטהיאס האט זיך אויפגעהאפט פון זיין טראכטען, וויא איינער חאפט זיך אויף פון א הארטען שלאף און האט דערזעהן פאר זיך צוויי זאנדערבארע געשטאלטען: א יונגעס מעדכען פון א יאהר זעכצעהן — זיעבצעהן אין דיא שעהנע, אבער זאנדערבארע קליידונג פון דיא בויערן פון טיראל. דאס מעדכען איז ווירקליך געוועזן בלענדענד שעהן. זיא איז געוועזן הויך און שטארק, וויא אלע מענשען, וועלכע וואהנען אין דיא הויכע בערג. לעבען איהר איז געשטאנען א הויכער, אלטער מאן מיט א זאק אויף דיא פלייצעס און מיט א לאנגען גראבען שטעקען אין דער האנד.

עס איז געוועזן דייטליך, אז דאס איז א פאטער מיט א טאכטער, אדער א גראס־פאטער מיט אן עניקעל. זיי זיינען ערשט געקומען קיין וויען און זיינען געוועזן זעהר וועניג בעקאנט מיט דער שטאדט. זיי האבען זיך געפרעגט צו איגנאץ דעללינגער, וועלכער וואהנט אויפ'ן פלאץ אם האף. (אם האף הייסט דאס גרויסע געביידע, וואו עס געפינט זיך דאס עסטעררייכישע קריעגס־מיניסטעריום).

דער סטודענט מאטהיאס האט געזעהן, אז דיא ווילדע, אונטערגעטרונקענע מענגע וויל טרייבען איהר שפאס מיט דיא פרעמדע שוין צו ווייט און ער האט זיך ארויסגעשטעלט.

— שעהמט אייך, וויענער בירגער! שאנדע און שפאט פאר אייך, פרייהייטס קעמפפער! — וואס האט איהר צו דיעזען אלטען מאן מיט זיין טאכטער? — אוועק פון דאנען! איהר האט דא ניט וואס צו טאהן! — קומט אריין אין שטוב, פרעמדע! איך וועל אייך בעוואכען!

דיא מענגע האט זיך פערשעהמט און איז זיך צוגאנגען. דער אלטער דעללינגער, דער הויזמייסטער, האט יעצט אריינגעפיהרט זיינע געסט אין קאררידאר פון'ם שעהנעם גרויסען הויז, וואו דיא גאז לאנטערנען האבען שוין געברענט גאנץ העלל. דאס איינפאכע דארפס מעדכען איז יעצט צוגעגאנגען צום סטודענט מאטהיאס און האט איהם געגיבען דיא האנד.

— דוא ביסט א גוטער מאן, גנעדיגער העררר! האט זיא געזאגט פריינדליך און הערצליך, גלייך וויא זיא וואלט גערעדט צו א ברודער. — עס איז א שאנדע פאר דיא וויענער, וואס זיי בעפאלען אזוי אונז, דארפ'ס לייט.

דער יונגער מאן איז געווארען רויט, וויא פייער. ער האט געפיהלט, אז ער האט פאר זיך א פרישע, ריינע, אונשילדיגע נאטור, — א מעדכען, וועלכע איז נאך ניט פערדארבען פון דער לופט פון דער גרויסער שטאדט. ווען מיר לעבען לאנג אין א גרויסער שטאדט און זעהן בעשטענדיג פאר אונז דיא געפוצטע, געשמיערטע, געפודערטע, געקאלכטע, ביז אין דיא מארך פון דיא ביינער פערדארבענע דאמען, איז עס א פערגניגען, א גענוס, צו זעהן פאר זיך אזא פרישעס אונשולדיגעס קינד.

דער אלטער הויזמייסטער האט אריינגעפיהרט זיינע געסט צו זיך אין שטוב און האט זיי געבעטען זיצען.

— זעץ דיך, שוואגער האספינגער! האט ער געבעטען דעם אלטען. דוא ביסט געוויס מיעד פון דער רייזע.

דער אלטער מאן האט געמורמעלט עפעס אפאר ווערטער. ער האט פיינט געהאט פיעל צו רעדען, דער אלטער איינוואינער פון דיא הויכע, מיט אייביגען שנעע בעדעקטע בערג פון טיראָל. דיא בערג שווייגען און זייערע איינוואינער האבען אויך ליעב צו שווייגען.

— וואס האט דיך געבראכט קיין וויען אין אזא צייט? האט דער אלטער הויז־מייסטער געפרעגט זיין שוואגער.

— איך בין געקומען זעהן דעם פראנץ, האט דער אלטער האספינגער געענט־פערט קורץ.

פראנץ שטאָקהאמער, דער פעלדוועבעל, וועלכער איז פריהער ארויפגעגאנגען צו דער גרעפין, איז געוועזן דעללינגערס און האספינגערס א נעפע, (פלעמיאניק). ער איז געוועזן דער ברויטיגאם פון דעם שעהנעם מעדכען. דער אלטער האספינגער איז אויך געוועזן א סאלדאט אין דער יוגענד. ער האט זיך געשלאגען געגען דיא פראנצויזען און איז פון דאמאלס אן געוואינט געוועזן צו בעטראכטען דעם קייזער אלס א גאט. —

ווער עס האט נור אמאל גערעדט מיט אן אלטען סאלדאט, דער ווייס, וויא טהייער ביי איהם זיינען זיינע עראינערונגען; וויא פעסט ער הענגט זיך אן דאס אלטע; וויא ליעב עס זיינען ביי איהם זיינע גענעראלען און זיינע אפיציערן. דאס איז געווען מיט'ן אלטען האספינגער. ער האט ליעב געהאט דעם קייזער. ער האט שטאלצירט מיט זיין קייזער; ער איז שטענדיג געווען בערייט צו אפפערן זיין לעבען פאר זיין קייזער.

מען קען זיך דענקען, וויא עס האט געקרענקט דעם אלטען האספינגער, ווען ער האט דערהערט, אז זיין קייזער איז אנטלאפען פון זיין אלטע הויפטשטאדט וויע! דערצו האט ער זייט איינינע צייט ניט ערהאלטען קיין בריעף און קיינע נאבריכט פון זיין נעפען (פלעמיאניק) פראנץ שטאקהאמער. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס דער אלטער מיט זיין טאכטער זיינען געקומען קיין וויען.

ווען דער אלטער האספינגער האט זיך אביסעל בערוהיגט פון דער סצענע פארן הויז און זיין שוואגער האט איהם געגעבען אביסעל שנאפס זיך צו דערפרישען, האט ער געפרעגט:

— וואו איז פראנץ? וואס מאכט ער?

דער אלטער הויזמייסטער האט געשאקעלט טרויעריג דיא קאפ. עס איז איהם שווער געווארען צו פערקלאגען זיין אייגען פלייש און בלוט.

— דוא שווייגסט, איגנאץ? פאר וואס זאגסט דוא מיר ניט, וואס איז מיט דעם פראנץ?

— דער פראנץ פיהרט זיך ארום מיט שלעכטע מענשען, האט ענדליך דער אלטער הויזמייסטער געזאגט. זייט א געוויסע צייט איז ער אראפ פון'ם וועג און ער געהט ארום מיט שלעכטע מענשען, וועלכע האבען פיינד דעם קייזער. איך האב מורא, אז ער איז געווארען א פעררעטהער אן דעם קייזער.

דער טיראלער איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטער.

— פראנץ א פעררעטהער? — דאס קען ניט זיין! גרויסער גאט אין הימעל! איז דאס מעגליך, אז א סאלדאט זאל ווערן א פעררעטהער געגען זיין קייזער?

— איך זאג עס ניט פאר געוויס, האט זיין שוואגער געענטפערט. איך קען עס ניט בעווייזען, איך האב אבער מורא, אז עס איז אזוי אדער עס קען זיין אזוי. איך האב דיר געשריעבען, אז איך ווייס ניט, וואס מיט איהם איז. איך האב ניט געוואלט דיך בעטריעבען, אלטער שוואגער! דוא האסט מיך פערשטאנען און ביסט געקומען אהער. דאס איז גוט! מיך וויל ער ניט הערן, פיעלייכט וועט ער דיך הערן, פיעלייכט וועט ער הערן, ווען נאנעלע וועט איהם בעטען.

דער אלטער טיראלער האט אראפגעלאזען טרויעריג דעם קאפ. דאס יונגע מעדכען האט אנגעהויבען צו וויינען.

— דערצעהל מיר אלעס, איגנאץ! האט דער אלטער טיראלער געבעטען. איך מוז אלעס וויסען.

— דער פראנץ פלעגט קומען צו מיר זעהר אפט, האט דער הויזמייסטער אנגעהויבען צו דערצעהלען. זייט צוויא מאנאטע האט ער אנגעהויבען צו קומען אהער מיט א יונגען סאלדאט, א סלאוואק פון אונגארן. דיעזער יונגער סאלדאט האט א

פערוואַנדעטען, וועלכער וואהנט דא אין הויז. איך האב פיינד צו דערצעהלען נעשיכטען פון דיא גרויסע מענער. איך וויל נור זאגען, אז פראנץ איז בעקאנט געווארען מיט דער גרעפין און דענקט נור פון דער גרעפין און דיעזע גרעפין איז פון אונגארן. זיא האט פיינד דעם קייזער.

— דאס איז נאך קיין פערראַטה, האט געברומט דער טיראלער.

— יא, ער ברענגט אבער דער גרעפין פאַפּיערן, דיא פאַפּיערן, וועלכע מע שרייבט אין יענעם גרויסען הויז, וואו דער קריעגס־מיניסטער וואהנט, און אלע גענעראַלען קומען זיך צונויף. איך האב אליין געזעהן, וויא ער האט געבראכט צו דער גרעפין, א גאנץ פולען לעדערנעם בייטעל מיט פאַפּיערן. איך האב מורא, אז ער וועט ענדיגען זעהר שלעכט.

דער אלטער מאַן איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפּגעבריהטער.

— וואו איז ער? וואו קען איך איהם טרעפען? — איך מוז מיט איהם רעדען!

— מיט א האלבע שטונדע צוריק איז ער מיט זיין סלאוואַק ארויפגעגאנגען צו דער גרעפין. איך האב גערעדט מיט איהם און האב געוואלט איהם ראטהען, ער זאל ניט געהן, ער האט מיך אבער ניט געהערט.

— אזוי? ער איז יעצט גראדע דאָ אין הויז? האט דער טיראלער אויסגערופען, קום, נאַנעלע! לאמיר געהן צו איהם.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האט געוואלט ארויסגעהן. דער הויז־מייסטער האט איהם צוריק געהאלטען.

— שטעה, שוואגער! האט ער געזאגט, מען געהט ניט אריין גלאט אזוי צו דיא גרויסע העררען, וויא איהר געהט ביי אייך אין דאָרף איינער צום אנדערן. ווען מען וויל אריינגעהן צו א גרעפין, דארף מען זיך פריהער מעלדען. דוא וועסט ארויפגעהן אויף דיא טרעפּ, דיא לאקייען וועלען דיך דערזעהן און וועלען דיך ארויסווארפען.

אזוי וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האבען זיי ניט בעמערקט, אז אין דער טהיר שטעהט דער סטודענט מאַטהיאַס.

— קומט מיט מיר, אלטער מאַן! איך וועל אייך פיהרען צו אייער נעפען.

— וואס רעדט איהר, הערר מאַטהיאַס? האט דער הויז־מייסטער געפרעגט. דיא גרעפין וועט אויף מיר בייז זיין.

— זייט רוהיג, דעללינגער! האט דער סטודענט געענטפערט. אויף מיר קען דיא גרעפין ניט בייז זיין.

ער האט אנגענומען דעם אלטען ביי דער האנד און האט איהם ארויפגעפיהרט דיא טרעפּ.

59טער קאַפּיטעל.

ביי דער גרעפין טערקעני.

אין ערשטען שטאק פון'ם הויז זיינען געווען דרייא גרויסע זאַלען. אין אלע דרייא זאַלען זיינען יעצט געזעסען מענשען און האבען גערעדט מייסטענס שטילערהייט. אין ערשטען זאַל זיינען געזעסען ערנסטע מענשען און האבען אויסגעארבייט א פּראָגראַם

אויף מארגען. מען האט געמאכט פּלענער, וויא אזוי אפּצונעהמען דיא ארסענאלען, דיא קאנאָנען און דיא מוניציאן (קריעגס מאטעריאל).

דאס זיינען געווען ערנסטע מענשען, וועלכע האבען ווירקליך געקעמפּפט פאר דאס פאלק. ווען דאס פאלק אין עסטערייך האט יעצט מעהר פרייהייטען, וויא אין אנדערע דעספּאטישע לענדער, דארף עס דאפיר דאנקען דיעזע מענער, דיא מענער פון דער אאולא. אאולא, Aula, האט געהייסען דער פערזאמלונגס ארט פון אלע גע־לערנטע און האך געבילדעטע רעוואָלוציאָנערן. אין דער אאולא פלעגט מען בעשליסען, וואס מען זאל טאהן און וויא אזוי מען זאל ארגאניזירען דיא ארבייטער און דאס פאלק.

פאר דיא מענער פון דער אאולא פלעגט מען האבען רעספּעקט. אלע האבען געוואוסט, אז דיא מענער פון דער אאולא זיינען עהרליכע, ערנסטע מענשען, וועלכע גיבען זיך אפּ מיט לייב און לעבען דער זאכע פון דער פרייהייט.

יעצט זייגען געזעסען דיא אנפיהרער פון'ם פאלק, דיא קעפּ פון דער אאולא און האבען זיך בעראטהען וואס צו טאהן. צווישען דיעזע מענער האט זיך געפונען א יונגער מאן, א דאקטאר מיט'ן נאמען וויקטאר לאדראָנע. ער איז געוועזן איינער פון דיא פייע־ריגסטע רעפּובליקאנער. ער פלעגט קיין מאל ניט וועלען הערן פון נאכגעבען אדער זיך אונטערגעבען. ער פלעגט שטענדיג שרייען העכער פון אלע און פאָרדערן, אז מען זאל אפּשאפען דעם קייזער און גרינדען א רעפּובליק.

אין דעם צווייטען זאל איז געזעסען דיא גרעפין טערקעני לעבען א גרויסען שרייב־טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אנגעליינט צייטונגען, בריעף און אלערליי דאָ־קומענטען.

א יונגער מאן פון דער נאציאנאל גארדע איז נור וואס אריינגעקומען און האט זיך געשטעלט פארן טיש.

— וואס הערט זיך אין דיא פארשטעדט? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— דיא ארבייטער פון גומפּענדאָרף, לעאפּאלד שטאדט און מאריאהילף זייגען ענטשלאסען צו שטעלען זיך געגען דאס מיליטער. דיא נאציאָנאל גארדע וועט זיי אונ־טערשטיצען.

— ווען וועט דאס מיליטער ארויסמארשירען?

— דאס ווייסען נור דיא העכערע אפיציערן. זיי זיינען אבער אלע שווארץ געלב, דיא הינט. מען קען פון זיי גאר ניט וויסען.

— האט איהר געזעהן דאקטאר לאדראָנע?

— איך האב איהם געזעהן אין ביער־הויז „צום גאָלדענעם הירש“. ער האט מיר געהייסען אייך זאגען, אז ער וועט איהם שוין אויפזוכען.

דיא גרעפין האט גענומען א בליישטיפט און האט עפּעס נאָטירט אויף א בלאט פאפּיער.

— לאמיר זעהן, אויף וועמען קענען מיר רעכנען אויף מארגען, האט דיא גרעפין געזאגט, א גוטער גענעראל דארף איבערצעהלען זיין ארמעע, איידער ער הייבט אן א

שלאכט. ערשטענס, האבען מיר דיא אאולא, א קארפוס סטודענטען פון אלע אוני־ווערזיטעטען און העכערע שולען פון וויען.

— איך קען עס אייך ניט זאגען גענוי; האט איהר אונטערבראכען דער סטו־דענט. ווען איהר ווילט, וועל איך אריינרופען דיא אנפיהרער פו'ם זאל. זיי וועלען עס אייך בעסער ערקלערען.

דיא גרעפין האט א ווינק געטאהן. אין א מינוט ארום זיינען אריינגעקומען עטליכע ערנסטע מענער און האבען זיך ארומגעזעצט ארום טיש. דיא גרעפין האט זיי וויעדער־האלט דיא פראגע, וואס זיא האט געשטעלט פריהער דעם סטודענט.

— אונזער פלאן איז פעסט געשטעלט, האט געזאגט אן ערנסטער מאן, מיר וועלען מארגען בעלאגערן דיא באהן־סטאנציאנען פון וויען און וועלען ניט ארויסלאזען קיינעם. דאס מיליטער וועט מוזען בלייבען אין וויען און וועט אונז העלפען קעמפפען געגען דיא טיראנען.

— דאקטאר, האט דיא גרעפין געזאגט צום מאן, וועלכער האט איהר געענט־פערט אויף איהר פראגע, — דאקטאר, איהר מוזט מארגען אין דער פריה ארויסלאזען אן עקסטרא נומער פון אייער צייטונג „דער קוריער". איהר מוזט זעהן, אז דיעזע נומער זאל זיין פלאם־פייער. דיעזע נומער מוז צינדען און ברענען. דיעזע נומער מוז זיין דאס צינדהעלצכען, וועלכעס צינדעט אן א פאס מיט פולווער.

— איך האב שוין געזארגט דאפיר, האט דער דאקטאר געענטפערט. דיא צײ־טונג דרוקט זיך שוין. אין א פאר שטונדען וועלען מיר זיא ארויסשיקען אין דיא גאסען. זיא וועט זיין געדרוקט אויף רויטעס פאפיער.

— דאס איז גוט, האט דיא גרעפין געזאגט. — קענען מיר רעכענען אויף דיא ארבייטער ארגאניזאציאנען? דאס איז זעהר וויכטיג. דאקטאר לאדראנע האט מיר געזאגט, אז איהר קענט רעכענען אויף אן ארמעע פון אכציג טויזענד ארבייטער. דאס איז א מאכט!

— דיא ארבייטער פון וויען ווארטען נור אויף א סיגנאל צום מארש, האט איינער געענטפערט. זיי זיינען בערייט צו קעמפפען פאר דיא פרייהייט.

— דיא פראגע איז נור, וואס מיר זאלען פאדערען, האט געזאגט א דריטער.

— דאס איז גאנץ איינפאך, האט דער דאקטאר געענטפערט, מיר מוזען געבען דיא האנד דעם עדלען און מוטהיגען לודוויג קאשוט, וועלכער קעמפפט פאר דיא פרייהייט פון אונגארן. מיר מוזען אנשטרענגען אלע אונזערע קרעפטע צו מאכען אונ־גארן פאר א רעפובליק. קוים וועט אונגארן זיין פריי, וועט בעהמען ווערן א רעפובליק, פאלען וועט ווערן א רעפובליק, איטאליען וועט ווערן א רעפובליק און דיא דייטשע לענדער פון עסטרייך וועלען ווערן פרייע רעפובליק[illegible]

— ווער אבער וועט זיין דער אבערקאמאנדירענדער אין דער שלאכט, וועלכע מיר וועלען מארגען געבען? האט געפרעגט א [illegible]ער מאן.

— מעסענהויזער, האט דיא גרעפין געענטפערט. דאס איז שוין אפגעמאכט. מעסענהויזער איז אן אפיציער פון דער עסטרייכישער [illegible]ע. ער האט געלערנט אין א מיליטער שולע. ער וויס, וויא צו קאמאנדירען אן ארמעע.

— איך האב געטראכט, אז יעללעניק פאסט בעסער פאר אזא וויכטיגעס אמט, האט זיך אפגערופען אייגער פון דיא פערזאמעלטע. יעללעניק האט שוין בעוויזען, אז ער איז פעהיג צו קאמאנדירען. יעללעניק איז מוטהיג און טאפּפער. יעללעניק איז א קינד פון פאלק. דיא ארבייטער האבען צוטרויען צו איהם, ווען יעללעניק וועט זיי קאָמאנדירען, וועלען זיי שפּרינגען אין פייער.

— דוא פערגעסט מיין ליעבער מאן, אז יעללעניק איז א איד, האט דיא גרעפין בעמערקט. עס פאסט ניט פאר אונז, אז א איד זאל אונז קאמאנדירען.

— שעהמט אייך, גרעפין! איהר זאלט עס זאגען? — יעצט, ווען מיר קעמפּפען פאר פרייהייט און גלייכהייט, זאל מען פרעגען, ווער איינער איז? האט אויסגערופען א יונגער מאן מיט'ן נאמען פענער פאן פעננענבערג.

דיעזער יונגער מאן האט אפּגעשטאמט פון איינע פון דיא גרעסטע, עדעלסטע און עלטעסטע פאמיליען פון עסטרייך. אז ער איז געווען א באראָן האט מען געקענט דערקענען אן זיין נאמען. ער איז אבער געווען איינער פון דיא היציגסטע און פייעריגסטע רעפּובליקאנער. ער איז געווען א וואהרער פריינד פון'ם פאלק. ער איז געווען רייך, האט אבער אומיסטען געארבייט יאהרען לאנג אין א פאבריק אום צו לערנען, וויא דיא ארבייטער ווערן בעצאהלט און וויעפיעל זיי מוזען ארבייטען אום צו לעבען.

דאס איז געווען דער מאן, וועלכער האט געשפּיעלט אזא וויכטיגע ראָלע אין דער רעוואלוציאן פון וויען אין 1848.

— איך פרעג אייך נאך א מאל, האט ער אויסגערופען, געפינט איהר ניט, אז יעללעניק איז פעהיגער צו קאמאנדירען דיא ארבייטער אלס מעסענהויזער?

— עס איז שוין בעשטימט, אז מעסענהויזער זאל קאמאנדירען, האט דער דאָקטאָר געענטפערט.

פענער פאן פעננענבערג האט אראפּגעלאזען טרויעריג דעם קאפּ! צו שפּעט האָבען דיא וויענער רעוואלוציאנערן איינגעזעהן, אז זיי האבען געמאכט א פעהלער, וואס זיי האבען איבערגעגעבען דאס קאמאַנדא אן אונפעהיגען מענשען, מ ע ס ע נ ה ו י ז ע ר!

— וואס הערט זיך מיט פּראפעסאר סמאָלקאַ? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— סמאָלקאַ איז אויף אונזער זייט, האט דער דאקטאר ערקלערט. ער וויל נאך צוואר ניט הערען פון א רעפּובליק, ער איז אבער ניט צופריעדען מיט דער איצטיגער רעגיערונג.

אזוי וויא זיי האבען אזוי גערעדט, האט א האנד בעריהרט גאנץ לייכט דעם ארבעל פון דער גרעפין. זיא האט זיך אומגעקוקט. פאר איהר איז געשטאנען איהר טרייער קאמערדיענער.

— וואס ווילסט דוא? האט זיא איהם געפרעגט אויף אונגאריש.

— זיי ווארטען דארט אין צימער.

— ווער איז יעצט ביי מיר? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— דער טיראלער פעלדוועבעל.

דיא גרעפין האט א ווינק געטאהן דעם דיענער און האט זיך געווענדעט צו דיא פערזאמעלטע.

— מיינע העררען! איך מוז אוועקגעהן אויף א קורצע צייט. שטערט אייך נים. ארבייט אוים אייערע פלענער. ווען איך וועל צוריק קומען, וועל איך אייך געווים ברענגען נייעס.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא זיך אויפגעהויבען פון איהר זיץ און איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן צווייטען שטאק. דא איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. דיא גרעפין האט אויפגעעפענט א טהיר און איז אריינגעגאנגען אין א צימער. דא איז געזעסען נור איין מאן, דער פעלדוועבעל פון גרענאדערען רעגימענט, פראנץ שטאקהאמער.

— וואס איז דאס, פראנץ? האט דיא גרעפין געפרעגט, דארף איך דיך שיקען רופען צעהן מאל, ווען איך וויל דיך זעהן?

דער פעלדוועבעל איז געווארען רויט, וויא פייער און האט אנגעהויבען זיך צו ענטשולדיגען. דיא גרעפין האט זיך געזעצט לעבען איהם און האט גענומען זיין שטארקע גראבע האנד. דער ארימער פעלדוועבעל האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. ער האט קיין מאל ניט געטרוימט צו זיצען לעבען א גרעפין און יעצט האלט דיא גרעפין זיין גראבע האנד אין איהר צארטע, קליינע האנד.

— איך האב גאר פערגעסען! האט פלוצלונג דיא גרעפין אויסגערופען, און האט אפגעלאזען זיין האנד. — איך האב גאר פערגעסען, אז דוא ביסט מיין גאסט! זיא האט גענומען דיא פלאש שטארקען אונגאר וויין, וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן טיש, און האט אנגעגאסען צווייא גלעזער, איינע פיר זיך און איינע פאר'ן פעלדוועבעל.

— טרינק, פראנץ! האט זיא געבעטען, עס איז גוטער וויין פון מיין אייגענעם וויינגארטען.

זיא האט גענומען איהר גלאז און האט עס צוגעלעגט צו דיא ליפען, זיא האט אבער ניט געטרונקען. פראנץ האט אויסגעטרונקען זיין גלאז אין גאנצען.

— נאך איינס, מיין פריינד! האט דיא גרעפין געבעטען און האט אנגעגאסע נאך א גלאז.

פראנץ האט געמוזט אויסטרינקען נאך א גלאז פון'ם פייערינגען טאקאיער.

— דאס איז שעהן, פראנץ! דאס איז גוט! האט דיא גרעפין אויסגערופען, אזוי געפעלסט דוא מיר!

זיא האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהם און האט איהם אנגענומען ביי בײדע הענד.

— איז עס וואהר, פראנץ, אז אייער בריגאדע געהט ארוים מארגען פון וויען? האט זיא איהם פלוצלונג געפרעגט.

— עס איז וואהר, גענעדיגע גרעפין, האט דער האלב בעטרונקענער פראנץ געענטפערט.

— ווען דארפט איהר ארויסמארשירען? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— איך — וויים עס — נאך אליין — ניט, האט דער ארימער פעלדוועבעל געענטפערט.

— דוא ביסט א ליגנער, פראנץ! האט דיא גרעפין אויסגערופען בייז. דוא ווייסט און ווילסט מיר ניט זאגען.

— מיר מארשירען ארויס אום זעקס אוהר אין דער פריה, האט דער סאלדאט געשטאמעלט.

— אויף וואס פאר א וועג וועט איהר געהן?

דער פעלדוועבעל האט זיך געביסען דיא ליפען. דאס איז געווען א געהיימניס, וועלכעס ער האט אויף קיין פאל נים געטאָרט אויסזאגען.

— טרינק, פראנץ! האט דיא גרעפין געבעטען און האט איהם אנגעגאָסען נאך א גרויסע גלאָז מיט וויין.

פראנץ האט געמוזט אויסטרינקען. וויא קען מען עס נים טרינקען, ווען א שעהנע גרעפין דערלאנגט מיט איהרע אייגענע הענד א גלאז גוטען וויין?

— דוא זעהסט, פראנץ, אז איך בין דיין בעסטע פריינדין, האט דיא גרעפין איהם געזאגט מיט א פריינדליכען שמייכעל. מיר מעגסט דוא אלעס זאגען.

— מיר וועלען ארויסמארשירען דורך דעם טאבאָר טויער.

— פאר וואס נים דורך דיא פארשטאדט וויעדען?

— אונזער גענעראל האט מורא פאר דיא ארבייטער. מען זאגט, אז אין וויעדען זיינען יעצט פערזאמעלט ביז הונדערט טויזענד ארבייטער.

— וועסט דוא אויך מיטגעהן, פראנץ?

— איך וועל בלייבען אין וויען.

— וויא קומט עס, וואס דוא וועסט בלייבען אין וויען?

— גענעראל ריכטער האט מיך רעקאמאנדירט דעם גענעראל אויערספערג, דעם קאמענדאנט פון וויען, ווייל איך קען זעהר גוט דיא שטאדט.

— וועט גענעראל אויערספערג בלייבען אין וויען? האט דיא גרעפין ווייטער געפרעגט.

דער סאלדאט האט א ציטער געטאהן. דאס איז געווען א געהיימניס, פון וועלכע עס האבען געוואוסט נור אייניגע מענשען אין דער גאנצער ארמעע. וויא בעטרונקען פראנץ איז געווען, האט ער דאך מורא געהאט ארויסצוגעבען אזא געהיימניס. דיא גרעפין האט איהם צוגעפרעסט צו זיך און האט איהם א קוש געטאהן אין קאפ.

— רעד, מיין פריינד! האט זיא געבעטען, וואס וויל טאהן גענעראל אויערספערג, דער קאמענדאנט פון וויען?

דער סאלדאט האט עס נים געקענט אויסהאלטען.

— ער האט א בעפעהל, אז ווען דיא וויענער וועלען ווערן אונרוהיג, זאל ער מיט דער גאנצער ארמעע ארויס פון דער שטאדט און זאל בעלאגערן דיא שטאדט פון דרויסען.

— ער אליין? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— עס קומט א גאנצער קארפוס מיליטער פון פראג. פירסט ווינדישגרעץ קא־מאנדירט דיעזען קארפוס. דער פירסט וועט ציעהן ארום וויען א קאָרדאָן פון מיליטער. מען וועט ארייגלאזען אין שטאדט יעדען, ווער עס וועט נור וועלען, מען וועט אבער קיינעם נים ארויסלאזען.

דיא גרעפין האט פערביסען דיא ליפען. זיא איז יעצט געוואהר געווארען דעם גאנצען פלאן פון דער רעגיערונג.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס אלעס? האט דיא גרעפין געפרעגט.

— איך האב א שעהנע האנדשריפט, האט פראנץ געענטפערט. מען גיט מיר איבערצושרייבען אלע דעפעשען און אלע געהיימע בעפעהלע, וועלכע קימען אן פון קריעגס־מיניסטער. איך אליין צוטראג זיי דערנאך צו דיא קאמאנדירען פון דיא רעגימענטער.

— האסט דוא היינט אויך פאפיערן מיט זיך?

דער פעלדוועבעל האט געשוויעגען. ער האט געוואוסט, אז אין דיעזער מינוט הענגט זיין לעבען אויף א האר. ווען ער גיט ארויס דיא דעפעשען, וועלכע ער האט ביי זיך, וועט מען איהם שיעסען אלס פעררעטהער. ער האט ניט געגלויבט, אז דיא רעוואלוציאן זאל זיעגען. ער איז צוואר געווען שוין שטארק אונטערגעטרונקען, האט אבער נאך געהאט אזוי פיעל פערשטאנד אין זיך, אז ער האט ניט געוואלט זאגען, וואו דיא פאפיערען זיינען.

דיא גרעפין האט איהם ארומגענומען, האט איהם צוגעפרעסט צו איהר ברוסט און האט געזאגט:

— גיב מיר דיא פאפיערען, פראנץ!

ענגער, פעסטער, ווארימער האט זיא איהם געדריקט.

— דיא דעפעשען, פראנץ! גיב מיר דיא דעפעשען!

— זיי זיינען בייא מיין געפרייטאר, — ביים סלאוואק — סאבא — פאלקא! האט ער געמורמעלט.

דיא גרעפין האט געוואוסט, אז יעצט טאר זיא איהם ניט אפלאזען. זיא האט איהם געהאלטען צוגעפרעסט צו איהר ברוסט און מיט דער האנד האט זיא אנגעהויבען צו קלינגען מיט א זילבערנעם גלעקעל, וועלכער איז געשטאנען ביי איהר אויפ'ן טיש. אן אלטע פרוי איז אריינגעקומען. דאס איז געווען דער גרעפינס אלטע אמע (ניאנקע) פאר איהר האט דיא גרעפין ניט געהאט קיין געהיימניסע.

— וואס פערלאנגט מיין קינד? האט דיא אלטע געפרעגט.

— זאג א קאמערמעדכען, זיא זאל ארויפשיקען דעם סאלדאט סאבא פאלקא. ער איז ערגעץ אונטען, אין הויף אדער אין קארידאר. ברענג איהם אבער ניט אהער, זאנדערן אויבען אין צימער. וואו דיא דריי מענער זיצען. זאג זיי, אז זיי זאלען איהם אויפנעהמען פריינדליך. דיא לעדערנע טאשע אבער, וועלכע ער טראגט, נעהם צו ביי איהם און ברענג זיא אהער.

דאס אלעס האט זיא געזאגט אויף אונגאריש, א שפראכע, וועלכע דער טיראלער פעלדוועבעל האט ניט פערשטאנען.

אין אייניגע מינוטען ארום האט דיא אלטע פרוי געבראכט דיא לעדערנע טאשע און האט זיא אניעדערגעלעגט אויפ'ן טיש פאר דער גרעפין. פראנץ האט א ציטער געטאהן, ווען ער האט דערזעהן דיא טאשע.

— דאס דארף איך ניט! דאס טאר איך ניט! האט ער אויסגערופען. מיין קייזער! איך האב געשווארען! —

ער האט געוואלט אויסחאפען די בריעף טאשע, די גרעפין איז אבער געוועזען שנעלער און געשיקטער פון איהם. זיא האט געחאפט די בריעפטאשע און האט זיא בעהאלטען אין בוזים. ער האט זיא ארומגענומען און האט געוואלט ארויסרייסען בייא איהר די בריעף-טאשע. זיא האט אנגעהויבען זיך צו ראנגלען מיט איהם.ביידע זיינען אומגעפאלען אויפ'ן דיוואן......

זיא האט געעפענט די בריעף-טאשע, האט אויסגעשאטען אלע פאפיערן אויפ'ן טיש און האט אנגעהויבען זיי צו לעזען.

— ליעבער, גוטער פראנץ! האט זיא אויסגערופען, דוא האסט דאך דא גאנץ וויכטיגע פאפיערען! א בעפעהל פון קריעגס מיניסטער! — אן ארדער פון גענעראל אויערספערג. א בעפעהל צום גענעראל ריכטער. —

— ביי גאט, גרעפין! גיט מיר אפ די פאפיערן! איך קען בעצאהלען מיט מיין קאפ פאר אזא פערברעכען!

— נארר, וואס דוא ביסט! מארגען הייבט זיך אן די רעוואלוציא; און מיר וועלען פערניכטען די גאנצע איצטיגע רעגיערונג. אויפ'ן ערגסטען פאל קענסט דאך זאגען, אז די רעוואלוציאנערע זיינען אויף דיר אנגעפאלען און האבען ביי דיר צוגענומען די טאשע מיט די בריעף.

אזוי וויא זיא האט אזוי גערעדט, האט זיא אויפגעריעסען איין פאפיער נאכ'ן אנדערן און האט זיי דורכגעלעזען.

— אזוי? האט זיא אויסגערופען. — עס קומען קיראסירע? — עס קומען צוויי רעגימענטער אינפאנטעריע? — דאס איז שעהן! דאס איז גראסארטיג! — דוא ביסט ווערטה א קוש, פראנץ! —

וואס איז דאס? — דער קריעגס מיניסטער שרייבט צום באנוס (גענעראלגובערנאטאר) יעלאטשיטש, אז ער זאל אנפאלען אויף לודוויג קאשוט מיט זיין ארמעע? — נו! דאס ווערסט דוא ניט דערלעבען, גראף לאטור!

זיא איז אויפגעשפרונגען, וויא א וואהנזיניגע. האט געחאפט אויף זיך א מאנטעל און האט געוואלט ארויסלויפען פון צימער. — פלוצלונג איז זיא געבליעבען שטעהן און האט א געשריי געטאהן.

— וואס איז דאס? ווער וואגט עס אריינצוקומען אין מיינע פריוואט צימער?

ביי דער טהיר אין צימער איז געשטאנען א הויכער, אלטער מאן מיט א לאנגען גראבען שטעקען אין די הענד. הינטער איהם איז געשטאנען דער סטודענט מאטהיאס.

— ווער זייט איהר? וואס דארפט איהר? — ארויס פון דאנען! האט די גרעפין געשריען ניט מיט איהר קול.

— איך געה ארויס, אבער מיט דעם, וועלכער ליעגט אויפ'ן דיוואן, האט דער אלטער מאן געזאגט רוהיג און ערנסט.

דער פעלדוועבעל האט פערדעקט דאס געזיכט מיט די הענד און האט געברומט, וויא א פערוואונדעטער טיגער.

— וואס איז דאס פראנץ? האט ער געפרעגט. — ווייסט דוא, אז נאנעלע איז דא. זיאווארט אויף דיר. דוא ביסט אבער ניט ווערטה צו רעדען מיט איהר. וואס האסט דוא געטאהן? וויא קומסט דוא אהער?

דער אלטער איז צוגעקומען צום טיש און האט געזעהן, וויא עס ליעגען אויף איהם דיא צובראכענע קאנווערטען מיט דעם זיעגעל פון קריעגס-מיניסטעריום. אויף אייניגע קאנווערטען איז דער זיעגעל נאך געווען גאנץ. אין דעם רויטען זיעגעללאק איז געווען אריינגעגראבען שטיקלעך פון א פעדער. — דאמאלס פלעגט מען שרייבען מיט געגזענע פעדערן און ווען מען פלעגט וועלען, אז א בריעף זאל אנקומען שנעלער, פלעגט מען אפשערן א שטיקעל פון דער פעדער און מען פלעגט עס אריינקלעבען אין זיעגעל. דאס איז געווען א צייכען, אז דיעזען בריעף מוז מען אונגעזיימט צושטעלען אויף זיין אדרעסע. דער אלטער מאן איז אליין געווען א סאלדאט און האט זעהר גוט געוואוסט דיא בעדייטונג פון א שטיקעל פעדער אין זיעגעל פון א בריעף.

— דוא ביזט א פעררעטהער, פראנץ, האט ער געזאגט טרויעריג, דאס זיינען דיא בריעף פון דיין קייזער. ועמען האסט דוא זיי געגעבען?

דער ארימער פעלדוועבעל האט זיך אזוי דערשראקען פאר דעם אלטען מאן, אז ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאהן, ער האט פערדעקט זיין געזיכט מיט זיינע הענד און האט געוויינט.

דער אלטער מאן איז צוגעגאנגען צום טישעל און האט ארויפגעלעגט זיין גראבע שווערע האנד אויף דיא פאפיערן. דיא גרעפין האט געוואלט זיי אויסחאפען.

— דיעזע פאפיערן מוזען דא בלייבען! האט זיא געשריען. — ארויס פון דאנען, אלטער נארר!

— ניין, שעהנע דאמע! האט דער אלטער מאן געזאגט, דאס זיינען דעם קייזערס בריעף, איך מוז זיי אפגעבען דעם קייזער.

— וואס טהוסט דוא, אלטער נארר? דוא פערגעסט, אז ווען דוא וועסט נור איין בריעף איבערגעבען דעם קייזער, וועט דיעזער מאן דערשאסען ווערן וויא א הונט.

— ליעבער שטארבען, אלס זיין א פעררעטהער געגען זיין קייזער! האט דער אלטער אויסגערופען. — לאז מיך ארויס!

ער האט געחאפט אייניגע פאפירען פון'ם טיש און האט זיי אריינגעלעגט אין בוזים. דיא גרעפין האט גאר ניט געקענט טאהן געגען דיא שטארקע, אייזערנע הענד פון'ם אלטען. זיא האט זיך אומגעקוקט ווילד און דערשראקען. איהרע אויגען זיינען געפאלען אויף א שווערד, וועלכער איז געלעגען אויף א שטוהל. דאס איז געווען דעם פעלדפעבעלס שווערד. זיא האט איהם ארויסגעחאפט פון דער שייד און האט איהם געוויעזען דעם אלטען מאן.

דער אלטער מאן האט אויפגעריסען זיין הארץ און האט זיך געשטעלט געגען דיא גרעפין.

— שטעך! טייטע מיך! האט ער אויסגערופען. דוא האסט געטייטעט דיעזען דא, דעם פראנץ, דוא האסט געטייטעט דיא נאנעלע, טייטע מיך אויך!

דיא גרעפין איז צוריקגעשפרונגען. זיא איז דאך געווען צו שוואך אום אריינצו-

שטויסען דאס מעסער אין דיא ברוסט פון אן אלטען מאן. זיא האט אנגעחאפט דאס זילבערנע גלעקעל פון'ם טיש און האט אנגעהויבען צו קלינגען, וויא וויט זיא האט געקענט. באלד האבען זיך געוויעזען אין טהיר איינינע קרעפטיגע געשטאלטען. צווישען זיי האט מען געקענט זעהן דיא הויכע און קרעפטיגע געשטאלט פון סאבאָ פאַלקאָ.

דער אלטער האט אויפגענומען, וויא פיעל פאפיען ער האט נור געקענט, און איז צוגעגאנגען צו דער טהיר.

— מאכט פלאץ! האט ער אויסגערופען. לאזט מיך ארויס!

ער האט אויפגעהויבען זיין לאנגע, גראבען שטעקען און האט זיך געמאכט פלאץ פאר דער טהיר. מען האט זיך דערשראקען פארן שטארקען, ווילדען, בייזען אלטען.

— האלט איהם צוריק, איהר מענער! האט דיא גרעפין געשריען, לאזט איהם ניט ארויס! ער האט ביי מיר צוגענומען וויכטיגע פאפיערן! — א בריעף פון'ם קריעגס מיניסטער צום באנוס יעלאטשיטש! — איך מוז זיי האבען! — לאזט איהם ניט ארויס, דאקטאר!

אין דער טהיר האט זיך יעצט געוויעזען דאס פיערעקיגע געזיכט פון דאקטאר לאדראָנע. מען וואלט געוויס ניט ארויסגעלאזען דעם אלטען מאן פון'ם צימער, ווען דער פעלדוועבעל זאל ניט געווען אויפשפרינגען, וויא אַ וואהנזיניגער און זאל זיך ניט געוועןווארפען אויף דיא מענער לעבען דער טהיר.

— מאכט פלאץ! האט ער געשריען אויסער זיך, לאזט ארויס דעם אלטען! ווער עס וועט איהם אנריהרען, דער איז א טויטער מענש!

דיא מענער ביי דער טהיר האבען זיך דערשראקען און האבען אפגעטרעטען. דער אלטער מאן איז זיך ארויסגעגאנגען רוהיג פון דער טהיר און איז אראפגעגאנגען דיא טרעפ. ער איז צוגעקומען צו זיין שוואגערס טהיר, האט זיא האסטיג אויפגעריסען און האט אויסגערופען:

— קום, נאנעלע! שנעל, נאנעלע!

— וואס איז גראספאטער? האט דאס יונגע מעדכען געפרעגט. וואו איז דער פראנץ?

— דוא האסט ניט קיין פראנץ! האט דער אלטער געזאגט בייז. פראנץ איז פערלארען! פראנץ איז א פעררעטהער געגען גאט און זיין קייזער!

— וואוהין געהסט דוא, גאָזי? האט דער אלטער הויזמייסטער געפרעגט. עס איז שוין שפעט. וואוהין וועסט דוא געהן? דוא ביסט דאך ניט בעקאַנט מיט דיא גאסען פון וויען?

— מארגען, מארגען, איגנאץ! האט דער אלטער אויסגערופען. מארגען וועל איך דיר אלעס זאגען! — יעצט האב איך קיין צייט.

ער האט אנגענומען דאס יונגע מעדכען ביי דער האנד און איז מיט איהר ארויסגעגאנגען פון שטוב. —

ווען דער אלטער איז ארויסגעגאנגען, איז דיא גרעפין געבליעבען שטעהן איינינע מינוט,

ווִיא פערשטיינערט. זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דער אלטער וועט לויפען צום קריעגס מיניסטער און וועט איהם אלעם דערצעהלען. זיא איז געווען אויסער זיך. זיא האט געטאנצט, געשפרונגען און געציטערט פאר כעס. פלוצלונג האט זיא דער־זעהן דעם סטודענט מאטהיאס.

— ווער איז דער אלטער? האט זיא געפרעגט שטרענג.

— ער איז דעם פעלדוועבעלס אנקעל, האט מאטהיאס געענטפערט.

— פון וואנען קענסט דוא איהם?

— ער איז דעם הוידמייסטער דעללינגער'ס שוואגער.

— ווער האט איהם ארויפגעפיהרט אהער?

— איך האב איהם ארויפגעפיהרט.

— פאר וואס האסט דוא עס געטאהן? דוא ווייסט דאך, אז איך האב פיינד, מען זאל מיך שטערן.

— דער סטודענט האט ניט געענטפערט.

— געה, לויף איהם נאך! זעה, וואוהין ער געהט און וואס ער טהוט און קום מיר דערצעהלען.

— איך בין קיין שפיאָן, האט דער סטודענט געענטפערט רוהיג.

— ארויס פון דאנען, פערדאמטער סלאָוואק! איך האב דיך גענומען צו זיך און האב געוואלט מאכען פון דיר א מענשען. דוא ביסט א טויגעניכטס! Tot nem ember! דער סלאָוואק איז קיין מענש. — געה, וויז דיך ניט מעהר פאר מיינע אויגען!

דער סטודענט איז פערשוואונדען געווארען.

60טער קאפיטעל.

דיא שלאכט.

ווִיא שפעט עס איז געווען, האט עס דאך נאך געקאכט און גערוישט אין דיא גאסען פון וויען. מענשען זיינען געגאנגען, געלאפען, געשפאציערט, גערעדט, געשריען, געפאָרדערט, פערלאנגט און זיך געהיצט. פון צייט צו צייט האט מען געהערט שרייען:

— ליכט אין דיא פענסטער! עס איז דונקעל! בעלייכטעט דיא גאסען!

יעדער איינוואהנער האט געמוזט אנצינדען צוויא ליכט אויף יעדען פענסטער. ווען ער האט עס ניט געטאהן, זיינען געפלויגען שטיינער אין פענסטער און האבען צו־בראָכען דיא שויבען.

אן אונגעהייערע מענגע מענשען האט זיך פערזאמעלט ארום דעם פאלאץ פון דעם קריעגס־מיניסטעריום. ווען מען וואלט זיך גוט צוגעקוקט, וואלט מען געזעהן, אז דאס פאלק בעוואכט דאס קריעגס־מיניסטעריום. דער פאלאץ איז געווען העל בעלייכ־טעט. עס איז געווען דייטליך, אז מען ארבייט דארט זעהר פלייסיג. פון צייט צו צייט פלעגען אנלויפען אדיוטאנטען אויף פערד, פלעגען אריינלויפען אין הויף, אראפ־שפרינגען פון דיא פערד און ארויפלויפען אויף דיא ברייטע טרעפ פון'ם פאלאץ.

דאס פאלק פלעגט זיך גוט צוקוקען צו אזעלכע אדיוטאנטען און פלעגט זיי נאכ־געהן, ווען זיי פלעגען ארויסגעהן פון פאלאץ.

דער אלטער האספינגער מיט זיין אייניקעל זיינען ארומגעגאנגען איינינע צייט אין דיא גאסען אהן א צוועק און אהן א ציעל. דער אלטער איז אמאל שוין געוועזן אין וויען. דאס איז אבער געוועזן מיט דרייסיג יאהר צוריק. ער איז ניט געוועזן בעקאנט מיט דיא גאסען פון וויען און וואס ער האט יא געקענט, האט ער שוין פערגעסען.

זיי זיינען ארומגעגאנגען אייניגע צייט, ביז זיי זיינען געקומען אין א שמאל געסעל, וואו עס זיינען געוועזן ווייניג מענשען. דא האט ער צוגעפיהרט זיין עניקעל צו א לאנ־טערנע און האט איהר דערלאנגט א פאפיער.

— לעז איבער, נאנעלע, און זאג מיר, וואס דא איז אנגעשריעבען, האט ער איהר געזאגט.

דאס יונגע מעדכען האט צוואר געלעזען דייטש, זיא האט אבער ניט פערשטא־נען, וואס זיא האט געלעזען. וואס קען א יונגעס מעדכען פערשטעהן פון א בריעף, וועלכען א קריעגס־מיניסטער שרייבט צו א גענעראל? דער אלטער האט צוואר אויך ניט פערשטאנען, וואס אין דיא פאפיערן איז געשטאנען, ער איז אבער געוועזן א סאל־דאט און האט געדענקט עטליכע ווערטער, וועלכע ווערען געברויכט אין קריעג, וויא דיא ווערטער: „פאזיציאן“, „דיספאזיציא“, „באטערעען“, „קארטעטשען“, „גראנא־טען“ און דערגלייכען.

— דער בריעף איז זעהר וויכטיג, האט ער געזאגט, איך מוז איהם איבערגעבען דעם קריעגס־מיניסטער. וועט מען מיך אבער צולאזען צו איהם?

— קום, נאנעלע! לאמיר פרעגען, וואו דער קריעגס־מיניסטער וואהנט אדער וואו א גענעראל וואהנט. איך מוז מיט זיי רעדען!

ער איז געוועזן ניט ווייט פון'ם פאלאץ פון'ם קריעגס־מיניסטער. מען האט איהם באלד געוויזען, וואו דאס איז און ער איז געגאנגען אהין. דא איז אבער געוועזן אונ־מעגליך אריינצוגעהן. דיא טויערן זיינען געוועזן געשלאסען. דיא וואכען זיינען געשטאנען אין הויף און האבען קיינעם ניט געענטפערט. ער איז ארומגעגאנגען א געוויסע צייט ארום טויער און האט זיך איבערצייגט, אז יעצט איז שוין צו שפעט צו געהן צום קריעגס מיניסטער.

ער האט זיך אנגעפרעגט, וואו עס געפינען זיך דיא קאזארמעס און איז אהינ־געגאנגען. עס איז אבער געוועזן אונמעגליך צו צוטרעטען צו דער קאזארמע. דיא אפי־ציערן האבען געוואוסט, וויא דאס פאלק איז אויפגערעגט און זיי האבען געהאלטען דיא סאלדאטען פערשפארט אין זייערע קאזארמעס.

דער אלטער מאן האט בעשלאסען זיך ערגעץ אנידערצוזעצען אויף א שטיין אדער אויף א באנק און איבערווארטען ביז טאג.

— עס איז שוין ניט ווייט צו טאג, האט ער געזאגט צו זיין אייניקעל. לאמיר דא אויסווארטען, ביז עס וועט טאג ווערן. איך וועל נור איבערגעבען דיעזע פאפיערן און מיר וועלען אנטלויפען פון דיעזע פערדאמטע און פערפלוכטע וויען.

— און דעם פראנץ וועלען מיר דא לאזען? האט נאנעלע געפרעגט.

— דערמאן מיר ניט זיין נאמען! האט זיך געבייזערט דער אלטער. דוא האסט שוין ניט קיין פראנץ! דוא וועסט געפינען אנאנדער ברויטיגאם.

נאנעלע האט געשוויגען און האט מעהר ניט דערמאנט דעם נאמען פראנץ. — זיי זיינען אזוי ארומגעגאנגען איינינע צייט, ביז זיי האבען געפונען א צוואווארפענע באריקאדע. מען האט אנגעהויבען צו בויען א בארריקאדע אין דיעזער גאס, באלד אבער איז אנגעקומען א בעפעהל, אז מען זאל דיא בארריקאדע צונעהמען, ווייל מען דארף זיא ניט אין דיעזער געגענד. עס זיינען געלעגען צוואווארפען קלעצער, פעסער, ברעטער און שטיינער.

אין דער גאס איז געווען שטיל. זעלטען האט מען געזעהן דורכגעהן א מענשען. דער אלטער האט בעשלאסען דא איבערצוזיצען ביז אין טאג. ער האט ערגעץ אויסגעזוכט א קלאץ, אויף וועלכען ער מיט זיין אייניקעל האבען זיך אניעדערגעזעצט. דאס יונגע מעדכען האט זיך צוגעשפארט צו א וואנט און איז באלד אנטשלאפען געווארען. דער אלטער אבער האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף דיא הענט און האט זיך פערטראכט.

ווען ער זאל זיך געווען גוט צוקוקען אין אלע עקען, וואלט ער געזעהן, וויא אין א ווינקעל שטעהט א געשטאלט און לאזט ניט אראפ פון דיא אויגען איהם מיט זיין אייניקעל.

עס זיינען פערגאנגען א פאר שטונדען. פלוצלונג האט נאנעלע געהערט שטימען ניט ווייט פון זיך.

— ווער רעדט עס דארט, גראספאטער? האט זיא געפרעגט.

דער אלטער מאן האט איהר ארויפגעלעגט דיא האנד אויפ'ן מויל.

— שלאף, נאנעלע! הער ניט, וואס מען רעדט דארטען. עס איז א שאנדע.

— דוא דיענסט אין פאלאץ? אין געביידע, וואו עס געפינט זיך דאס קריעגס מיניסטעריום? האט געפרעגט א פרויען שטימע.

דער אלטער האט א ציטער געטאהן. ער האט דערקענט דיא שטימע פון דער גרעפין טערקעני.

— יא, איך דיען ביים מיניסטער.

— אלזא, קענסט דוא גוט דעם קריעגס מיניסטער, דעם גראף לאטור?

— געוויס! האט געענטפערט אנאנדערע פרויען־שטימע. איך זעה איהם אלע טאג.

— דאס איז גוט! דאן געה צוריק אין פאלאץ, דוא וועסט אונז העלפען בעפרייען דאס פאלק.

— וויא קען אן ארימעס מעדכען, וויא איך בין, אייך העלפען?

— דוא דארפסט נור זעהן וואס דיא גענעראלען טהוען און וואס דער מיניסטער, גראף לאטור, טהוט און וואו ער וועט בלייבען. ווען דוא וועסט בעמערקען עפעס נייעס, זאלסט זיא אריבערלויפען דיא גאס און עס מעלדען אין הויז געגענאיבער, וויא איך האב דיר געוויעזען.

— עס לעבע דיא פרייהייט! הורראה פיר דיא פרייהייט! האט מען געהערט שרייען.

דאס איז אנגעקומען א באטאליאן ארבייטער. זיי זיינען געגאנגען פרעהליך און